STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04768

KOLKHIDE

Konstantin Paustovsky

Permanent preservation of this book was made possible
by Oscar & Theda Firschein
in honor of
Lottie & Baruch Kerner and Ruth & Harry Firschein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאנסטאנטין פאוסטאווסקי

קאָלכידע

(ראמאן)

פון רוסיש דוד רויבל

אַרויסגעגעבן דורך די „ליטעראַרישע בלעטער"

ווארשע 1935

Printed in Poland
K. Paustowski — Kolchida
Nakład tyg. „Literarisze Bleter“
Warszawa

Składano i odb. w drukarni
A. Rozensztajna, W-wa Mławska 5.

קאָנסטאַנטין פּאַוסטאָווסקי



קאָנסטאַנטין פּאַוסטאָווסקי איז איצט איינער פֿון די באַליבטסטע און פּאָפּולערסטע סאָוועטישע שרייבער. ער האָט זיך ערשט דאָ נישט לאַנג אַרויסגערוקט און פֿאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער ליטעראַטור. געבוירן אין 1893 און דערצויגן געוואָרן אין אַן אינטעליגענטער רוסישער פֿאַמיליע, האָט ער שטודירט אין קיעווער און מאָסקווער אוניווערסיטעטן, דערנאָך געאַרבעט אַלס פּשוטער אַרבעטער אין די מעטאַלורגישע זאַוואָדן אין יוזאָווקע, קאַטערינאָסלאַוו און טאַגאַנראָג, געווען אַ טראַמווייקאָנדוקטאָר אין מאָסקווע; אין דער צייט פֿון דער וועלט־מלחמה איז ער געווען אַ סאַניטאַר, אַ מאַטראָס, אַ רעפּאָרטער און אַ רעדאַקטאָר. בשעתן בירגער־קריג האָט ער זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן אין אוקראַינע.

זיינע ערשטע נאָוועלן זענען פֿונם לעבן פֿון די מאַטראָסן און פֿון דעם לעבן ביים ים. אין אָט די נאָוועלן געפֿינט מען נאָך די אינטעליגענטישע גריבלענישן. עס אינטערעסירט אים דאָ מער פֿון אַלעמען דער טיפּ פֿונם „קליינעם מענטשעלע", וועלכער לעבט מיטן חלום וועגן „גרויסן אָקעאַן", וועגן זילבערנעם פּרי-

לינג, וועגן דעם געלן גלאַנץ פון פּרעמדע וויסטע ברעגעס, און וואָס די אכזריותדיקע צאַרישעווירקלעכקייט ברענגט אים צוריק אַריין אין דער וועלט פון דלות און דערשלאָגנקייט. פאַרשטייט זיך, אַז נאָכדעם האָט דאָס דאָזיקע „קליינע מענטשעלע" פאַרזעון אַזאַ קליינינקייט, ווי די „רוסישע רעוואָלוציע". פאַוסטאָווסקי איז אין די נאָוועלן געוועזן נישט מער ווי אַ באַאָבאַכטער, ער שפּיגלט זיך אין דעם ים, ער קוויקט זיך מיט דער גבורה און שאַרפזין פון די ים-לייט, אָבער ער גייט נישט ווייטער פון דעם שילדערן דעם סטיכישן, אינדיווידועלן בונט קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע.

ערשט שפּעטער, אין זיין ראָמאַן „גלאַנציקע וואָלקנס" ווערט דעם שרייבערס האָריזאָנט ברייטער, און זיינע פּערסאָנאַזשן ווערן שאַרפּער און קענטיקער, זיי ווערן דורך אים אַריינגעצויגן אין דער פּראַקטיק פונם סאָציאַלן קאַמף. זיינע אינטעליגענטן, ווי למשל, דער קאַפּיטאַן קראַווטשענקאָ, דער שריפטשטעלער בערג, דער זשורנאַליסט באַטורין הערן אויף צו זיין אָפּגעריסן „פון זייער דור" און געפינען פאַר זיך אַן אָרט אין דעם נייעם לעבן. דער גאַנצער סיוזשעט פונם ראָמאַן איז געשטיצט אויף דעם אויפזוכן די צוגערויבטע צייכנונגען פון אַ דערפינדונג, וועלכע האָט אַן אומגעהייערע באַדייטונג פאַרן ראַטנפאַרבאַנד. ראַנגלענדיק זיך מיטן שונא, קומט פאַר אין אָט די אינטעליגענטן אַן איבערקערעניש. זיי דערפילן זיך אין דער פּראַקטיק אַלס איינגעגעשלאָסענע אין דער רעוואָלוציאָנערער ווירקלעכקייט. דער שרייבער בערג פירט אונטער דעם סך-הכל פון אָט דער געלונגענער עקספּעדיציע, און זאָגט: „ווען נישט אָט די זוכענישן, וואָלט איר זיכער פאַרשימלט געוואָרן אין אייער סקעפּטיציזם". נישט געקוקט דערויף, וואָס אין דעם דאָזיקן ראָמאַן פאַרנעמען דעם אויבנאָן די אַוואַנטוריסטישע מאָטיוון, און הגם דער אויטאָר האָט דאָ נישט געגעבן די רעאַליסטישע טראַקטירונג פון די עפּיזאָדן פונם קלאַסן קאַמף, האָט דאָך פאַוסטאָווסקי דערגרייכט די גרויסע מדרגה פון באַווייזן די איבערצייגנדיקע פּסיכאָלאָגישע טראַקטירונג פון די ענדערונגען, וואָס צעטרייסלען דעם בעסטן און גרעסטן טייל פון דער אינטעליגענץ אין דער היינטיקער שטורמישער צייט.

אין זיין ווערק „קאַראַ-בוגאַז", וואָס פאַוסטאָווסקי האָט לכתחלה אָנגעשריבן פאַר דער יוגנט, און איז אַדאַנק אים שטאַרק באַליבט און פּאָפּולער געוואָרן, האָט דער אויטאָר אַרויסגעוויזן זיין קרעפּטיקן, אָריגינעלן טאַלענט פון פאַרייניקן דאָס פאַנטאַסטישע מיט דעם רעאַלן. קאַראַ-בוגאַז איז דער ים-איינגוס פונם קאַספּישן ים, וואָס אַנטהאַלט אין זיך מיליאַרדן טאָנען מיראַבי-

ליט, מיליאָנען טאָן בראָם, באַריט, שוועבל, קאַלך, פאָספאָריטן. די דאָזיקע עשירות, וועלכע דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט נישט געקענט אויסנוצן, ווערט איצט דורכן ראַטנפאַרבאַנד עקספּלואַטירט אין שנעלסטן טעמפּאָ. אין קאַראַ־בוגאַז ווערט געבויט אַ גיגאַנטישער קאָמבינאַט, עס ווערן אין דעם בוי אַריינגעצויגן די אָרטיקע נאָמאַדן־טורקמענער. די שרעקלעכע טרוקענע מדבר, ווו עס איז קיין טראָפּן וואַסער נישטאָ, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ בליענדיקן גאָרטן: פאַוסטאָווסקי שאַפט דאָ אַ גאַנצע ריי קינסטלעריש־פאַרכאַפּנדיקע עפּיזאָדן, — ווי, למשל, די ערשטע סצענע פון דעם סאָציאַליסטישן געוועט פון די טורקמענער ביים מאַכן דעס טונעל. אין דעם ווערק האָט דער מחבר אויסגענוצט אַ שלל היסטאָרישע דאָקומענטן, פאַרשידענע ציפערן, וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. און נאָך דעם אַלעמען איז ער גאַנץ ווייט פון דעם פאַקטאָגראַפישן צוגאַנג צו דער ווירקלעכקייט.

אין זיין אָקאָרשט־דערשינענעם ווערק „קאָלכידע" גיט קאָנסטאַנטין פאַוסטאָווסקי אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם דאָס פאַנטאַסטישע און רעאַלע. ער מאָלט דאָ דאָס היסטאָרישע לאַנד, וואָס ווערט דערמאָנט אין האָמערס „איליאַדיע".

צופוסנס פון די גוריער בערג אין קאַווקאַז ליגט דאָס זומפיקע לאַנד פון די מאַנגרעלן, אַ פאָלק, וואָס איז הונדערטער יאָרן געפּלאָגט געוואָרן פון הונגער און מאַלאַריע. גאַנצע דערפער זענען אויסגעשטאָרבן פון פיבער און הונגער. און אָט באַוויזט זיך אַ גרופּע פאַנטאַסטן, וואָס נעמען זיך פאַרוואַנדלען דאָס דאָזיקע זומפּיקע, טויטע לאַנד אין אַ גן־עדן, אין אַ סובטראָפּיש לאַנד, ווו עס וועלן וואַקסן טיי, ציטרינען און מאַראַנצן. ווו „די שיפן וועלן ביינאַכט אַריינשווימען אין דעם האַפן נישט לויטן שיין פונם לייכט־טורעם, נאָר לויטן ריח פון די ציטרין־וועלדער", ווי עס דריקט זיך אויס אַ פּשוטער דראָזשקאַזש.

עס אַרבעטן ספּעציאַליסטן אינזשינערן, באָטאַניקער, קלימאַט־פאָרשער, מעליאָראַטאָרן. רוסן, גרוזינער, גריכן, מאנגרעלצר און אַ פאַרבלאָנדזשעטער ענגלישער מאַטראָס. דאָס וויסנשאַפטלעכע ווערט דאָ צונויפגעפלאָכטן מיט דעם פאַנטאַסטישן, דאָס רעאַליסטישע מיט טרוימערייען — די טרוקענע וויסנשאַפטלער ווערן אָנגעשטעקט מיט פּאָעזיע, און דער אָנפירער פון דער קאָלמאַטאַציע־סטאַציע פּאַכאָמאָוו ציטירט פּושקינען און זאָגט־אונטער דעם אויטאָדידאַקט־מאָלער בעטשאָן — אויסצומאָלן אין פאָדערגרונט פונם פייזאַזש פון דער צוקונפדיקער קאָלכידע — דעם פאָרטרעט פון לעאָנאַרדאָ־דאַ־ווינטשי, וואָס איז געווען „גאָר נישט קיין שלעכטער מעליאָראַטאָר".

די געשפּרעכן וועגן דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטישער אַר־

בעט ווערן דורכגעפלאָכטן מיט היציקע דעבאַטן וועגן קונסט, מוזיק און פּאָעזיע.

און ממילא ווערט קלאָר אויך דאָס ווונדערבאַרע אָרט, ווו עס ווערט געשילדערט די באַציונג צווישן דעם יעגער גוליאַ צו דעם אינזשינער גאַבוניאַ. אין אַ שרעקלעכן גאָס-רעגן, וואָס באַדראָט אונטערצוושווענקען די וואַלן פונם קאַנאַל, וואָס האַלט שוין ביים פאַרענדיקט ווערן, ווייזט זיך אַרויס, אַז עס פעלט אַ מעשענעטייל אין דעם עקסקוואַוואַטאָר. דער אינזשינער גאַבוניאַ, דער יונגער באָלשעוויק, זוכט לאַנג אַרום אַ שטיקל בראָנז און מוז ענדלעך מקריב זיין דעם געליבטן בראָנזענעם לענין־ביוסט, וואָס שטייט ביי אים אין צימער, און וואַרפט אים אַריין אין שמעלץ אויוון. דער יעגער גוליאַ, דער הערשער פון די זומפּן, דער וואָס געזעגנט זיך מיט זיין יעגעריי און ווערט אַ מיטבויער פונם גרויסן ווערק צו פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד אין אַ בליענדיקן גן־עדן, דערוויסט זיך וועגן דעם ביי די שמידן, און באַשליסט אַוועקצושענקען דעם אינזשינער גאַבוניאַן, וועלכער האָט אים אַרויפגעפירט אויף דעם נייעם שעפערישן וועג, אַ סטאַטוע פון אַ פרוי, וואָס ער האָט געפונען אין די זומפּן אַרום די חורבות פון דער רוימישער פעסטונג. די דאָזיקע סטאַטוע האָט אַן אומגעהייערע היסטאָרישע ווערט, זי ווערט נאָך דערמאָנט אין האָמערס „איליאַדע". עס פעלט זיך אַזוי אַרום צונויף די פאַרגאַנגענהייט מיט דער צוקונפט, וועלכע ווערט פאַר אונזערע אויגן פאַרוואַנדלט אין אַ ווירקלעכקייט.

דאָס ווערק איז איבערפולט מיט געשיכטלעכע און וויסנשאַפטלעכע ידיעות. דער אויטאָר באַווייזט אין אַ מייסטערישער פאָרם די מעגלעכקייטן, וואָס דערוואַרטן אָט דעם לאַנד, די אָפּפערוויליקייט פון די טוער, די אינטעליגענטן און די אַרבעטער. ער שילדערט דאָ דאָס שטייגער־לעבן פון דער אַלטער מאַנגרעליע און דאָס ניי־אָנקומענדיקע לעבן פון דער פונסניי אַנטדעקטער „פּלאַמיקער קאָלכידע".

ווי אין אַלע זיינע ווערק, האָט פּאַוסטאָווסקי אויך דאָ נישט אויסגעמיטן זיין באַליבטן טיפּ — דעם טיפּ פון אַ ים-מענטש. אין דעם ווערק איז דאָס דער האַפן-קאָמענדאַנט — דער קאַפּיטאַן טשאָפּ: אַ ווונדערבאַרע יאָדערדיקע געשטאַלט פון אַן אַלטן ים-וואָלף, וואָס האָט זיך אַ וועלט אָנגעזען און האָט אויף יעדער געשעעניש, אויף יעדער באַרירטער טעמע זיינע אַ מעשה, וואָס איז קרעפטיק, קלוג-דורכגעטראַכט און וואָס באַלויכט מיט אַ ווונדערבאַרן העלן שיין אָט די אַלע געשעענישן. די געקומענע באַטאַניקערין נעווסקאַיאַ זאָגט, אַז זי איז אַ ספּעציאַליסטן איבער טיי — און טשאָפּ האָט שוין זיין

מעשה וועגן דעם סאָרט טיי „ווייסע האָר״ — די מעשות זיינע זענען פּאַרכאַפּנדיקע — עס שפּרודלט פון זיי מיט האַס צו דער אַלטער וועלט און מיט ליבע און צאַרטקייט צו דער נייער, צו דער ניי באַגעגנטער פרוי א. א. וו.

דאָס נעמלעכע איז אויך דער ענגלישער מאַטראָס סיאָמאַ, וועלכער האָט זיך איינגעפּאַסט אין דער נייער סאָציאַליסטישער בוי־אונג און וויל נישט דולדן, וואָס מען שיקט אים אָפּ אין דער פאַרזיכערונג־קאַסע, מחמת זיינע אַן איבערלעבונג, בשעת דער קאַפּיטאַן האָט בכיוון אַרויסגערופן אַן אַוואַריע פון דער שיף, אויף וועלכער ער איז געפאָרן, כדי צו באַקומען די פאַרזיכערונג און, לסוף האָט זיך דער קאַפּיטאַן אין געריכט אין אַלץ מודה געווען, און ער, דער קראַנקער מאַטראָס האָט קיין גראָשן נישט באַקומען. וויל ער דעריבער נישט גיין אין פאַרזיכערונג־קאַסע. און, אַז מען קלערט אים אויף דעם חילוק — פּראָטעסטירט ער; למאַי מען באַנוצט אַלטע טערמינען פאַר די אַנשטאַלטן פון דעם נייעם לעבן...

פּאַוסטאָווסקי האָט אין געציילטע זייטלעך אויפגעוויקלט פאַר אונז אַ פאַנטאַסטישע וועלט, וואָס האַלט ביים ווערן רעאַלע ווירקלעכקייט, און דאָס מערקווירדיקסטע איז דאָס, וואָס דאָס בוך איז אַזוי ווי געווענדט אין דער צוקונפט און דאָך שפּירט זיך דאָ דער שווונג פון דער היינטצייטיקייט, עס איז באַפליגלט מיט דער צילבאַוווסטקייט און גיט דעריבער אַ פולקאָם בילד פון די היינטצייטיקע מעגלעכקייטן, ווען אַ טעכנישער פּאַראַדאָקס קאָן ווערן קלאָרע, באַשיינפּערלעכע ווירקלעכקייט.

פּאַוסטאָווסקיס ווערק האָבן באַקומען גלענצנדע אָפּרופן פון די אָנגעזעענסטע שרייבער פון אונזער עפּאָכע, ווי מ. גאָרקי, ראָמען ראָלאַן און אַנד. זיינע ווערק זענען איבערגעזעצט אויף דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש.

ד. ר.

דעם סאָציאַליזם קען מען נישט
אויפבויען אָן פאַנטאַזיע.

(וו. לענין).

די ווילדע קאַץ

ווער עס דערהרגעט אַ קאַץ,
דער איז חייב מיתה.

(אַן אוראַלט מאַנגרעלער געזעץ).

דער ווינט האָט אַ שמיץ געטון אין דעם פענסטער פון דוכאַן*) מיט אַ הויפן שטויב און טרוקענע רויזן-בלעטלעך. נערוועז, דורכלאָזנדיק דורך די גרינע פינגער די בלעטער, האָבן זיך צעפלאַטערט די פאַלמעס, זייער גערויש איז ענלעך צו ציין-קריצעריי. דער רויך פון די קוימענס האָט זיך געיאָגט איבער די פלאַכע גאַסן פון פאָטי—פאַרטויבנדיק דעם ריח פון די אָפּגעבליטע מאַנדאַרינקעס. די פּרעש אויפן שטאָט-פּלאַץ האָבן אויפגעהערט צו פילדערן.

— עס וועט גיין אַ רעגן,—האָט זיך אָנגערופן דער יונגער אינזשיניער גאַבוניאַ.

ער האָט מיט פאַרדרוס אַרויסגעקוקט פון פענסטער. אויף דער שויב האָט זיך באַוויזן אַן אויפשריפט, וואָס איז געווען פאַרשמירט מיט קרייד: „וועסט געפינען, וואָס צוצובייסן“.

דער רעגן האָט זיך פּאַמעלעך אָנגערוקט פון ים. ער איז גע-

---

*) דוכאַן — א גאַסטהויז, א גאַרקיך.

לעגן איבערן וואַסער, אַזוי ווי אַ שווערער רויך. אין דעם רויך האָבן זיך אַזוי ווי ווייסע שטיקער געוואָרפן און געשריען די מעוועס.

— צוויי הונדערט פערציק טעג אין יאָר גיסט דאָ אַן אומאויפהערלעכער רעגן—האָט גאַבוניאַ צוגעגעבן.

— די פלאַמיקע קאָלכידע!—האָט לאַפשין אַ בורטשע געטון.—דער ענגלישער געלערטער מוררײ האָט אויסגערעכנט, אַז אויף דער ערד פאַלט יעדעס יאָר ניינציק קוביק-קילאָמעטער רעגן. איך מיין, אַז די אַלע רעגנס פאַלן אַראָפּ אָט דאָ.

די דאָזיקע ווערטער האָבן אויף גאַבוניאַן קיין שום רושם נישט געמאַכט.

דער באַלעבאָס פונם דוכאַן, דער דיקער גוריער, האָט זיך געשטיקט פון אַסטמע. ער איז געווען גלייכגילטיק צו אַלץ אין דעם וועלט — צו די אינזשיניערן, וואָס האָבן דאָ געגעסן מיטאָג, צו דערי אַלטיטשקן אַרטעם קאָרקיאַ מיטן שטעקן, וואָס איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געזעסן ביי אַ ליידיק טישל, צו דעם וואַנדערנדיקן אויף טאָדידאקט—דעם מאָלער בעטשאַ און אפילו צו דעם גאָס-רעגן, וואָס האָט זיך אָנגערוקט. ער האָט זיך געמאַטערט פון דער דושנעקייט און די פינסטערע געדאַנקען, געהאַלטן אין איין אַראָפּטרייבן די פליגן פון די גלעזער, וואָס זענען געווען קלעפּיק פון וויין, און צו-מאָל אַ קלאַפּ געטון מיט דיביינדלעך פון דעם ציילער.

בעטשאַ האָט געמאָלט מיט אייל-פאַרבן אויף דער וואַנט פונם דוכאַן אַן אומגעוויינלעך בילד. דעם סוזשעט פונם בילד האָט אים געגעבן גאַבוניאַ. דאָס בילד האָט פאַרגעשטעלט קאָלכידע אין דער צוקונפט, ווען אָנשטאָט די רחבותדיקע וואַרעמע זומפּן, וועט די דאָזיקע ערד אויפבליען מיט דער קראַפט פון מאַראַנצן. די גאָלדיקע פירות, וואָס זענען ענלעך צו עלעקטרישע לעמפּלעך, האָבן געברענט אין די שוואַרצע בלעטער, די רויזע בערג האָבן זיך גערויכערט אַזוי ווי שריפות. ווייסע דאַמפשיפן זענען געשוווּמען צווישן פרעכטיקע לאַטאַסן און שיפלעך מיט אויסגעפוצטע פרויען. אין די סעדער האָבן געהוליעט און געפּראַוועט אַ באַל מאַנגרעלער אין גאַליפע-הויזן און אין פילצענע היט, און צו אָט דעם דאָזיקן גאַנצן קינדערשן פייזאַזש

האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט אַ זקן אין אַ טשערקעסקע מיט לאַנגע געלאָקטע האָר מיט א געזיכט פון לעאָנארדאָ דאַ ווינטשי.

— ווו האָט ער גענומען לעאָנאַרדאָס פּאָרטרעט? — האָט לאַפּשין געפרעגט.

גאַבוניא איז רויט געוואָרן.

— איך האָב אים געגעבן. לאָז ער מאָלן.

לאַפּשין האָט אַ קוועטש געטון מיט די אַקסל.

שווערע טראַפּנס האָבן לאַנגזאם אַ קלאַפּ געטון איבער די טראָטואַרן. דער דוכאן האָט זיך אָנגעהויבן אָנצופולן מיט מענטשן, וואָס זענען אנטלאָפן פונם רעגן. זיי האָבן זיך פארלעגן באַגריסט מיטן באַלעבאָס, ווייל זיי האָבן גאָרנישט נישט געקענט באַשטעלן. דערנאָך האָט יעדערער באַזונדער גענומען באַטראַכטן בעטשאָס אַרבעט.

אַ געררויש פון אנטציקונג האָט גענומען לויפן פון טישל צו טישל. מענטשן האָבן געקנאַקט מיט די צונגען און זיך שטארק גע-חידושט און באוואונדערט די מייסטערשאַפט פון אָט דעם שטילן מענטשל.

דער באַלעבאָס, פאַרנעמענדיק די אַלגעמיינע באַוואונדערונג, האָט בייז אָנגעוואָרפן א פולן טעלער מיט קוקורוזע-קאַשע און געפרעגלטע פיש, אָנגעגאָסן אַ גלאָז טערפּקע וויין און עס דערלאַנגט בעטשאָן. דאס איז געווען זיין טאָג-לוין פאר דער ארבעט.

בעטשאָ האט אָפּגעשווענקט די הענט מיטן וויין, אויפגעגעסן די פיש, אָפּגעזיפצט און צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט זיך אָפּגערוט. ער האָט געהערט ווי מען לויבט אים אינדערשטיל און זיך גע-טראַכט, כאָטש דער דוכאן איז אַ קאָאָפּעראַטיווער, נארט אים פונ-דעסטוועגן דער באַלעבאָס אָפּ און גיט אים ערגערס, ווי עס איז אָפּגערעדט געוואָרן.

דער רויש פונם רעגן האָט אָנגעהויבן צו פארטויבן דאָס רעדן פון די מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפולט דעם דוכאן. דאָס וואַ-סער האט געזונגען אין די רינוועס און מיט אַ שיפעריי געפּאטשט אין די שויבן פון די פענסטער. די טראַפּנס האבן אין געאייל אויס-געקלאַפּט די הילצערנע ווענט און די שילדן, פונקט אזוי ווי טויזנ-

טער קליינינקע בלעכערס און טעסלערס האָבן פאַרטראַכט אַ פריי-לעך געוועט.

עס האָט געבלאָזן אַ מוסאָן, אַ דרום-מערבדיקער ווינט. ער האָט געטריבן די וואָלקנס, ווי אַן אָטאַרע גרויע שאָף און זיי צו-געדריקט צו דער וואַנט פון די גוריער בערג.

בהדרגה האָט זיך צו דעם געפּליעסק, געקלאַפּעריי, שאַרכעריי, בולבעריי, צו די אַלע לייכטזיניקע קלאַנגען פונם וואַסער, פאַראיי-ניקט אַ שווער געריש פון מענטשן-שטימען און גאַרגלענדיקע אויס-געשרייען.

די באַזוכער פונם דוכאַן האָבן זיך אַ לאָז געטון צו די פענ-סטער. אַ פּיטש-נאַסער המון האָט אָנגעפילט די גאַס. פונפאַרנט זענען געלאָפן קונדסים. הינטער זיי איז געגאַנגען אַ הויכער און אָנגע-כמורעטער מאַן מיט אַ ביקס אויף די פּלייצעס. זיינע אויגן האָבן ווילד געפינקלט. ער האָט שטאָלץ געטראָגן פאַרן עק אַ שוואַרצע האָריקע חיה. פון דער חיהס פּיסק זענען אַראָפּגעפאַלן טראָפּנס רעגן און בלוט.

פון דער שכנותדיקער ראַזורע איז אַרויסגעלאָפן אַ קליינוויק-סיקער זקן מיט אַן אָנגעזייפט פּנים. די זייף איז אַראָפּגערונען אויף זיין גרויער טשערקעסקע. ער האָט אַ טאַפּ געטון די חיה און איז אָפּגעשפּרונגען:

— ראַמבאַווייאַ! — האָט ער אַ געשריי געטון. — דו האָסט דערשאָסן אַ ווילדן קאָטער, קאַצאַ.

דער המון האָט אַ בריל געטון. דער יעגער איז אַריין אין דוכאַן. ער האָט אַ וואָרף געטון די נאַסע און גליטשיקע חיה דעם באַלעבאָס. עס האָבן אַ קלונג געטון די גלעזער. דער געריש פונם קלאַפּ פון דעם שווערן קערפּער אין דער טובאַנק האָט אויפגע-טרייסלט די לופט.

אין דוכאַן איז געוואָרן ענג. דער עולם האָט געשריען מיט אַזאַ האַזאַרד, גלייך ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין לעבן און טויט.

דער יעגער האָט מיט דער דלאָניע אָפּגעווישט זיין נאַס געזיכט און מיט אַ פאַרדומפּט און גרויזאַם קול פאַרגעלעגט דעם באַלעבאָס.

— קויף די פעל, פאַרוואַלטער.

דער עולם איז שטיל געוואָרן. מען האָט נישט געטאַרט דורכ-

לאָזן קיין איין וואָרט פון אַט דעם אויסטערלישן האנדל. עס האָט זיך געהאנדלט וועגן דער פעל פון אַ ווילדן קאָטער, — עס קען זייער גרייכלעך זיין פון דעם לעצטן ווילדן קאָטער, וואָס איז דער־שאָסן געוואָרן אין די זומפּיקע קאַלכּידער וועלדער.

דער באַלעבאָס פון דעם דוכאַן האָט געקוקט אויף דער חיה מיט געלע אויגן און געשוויגן. אַ מיידל מיט אַ הון אונטער דער פאַכווע און אַ בוקעט רויזן אין דער האנט איז ארויפגעקראָכן אויף אַ שטול און געקוקט אויף דער טובאַנק. די הון האָט אויפגעהערט צו פּיקן די רויזן־בלעטלעך, זיך צעקוודאכטשעט און אַ פּאטש געטון מיט די פליגל. דעמאלט האט דער אלטיטשקער ארטעם קאָרקיאַ אַ געשריי־געטון, פּאַכנדיק מיטן שטעקן איבערן קאָפּ.

— אַ קללה אויף דיין קאָפּ, קאַצאַ! דו האָסט דערהרגעט אַ קאַץ. אין אמאָליקע צייטן איז דערפאר געקומען טויט־שטראָף.

— אנטשולדיקט,—האָט דער יעגער פינסטער א קוק געטון אויף קאָרקיאַ, — איך אנטשולדיק זיך פאַר דעם אלטן מאַן, אָבער דאָס איז נישט קיין קאַץ.

דער המון האָט אַן אָכצע געטון. ערשט איצט האָט מען דער־זען, אַז דאָס איז טאקע ווירקלעך נישט קיין ווילדע קאַץ. אויף דער טובאַנק איז געלעגן אַ האָריקע חיה, וואס איז געווען ענלעך צו אַ ריזיקן ראַץ.

— איז וואָס זשע איז דאָס, אַז נישט קיין קאַץ?—האָט קאָרקיאַ פארלוירן געפרעגט.

— היץ זיך נישט, בעט איך דיך! — האט דער יעגער מיט אַ פארדומפּענער צערייצטקייט אַ געשריי געטון. — קוק בעסער מיט די אויגן.

גאַבוניאַ און לאַפּשין האָבן זיך גענומען דורכשטופּן צו דער טובאַנק. די חיה איז געווען אַ מאָדנע. אויף אירע שטארקע לאַפּעס האָבן זיך געגעלבט שווים־הייטלעך. דער לאַנגער הוילער עק איז אראָפּגעהאַנגען כּמעט ביז צו דער ערד.

דער המון איז געווען פּארווירט. אלע האָבן געקוקט אויף דעם באַלעבאָס פונם דוכאַן און געוואַרט. דער באַלעבאָס האָט אבער שווער געאָטעמט און ביין געשוויגן.

אין דעם מאָמענט האָט זיך באַוויזן דער אַספּיראַנט פון דעם

רויכוואַרג-אינסטיטוט וואַנאָ אַכמעטעלי. ער האָט זיך לייכט דורכגע-שפּאַרט צווישן עולם, ווי דורך א לײדיקן פּלאַץ, אָפּשטופּנדיק די גלאָצערס. נאָך אים האָט נאָכגעאײלט דער קלײנוווקסיקער מילי-ציאָנער גרישא מיט א האָרן-פּײפל אין האנט.

וואַנאָ איז דורכגעגאנגען צו דער טובאנק און האָט אויפגעהויבן די חיה פאַרן עק. גרישא האָט אַ פּײף געטון, פונאנדערגעשפּרייט די הענט און אָנגעהויבן גײן הינטערווײלעכס, אָפּשטופּנדיק דעם עולם. ער האָט געשריען אויף די אײנגעשפּאַרטע און זיך אײזדיע-קעוועט איבער דעם נײגיר פון די מענטשן.

— אַי, וועסט נאָך שטאַרבן, אַז דו וועסט נישט זען! סאַרא נײגיריקער! עס ווילט זיך אַזש לאַכן, אַז מען זעט אַזעלכע נאַרישע מענטשן!

— ווו האָסטו דערהרגעט? — האָט וואַנאָ געפרעגט דעם יעגער און געדיכט צונויפגערוקט די ברעמען.

— אויף דעם טערקישן קאַנאַל.

— ווי אַזוי הײסטו?

— גוליאַ.

— נו, הײסט עס, גוליאַ, — האָט וואַנאָ שטיל געזאָגט. — דו האָסט דערהרגעט אַ חיה, וואָס עס איז פאַרבאָטן זי צו שיסן. צוויי וואָכן, וועסטו מוזן אָפּזיצן.

גוליאַ האָט מיט פאַרדראָס אויסגעשנײצט די נאָז. דערנאָך האָט ער שרעקלעך אַ קוק געטון אויף וואַנאָן און אַ בורטשע געטון.

— דו ראַצן-וועכטער! אַז איך וועל דערהרגענען אַ פראָש, וועסטו מיך אויך אַרעסטירן?

— קאָך זיך נישט, קאַצאָ. אין געריכט וועסטו באַקומען אַ וואָרט. גרישאַ, פיר אים אָפּ אין מיליציע.

דער המון האָט זיך אַ לאָז געטון נאָך גרישאן און גוליאַן. דער יעגער איז געוועזן צעקאָכט. ער האָט ווידער געטראָגן די חיה פאַרן עק, אָבער שוין אָן דעם פריערדיקן שטאָלץ. די חיה האָט גע-קלאַפּט מיטן קאָפּ איבער די נאַסע פליטעס פונם טראָטואַר.

דער רעגן איז שטילער געוואָרן. ער האָט געשיט ווי אַ דריב-נער שטויב.

אין דוכאַן זענען פאַרבליבן גאַבוניאַ, וואַנאָ און לאַפּשין.

— וואָס איז דאָס פּאַראַ בעל־חי? האָט לאַפּשין געפרעגט. וואנאָ האָט זיך פּלומרשט געוואונדערט.

— נישט שוין זשע ווייסט איר נישט? דאָס איז אַן אַרגענטי־נישע חיה נוטריאַ פון טייך ריאָ־נעגראָ.

— אנטשולדיקט מיך פאר מיין אַמעראַצעס, — האָט לאַפּשין מיט א שטאָך געענטפערט. — איך בין דאָך נישט קיין זאָאָלאָג, נאר א באָטאַניקער.

— איר זענט א ספּעציאַליסט איבער פייכטע סובטראָפּישע גע־ביטן. וואלט איר, דוכט זיך, געדארפט וויסן.

גאבוניא האט זיך באמיט צו פארטושן דעם געשפּרעך, וועלכער האט שוין געהאלטן ביים איבערגיין אין א קריגעריי. ווי נאר וואנאָ מיט לאַפּשינען האבן זיך געטראָפן, האָבן זיי זיך גלייך מכבד געווען מיט שטעכווערטלעך. וואנאָ האט נישט ליב געהאט דעם יונגן באָטאַ־ניקער צוליב זיינע אמעריקאנער קאָסטיומען פון האָריקער ראָזער וואָל און פאר זיינע עלעגאנטע מאנירן. וואַנאָן האט זיך געדוכט, אז דער באָטאַניקער קוקט פון אויבן־אראָפּ אויף דער ראטן־מאכט, אזוי ווי א בכבודיקער אויסלענדער.

גאַבוניא פלעגט רויט ווערן פון די אלע שארפע רייד. ער איז געווען א שעמעוודיקער, א הויכוואקסיקער. די מאלאריע האט באדעקט מיט א געל הייטל די ווייסלען פון זיינע שטענדיק שמייכלענדיקע אויגן.

— נוטריא, — האָט ער פאַרשעמט זיך אָנגערופן, — איז די קרי־געריסשטע חיה אויף דער וועלט.

די דאָזיקע נייס איז אויפגענומען געוואָרן מיט גלייכגילטיקייט. וואַנאָ האט מיט זאָרג א קוק געטון אויף גאַבוניא.

— אז דו וועסט אויסטריקענען די זומפן און מאכן פון קאָלכידע אט די דאָזיקע זעלטענע סעדער, וואס בעטשאָ מאָלט, וועט די נוטריא אומקומען. דו ביסט דער הויפּט־מערדער פון דער נוטריא. זיי דארפן האָבן די דזשונגל און נישט ציטרינען־סעדער. אוודאי איז א שאָד...

אלע האבן א קוק געטון אויף בעטשאָס בילד. דער רעגן האט אויפגעהערט. די זונען־שיין האט זיך אדורכגעשלאגן דורך די בלע־טער פון מאגנאָליע און זיך פאַרוואנדלט אין א גרינבלעכן דעמער,

אין אַט דער ווייכער באַלויכטונג האָט בעטשאָס בילד אין גאַבוניאַס אויגן באַקומען גאָר אַ נייעם אויסזען. עס האָט זיך געגלוסט באַרירן מיט די פינגער די שווערע מאַראַנצן.

— וואָס איז אַ שאָד? —האָט גאַבוניאַ צעשטרייט אַ פרעג געטון.

— די אַרבעט, — האָט וואַנאָ געענטפערט. — צוויי יאָר האָב איך אָוועקגעפּטערט אויף אַט די דאָזיקע פאַרשאָלטענע חיות. איך בין פאַר־וואַלטער פון זייער פאַרמערונג. עס איז מיר אַ שאָד די אַרויסגע־וואָרפענע אַרבעט און די דזשונגל, —האָט וואַנאָ איבערגעחזרט. — דיינע עקספּעדיטאָרן האָבן פאַריאָגט די ווילדע חזירים. אפילו די שאַקאַלן אַנטלויפן אין די בערג.

— נו, איז כאַפּט זיי דער וואַטענמאַכער!

לאַפּשין איז אַוועק. ער האָט געוואָלט פרעגן וואַנאָן, ווי אַזוי איז די נוטריאַ געקומען פון אַרגענטינע אין די מקומות, ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן.

די גאַנצע אַרומיקע סביבה איז אים געווען דערווידער. עס איז אים נישט געפעלן אָט דאָס פלאַכע און זומפּיקע לאַנד מיט דעם פּרעכטיקן נאָמען, עס זענען אים נישט געפעלן די לאַנגדויערנדיקע וואַרעמע רעגנס, די מוטנע טייכן, וואָס לויפן מיט אַן אומפּעט פון אַ שנעלצוג אין ים אַריין. די הילצערנע הייזער אויף סוואַיעס און אויך די דוכאַנעס, ווי מען האָט דערלאַנגט וואַרעמען ווין מיט אַ ביי־טעם פון ריצנאייל.

עס האָט ווידער אָנגעהויבן צו טריפן אַ רעגן. די זון איז פאַרשוווּנדן. און, ווי אַלעמאָל, בשעת רעגן, האָט זיך די שטאָט אָנ־געפילט מיט ריחות, מיט אַזעלכע שאַרפע ריחות, אַז מען האָט זיי אומעטום ממש געקאָנט אָנטאַפּן. דאָס זענען געווען די ווייכע ריחות פון די עקאַליפּסן, דער אַראָמאַט פון רויזן, וואָס האָט זיך ממש גע־קלעפּט צום געזיכט, דער ריח פון ציטרינען, וואָס ציט צונויף די שפּיץ פינגער. אָבער די אַלע ריחות האָט מען געשפּירט ביז דעם ערשטן בלאָז פון מוסאָן. האָט ער בלויז געדאַרפט אַ רויש טון אי־בער די סעדער, איבערקערן די בלעטער און אַ שיט טאָן מיט שטויב איבער די גאַסן, אַז אַלץ האָט זיך תיכף געענדערט. אַנשטאָט די זיסע אויסדאַמפונגען, וואָס האָבן אַרויסגערופן פוילקייט און קאַפּווייס־

טיק, האָט די שטאָט אדורכגענומען אַ בייסיקער ים־צוגווינט און אַ קילקייט פון פייכטער ערד.

גאבוניא האט ליב געהאט די ווינטן. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז זיי בלאָזן ארויס פון זיין קערפער די מאלאריע־שלאַבעריקייט.

— ווען וועט מען משפטן אָט דעם מענטשן? — האָט גאבוניא געפרעגט?

— אין אַ דריי טעג אַרום.

גאבוניא האָט זיך געזעגנט מיט וואַנאַן און איז ארויס אינ־דרויסן. דער ריאַן האָט גערעוועט, אויפטרייסלנדיק די בריקן, און געקאַטשעט אין ים אַריין דאָס שיטערע ליים. גאבוניא האָט פאמע־לעך, מיט אַ גענגל פון אַ מאַליאַריקער, זיך געלאָזט גיין צום האפן.

ער האָט געטראכט, אַז זיין אייגענע ווייכקייט שטעלט אים אוועק אין אַ פאַלשער לאגע. ער האָט אויסגעמיטן דאָס געשפרעך מיט וואנאַן. עס האָט אים נישט געלאָזט צורו דאָס נישט בארעכטיק־טע געפיל פון שולד לגבי וואנאַן דערפאר, וואָס ער, גאבוניאַ, טריקנט אויס די קאַלכידער זומפן, פירט דורך קאנאלן, וואָרצלט אויס די אוראלטע וועלדער און ברענגט אום די דזשונגל, ווו עס האלט זיך אויף די נוטריא.

די דאָזיקע חיה האָט מען אראָפּגעבראכט מיט גרויס שווערי־קייט פון ארגענטינע און מען האָט זי אראָפּגעלאָזט אין די קאַלכי־דער זומפן אויף צו פארמערן זיך. וואַנאַ האָט צוויי יאר דורכאנאנד נאָכגעזען דאס פארמערן זיך פון די נוטריאס און זיך אָנדערציילט וואונדער וועגן איר טייערן פעלץ. לויט ווי ער זאָגט, ווערט דער נוטריאַ פוטער געשאצט אין מערב־אייראָפּע מיט גאָלד גלייך.

די נוטריאַ האָט זיך געפרוכפערט און געמערט שנעל, אָבער געזען האָט זי קיינער נישט, אַחוץ וואַנאַן און זעלטענע מינגרעלער־יעגער. זיי האָבן דערציילט וועגן דער שרעקלעכער קריגערישקייט פון די דאָזיקע חיות. די נוטריאַס קאָנען זיך שלאָגן גאנצע מעת־לעתן דורכאַנאנד און שטענדיק ביזן טויט. זיי זענען זייער אָנגעשראָ־קענע און לאָזן צו זיך נישט צו קיין מענטשן אַפילו אויף הונדערט שריט, אָבער בעת זיי שלאָגן זיך, פאַלן זיי אַריין אין אַזא רציחה,

אז מען קאָן צו זיי לייכט צוגיין און אוועקשלעפּן זיי איינע פון דער אנדערע פאַר די עקן. דאָס געשלעג הויבט זיך שטענדיק אָן אויף איין און דעם זעלבן אופן: די נוטריאַס כאַפּן איינע די אנדערע פאַר די פּיסקעס און באַמיען זיך אויסצוברעכן די ציין. די נוטריא, אַז זי טוקט זיך אונטער, קען זי בלייבן אונטערן וואסער פינף מינוט צייט אָן לופט.

גאַבוניאַ האָט נישט פארשטאנען, ווי אזוי וואַנאָ קאן זיך אָפּגעבן מיט אזעלכע דערווידערלעכע חיות.

וואַנאָ האָט געשטודירט די נוטריאַ, גאנצע חדשים פארבראכט אין די זומפּן. ביסלעכווייז איז ער געוואָרן דער זינגער פון די קאָלכידער דזשונגלס—פון די דושנע וועלדער, די דורכגעפלאָכטענע מיט ליאַנעס, פון די פוילע סטאַוון, פון אָט די גאַנצע פארלאָזטע, פוילנדיקע ביזן וואָרצל מאלאריע-געוויקסן.

וואַנאָ האט אָנגערופן די קאָלכידער וועלדער — טראָפּישע, נישט געקוקט דערויף, וואס אויסער דער צפון אָלשינע און ראָדאָדענדראָנען זענען דאָרט קיין אנדערע ביימער אין די דאָזיקע וועלדער כמעט נישט געוואקסן. דאָ איז געווען א מאָדנער געמיש פון צפון און דרום. די אָלשינע איז אין קאָלכידע געוואקסן מיט א לעגענדאַרער שנעלקייט. נאָכן אויסהאַקן איז אין משך פון דריי יאָר צוריק אויסגעוואקסן א געדיכטער וואלד.

גאַבוניאַ האָט געפילט, אז בסוד באַציט זיך וואַנאָ מיט גרויס פיינטשאַפט צו די מעליאָראַציע-ארבעטן, וואס מען האָט אנגעהויבן אין קאָלכידע. וואַנאָ האָט זיך אָפן געפרייט דערמיט, וואס די ארבעט גייט צו פּאַמעלעך אַדאַנק דער מאלאריע, די געוויסערן, רעגנס און די עקסקאַוואטאָרן, וואָס ווערן איינגעזונקען אין זומפּ.

גאַבוניא האט געוווסט, אז פריער אָדער שפּעטער וועט מען מוזן פירן אַ שלאכט מיט וואַנאָן איבערן גאנצן פראָנט. און דאָך האָט ער צומאָל געהאט רחמנות אויף וואנאָן: די עקסקאוואטאָרן האָבן זיך שריט נאָך שריט אריינגעשניטן אין וואַנאָס לעגענדאַרע געביטן, געריסן די ליאַנען, אויסגעשעפּט די סטאַוון, צוזאמען מיט די שוואַרצלעך-גאָלדיקע סאזאַנען, געטריבן צום ים די ווילדע חזירים און די נוטריאַס און געלאָזט נאך זיך טיפע גראָבנס, בערג מיט קלעפּיק ליים און קופּעס פוילע שטאמען.

די וועלדער פון קאָלכידע זענען ביז איבער די קני געשטאַנען אין וואסער. די וואָרצלען פון דיביימער האָבן זיך שוואך געהאלטן אין דעם זומפּיקן באָדן. עטלעכע ארבעטער האָבן לייכט געקאָנט אומוואלגערן אַ בוים, שלעפּנדיק אים מיט קייטן. דאָס האָט זיך גע־רעכנט אלס נישט געפערלעכע אַרבעט. די ביימער פלעגן קיינמאָל נישט אומפאַלן. זיי פלעגן בלייבן הענגען אויף די שטעכיקע ליאַנען, וואָס זענען געווען גראָב ווי א האנט פון א מענטשן. די וועלדער זענען געדיכט געווען פארוואקסן מיט פארשידענע געוויקסן.

די קראַפט פון אייניקע געוויקסן איז געווען ממש א דערשטוי־נענדיקע. דער לאָמאָנאָס איז ארויפגעקראָכן אויף די ביימער און זיי איבערגעבראָכן, אַזוי ווי גראָז. די שטרויכן זענען געוואקסן פאר די אויגן. אין פארלויף פון זומער זענען זיי אויסגעוואַקסן צוויי מעטער די הייך.

קיין גראָז איז אין אָט די וועלדער נישט געוואקסן. עס איז אין זיי געווען פינסטער, דושנע, און קיין פויגל איז אין זיי אויך כמעט נישט געווען. אָנשטאָט פייגל, זענען דאָרט ארומגעפלויגן פלע־דערמייז. די וועלדער זענען געשטאַנען געדיכטע, נישט דורכדרינג־לעכע און טויטע אין דעם נעפּל פון די ווארעמע רעגנס.

אז עס האָט געבלאָזן דער ווינט, האָבן די וועלדער געענדערט זייער טונקעלע פאַרב און זענען געוואָרן קוועקזילבערדיקע. דער ווינט האָט איבערגעקערט די בלעטער פון די אָלשינעס, אונטן זענען זיי געווען גרוי.

טעג, חדשים און יאָרן האָבן די וועלדער גערוישט און זיך געוויגט מיט די כוואַליעס פון טונקעלן זילבער, און גאבוניא האָט אויסגעצייכנט גוט פארשטאַנען וואנאָס פארדרוס. אָפטמאָל איז אים אליין אויך אַ שאָד געווען אָט די וועלדער.

דער אָנפירער פון די מעליאָראַציע־ארבעטן אין קאָלכידע, דער אינזשינער קאַכיאַני האט אויף דער זאך געקוקט גאנץ פשוט. ער האט נישט באמערקט נישט די וועלדער, נישט די סטאַוון, וואס זענען באוואקסן מיט וואסער־בלומען, נישט די אומצאָליקע טייכן, וואס האבן זיך דורכגעריסן דורך די גרינע בלעטער־טונעלן. דאָס אלץ האט מען געדארפט פארטיליקן, און ער האט עס באטראכט אַלס שטער.

קאַכיאַני האַט געהאַלטן וואַנאַן פאַר אַ נאַרישן יונג. אַלס ענט־פער אויף די פלאַמפּייערדיקע רעדעס אויף צו פאַרטיידיקן די דזשונגל און די נוטריאַס, האָט קאַכיאַני בלויז געמאַכט מיט די הענט און געהוסט. די גרימאַסע פון זאָרג איז קיינמאָל נישט אַראָפּ פון זיין געזיכט. מען האָט געשמועסט, אַז די דאָזיקע גרימאַסע האָט זיך ביי אים גענומען מחמת דעם צופיל מיסברויכן מיט כינין. קאַכיאַני פלעגט נישט געציילט צעקייען די כינין־טאַבלעטקעס און זיי אַראָפּגעשלונגען אָן אַ טרונק וואַסער.

דאָס באַדויערן די פאַרגאַנגענהייט, די אוראַלטע וועלדער איז אים געווען אָרגאַניש פרעמד. ער האָט געהאַלטן, אַז די נאַטור, ווען מען לאָזט זי איבער אויף אייגענעם באַראָט, מוז אומפאַרמיידלעך צעדרויבלט און דעגענערירט ווערן. מיט אומעט אין די אויגן האָט ער דאָס דערוויזן מיט ציטאַטן און באַווייזן פון די אַרבעטן פון באַוווסטע געלערטע. די דאָזיקע טעמע פאַרדינט אפילו נישט, לויט קאַכיאַניס מיינונג, קיין מינוט צייט נישט אויף צו דיסקוטירן איבער איר.

דער אָנפירער פון די אַרבעטן האָט געהאַלטן גאַבוניאַן פאַר אַ פעיקן, אָבער צופיל פאַרטרוימטן אינזשינער. ער האָט אים גע־רופן „דער ראָמאַנטיקער פון דער אינזשינעריע" און זיך שטאַרק געבייזערט, ווען ער האָט אין גאַבוניאַס צימער געפונען באַגריצקיס אַ באַנד לידער אָדער אַלפרעד מיוסעס „ווידוי פון אַ זון פון היינ־טיקן דור".

— די סאַמע קלאַסישסטע ליטעראַטור, — האָט קאַכיאַני גע־זאָגט, — דאָס איז די מאַטעמאַטיק. דאָס איבעריקע איז בלויז אַ טאַראַראַם!

דער איינציקער מענטש, וועלכער האָט מיטגעפילט וואַנאַן, איז געווען דער אַלטער אינזשינער פּאַכאָמאָוו, דער אויטאָר פון דעם גראַנדיעזן פּראָיעקט פון אויסטרוקענען די קאָלכידער זומפּן. זיצנדיק איבער די בלויע צייכנונגען, האָט ער גאַנץ אָפט אונטערגעזיפצט:

— איך בין זייער צופרידן, וואָס איך וועל נישט דערלעבן ביזן סוף פון דער אַרבעט. איך פריי מיך מיטן גאַנצן האַרצן! עס איז, זעט איר, פאַרט אַ שאָד, אומצוברענגען די נאַטור.

און טאַקע באַלד אויפן אָרט האָט ער אויף דער קאַלקע דורכ־

געלייגט אַ גאַנצע נעץ קאַנאַלן איבער די אָקאָרשט-וואָס באַווינטע אוראַלטע וועלדער און געקלאַפּט מיטן בליי-פּען איבערן טיש:

— נאָך צוויי טויזנט העקטאַר וועלן מיר אויסשניידן אונטער די ציטרינען! נישט שלעכט!

דער אַלטער איז געווען אַ מאָדנער מענטשן. דאָס האָט ער עס אָנגערעדט בעטשאָן צוצומאַלן צום פּייזאַזש אין דעם דוכאן לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס פיגור.

— ווי אזוי זשע, פריינט מיינער, מאַלסטו די צוקונפטיקע קאַל-כידע און אָן דעם ערשטן אין דער געשיכטע מעליאָראַטאָר — אָן לעאָנאַרדאָ דא ווינטשי? — האָט ער געפרעגט בעטשאָן.

בעטשאָ האָט מיט אומצוטרוי אַ קוק געטון אויף פאַכאָמאָוון.

— ער איז דאָך געווען אַ קינסטלער.

— דאָס וואָס ער איז געווען אַ קינסטלער, איז אחוץ אַ מעשה. אַ מאָלער איז ער טאַקע געווען אַן אויסגעצייכנטער — אָבער אויך נישט קיין ערגערער מעליאָראַטאָר.

גלייך נאָכדעם האָט בעטשאָ אויסגעבעטן ביי גאַבוניאַ דעם פּאָרטרעט פון דעם גענויאַלן איטאַליענער.

מיט פאַכאָמאָווס נאָמען איז אויך געווען פאַרבונדן דאָס גע-היימנישפולע וואָרט „קאַלמאַטאַזש". וועגן דעם דאָזיקן נייעם מיטל אויסצוטריקענען די זומפּן, האָט מען גערעדט פונקט אזוי ווי צו דעם פלי אויפן מארס אָדער וועגן פאַרוואַנדלען די וויס-טעניש סאַכאַרע אין אַ ים. ער איזווירקלעך געווען כמעט פאַנ-טאַסטיש, אָבער וועגן דעם וועלן מיר דערציילן ווייטער.

גאַבוניאַ, וואָס איז אויף צוויי טעג געקומען אין שטאָט אַריין פון די טשאַלאַדידער וועלדער, ווו ער האָט אָנגעפירט מיט דעם בוי פון דעם הויפּט קאַנאַל, האָט אַרומגעבלאָנקעט איבערן האַפן און גע-זוכט דעם קאַפּיטאַן טשאָפּ. טשאָפּ איז געווען דער אויפזעער פונם האַפן. מיט טשאָפּן האָט מען זיך געדאַרפט צונויפרעדן מכח די מאַ-טראָסן פאַר דעם ערד-שעפּער, וואָס האָט געאַרבעט ביים קאַנאַל.

גאַבוניאַ פלעגט אָפט קומען צופאָרן קיין פאָטי, אָבער יעדעס מאָל האָט די שטאָט און דער האַפן אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק

פון אומגעוויינטלעכע, מערקווירדיקע ערטער. אַזוי איז דאָס אויך דאָס־מאָל געווען.

אין האַפן האָט גאבוניאַן געטראָפן דער אָוונט. דער האַפן האָט געשוועבט מיט געטרוקנטע קראַבן און מיט בלאָטע. די סיגנאַל־פייערן זענען געלעגן נידעריק איבער דעם אויפגעבראָזטן וואַסער. טרויעריק און שווער האָט ביי די מאַסיוון געזונגען דער צופלוס. אזוי זינגען פאַרשלאָפענע מוטערס, פאַרוויגנדיק די קינדער.

אין דער זייט פון דער שטאָט האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן וואָלקנס, וואָס זענען באַלויכטן מיט דעם טונקעלן אָפּשיין פון די גאַס־לאַמטערנס. די פרעש האָבן געריסן די העלזער אין די זומפּן.

גאבוניא האָט אַרומגעקרייזט דעם מיט בלעך געדעקטן פּאַק־הויז, און אַרויסגעגאַנגען אויף דעם ברייטן האַפן און זיך אָפּגע־שטעלט. אין האַפן איז אַריינגעגאַנגען דער דאַמפּער „אַבכאַזיאַ“. ער איז געגאַנגען פון באַטום. די בלוילעכע שטערנס האָבן זיך צונויפ־געדריקט און זיך פונאַנדערגעשפּרייט אין וואַסער לעבן זיינע זייטן און זיך צונויפגעפלאָכטן מיט דעם אָפּשיין פון די ווייסע דאַמפּער־פייערן. דער דאַמפּער האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ קרישטאָלענער, וואָס איז באַלויכטן פון אינעווייניק.

ער האָט ווייך און צאַרנדיק אַ פייף געטון. דער פייף האָט אַ קלאַפּ געטון אין דעם נידריקן פאַרוואָלקנטן הימל און זיך אַוועקגע־טראָגן אין דער ווייט, ווי לאַנגזאַמע קרייזן אויפן וואַסער. אין די טשאַלאַדידער וועלדער האָט זיך טרויעריק אָפּגערופן דאָס עכאָ, דער־נאָך האָט זיך אומגעקערט אַ פאַרדאָפּלט, קוים־קוים געהערט, עכאָ פון די גוריער בערג.

„אַבכאַזיאַ“ האָט זיך שווערוואָגיק אַרויסגעקערעוועט מיט דעם שווארצן מאַטאָוון קערפּער, אָנפילנדיק דעם האַפן מיט געשרייען, מיט גערויש פון גיסנדיק וואַסער, מיט קינדער־געלעכטער און מיט קראַכן פון הויב־מאַשינעס.

די אַלטע פישערס האָבן מיט פאַרדראָס פאַרוויקלט די ווענד־קעס, געשפּיגען און געשריען, אַז די טייוולאָנישע דאַמפּערס לאָזן זיי נישט לעבן.

ווייסע האָר

שפּעט ביינאַכט איז א יונגע פרוי מיט אַ מיידעלע פון אַ יאָר זיבן אראָפּ פון דאַמפער. דאָס איז געווען א פראַכט-און פּאַסאַזשיר-דאַמפער. פאַר הונדערט שריט פאַר אים האָט מען געשפּירט דעם אַלטן ריח פון לעדער און נאַפט. ער האָט זיך צוגעשפּארט צום האַפן, אויסגעלאָשן די פייערן און שטיל געוואָרן.

די פרוי איז געבליבן שטיין נעבן אירע רענצלעך און, פאַר-קנייטשנדיק דעם שטערן, האָט זי זיך אַרומגעקוקט. קיינער איז נישט געווען. די זעלטענע פּאַסאַזשירן — מאַנגרעלער — זענען מיט אַ לייכט, אונטערטאַנצנדיק געגנגל אוועק אין דער פינסטערניש, ווו עס איז, אפנים געווען די שטאָט.

פון אַלע זייטן האָט געפּליעסקעט דאָס וואַסער און געראַוישט דער גלייכגילטיקער ים.

— ווי אַרום גייט מען דאָס אין שטאָט אַריין? — האָט די פרוי אויף טראַף געפרעגט, אין דער פינסטערניש אַריין, אָבער קיינער האָט איר נישט געענטפערט. דאָס מיידעלע איז געזעסן אויף אַ רענצל און דערשראָקן געקוקט אויף דער מוטער.

דער צעניאָריקער שטיוולפוצער כריסטאָפאָר כריסטאָפאָרידי איז געגאַנגען איבער דעם פינסטערן האַפן. ער האָט געטראָגן באַמבוקענע ווענדקעס און אינאייינוועגס אויך מיטגעשלעפּט דאָס קעסטל מיט פּאַסטע.

כריסטאָפאָרידי איז געווען אַ פאַרברענטער פישער. ער פלעגט אַרויסגיין אויף פישפאַנג ביינאַכט, כדי צו פאַרכאַפּן אַן אָרט ביי דעם לאַמטערן, ווו עס איז געווען אַמבעסטן צו כאַפּן סטאַלרידעס. ער האָט געציטערט פון פייכטקייט, פון דער נאַז איז אים שטענדיק גע-רונען, די ליפּן זענען געווען אָנגעדראָלן פון קעלט, — קאַיאָר האָט כריסטאָפאָרידי נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט, — אָבער די אַלע ליידן האָט ער איבערגעטראָגן מיט אַ זעלטענער מוטיקייט.

כריסטאָפאָרידי האָט זיך געאיילט. ביז אַכט אַזייגער אינדערפרי האָט ער געדאַרפט פאַרענדיקן דעם פישפאַנג, באַזוכן די דירות פון די האַפן-באַאַמטע — דעם קאַפּיטאַן טשאַפּ, דעם קאַסירער, דעם לאַצמאַן—און אַלעמען אָפּפוצן די שיך. אויף פישפאַנג איז אים אינ-

גאַנצן געבליבן דריי שעה. נאָך דעם פּוצן אין די שטובן פלעגט זיך כריסטאָפאָרידי אַנידערזעצן אין האַפן ביי דער אָפּשטעל־סטאַציע פונם אויטאָבוס און אין פאַרלויף פון אַ גאַנצן טאָג פאַרדינען קוים צוויי רובל. דער פּלאַץ איז געווען אַ פּוסטער און נישט קיין גינסטיקער. כריסטאָפאָרידי האָט אים אויסגעקליבן צוליב זיין אומגעהויערער צוּגעבונדנקייט צום ים און צום פישפאַנג.

כריסטאָפאָרידי האָט זיך געאיילט, אָבער דאָך, פאַרבייגייענדיק נעבן דעם קליינעם הויז, וווּ עס האָט געוווינט טשאָפּ, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַריינגעקוקט אין דעם באַלויכטענעם אָפענעם פענסטער. דאָס הויז איז געשטאַנען ביים סאַמע אָנהויב פונם מאָל, אין דעם סאַמע פעסטן טייל פון דעם האַפן. אין דער צייט פון אַ שטורם זענען שפּריצן וואַסער אַריינגעפלויגן אין קאַפּיטאַנס צימער.

כריסטאָפאָרידי האָט דורכן פענסטער דערזען דריי מענטשן. זיי האָבן שטאַרק און געדיכט געראויכערט די פּאַפּיראָסן און, נישט געקוקט אויף דער שפּעטער צייט, זיך געקליבן טרינקען טיי. כריסטאָפאָרידי האָט דערקענט טשאָפּן, דעם אינזשעניער גאַבוניאַ און דעם ענגלישן לאַנגפוסיקן מאַטראָס מיט דער צונעמעניש סיאַמאַ.

סיאָמאַ איז אָפּגעשטאַנען פון זיין דאַמפער און זיך אַרומגעשלעפּט אָן באַשעפטיקונג אין פּאָטי. אויף דער פראַגע „ווער ער איז?”, האָט ער געענטפערט אויף ענגליש „סימען”, וואָס באַטייט „אַ מאַטראָס”. טשאָפּ האָט אים אַ נאָמען געגעבן סעמען, און די קונדסים האָבן דאָס איבערגעמאַכט אויף סיאָמאַ.

— ווער שלאַנדרעוועט דאָס אַרום אונטער די פענסטער? — האָט טשאָפּ אַ געשריי געטון מיט אַ שרעקלעך קול.

כריסטאָפאָרידי האָט זיך אַ וואָרף געטון אין אַ זייט, און אַז ער איז אוועקגעלאָפן פונם פענסטער אַזוי ווייט, אַז עס איז שוין נישט געווען געפערלעך, האָט ער אַ דראָ געטון צום הויז מיט דער פויסט. פאַר טשאָפּן האָט ער נישט מורא געהאַט, אין דאָך האָט ער דערוואַרט אומאַנגענעמלעכקייטן. טשאָפּ האָט נישט ליב געהאַט, אַז די פישערס האָבן זיך ביינאַכט אַרומגעשלעפּט איבערן האַפן. דערנאָך האָט כריסטאָפאָרידי דערהערט אַ קינדיש געוויין און אַ שטים פון אַ פרוי:

— וויין נישט, יאָלאָטשקאַ, — האָט דאָס קול גערעדט, — מירן באַלד עמיצן געפינען.

כריסטאָפאָרידי איז צוגעגאַנגען. ווי אַ געביפטער מענטש, האָט

ער גלייך זיך געכאַפּט, אַז די פרוי איז נישט קיין היגע, אַז זי איז געקומען צופאָרן מיט דעם ביינאַכטיקן דאַמפּער, אַז דער אויטאָבוס וועט ערשט גיין אין שטאָט אַריין אין פיר שעה אַרום, און קיין דראָזשקעס זענען ביינאַכט נישטאָ.

כריסטאָפאָרידי האָט באַשלאָסן צו פאַרפירן אַ שמועס מיט דער פרוי. עס איז אים געוועזן אַ רחמנות אויף דעם מיידעלע. ער האָט נישט געוווּסט פון וואָס אָנצוהויבן דאָס געשפּרעך. כריסטאָפאָרידי האָט זיך אָנגערופן:

— אפשר אָפּפּוצן די שיך?

— וואָס רעדסטו, ייִנגעלע? — האָט זיך די פרוי צעלאַכט. — ווער פּוצט דאָס ביינאַכט שיך?

אָט אַזוי האָט זיך דאָס געשפּרעך אָנגעהויבן. די פרוי האָט זיך דערפרייט. וואָס קאָן נאָך בעסער זיין, ווי זיך צו באַגעגענען שפּעט ביינאַכט אין אַ פרעמדן, אומבאַוווּסטן האַפן מיט אַ שטיוולפּוצער און דערצו נאָך אַ פישער? דער פיש-פאַנג אַנטוויקלט גוטהאַרציקייט און באַרעדעוודיקייט, און שטיוולפּוצעריי גיט די מייסטערס פונם דאָזיקן פאַך אַ מענגע פּראַקטישן וויסן. אין די שטעט, ווו עס זענען פאַראַן אַ סך שטיוולפּוצער, האָבן די אינפאָרמיר-ביוראָס גאָרנישט וואָס צוטון.

צו די אַלע זעלטענע אייגנשאַפטן פון אַ פישער און אַ שטיוולפּוצער האָט נאָך כריסטאָפאָרידי צוגעגעבן זיין ענטוזיאַזם. די שרעקלעכע לאַגע, אין וועלכער די פרוי האָט זיך אין דעם מאָמענט געפונען, האָט אין זיין קאָפּ אַרויסגערופן אַ גאַנצן שטראָם באַגייסטערטע אידעען. ווי אַזוי קאָן מען איר העלפן? ביזן שטאָט, ווו עס איז דאָ אַן האָטעל „שוואַרצער ים", איז דריי קילאָמעטער. אַלציינס וועט מען די רענצלעך אַהין נישט דערטראָגן.

אָבער דאָס טראַכטן האָט נישט לאַנג געדויערט, — עס האָט שוין איבער פּאָטי געטריפט דער געוויינלעכער פאַרבאַגין רעגן.

— וואַרט דאָ צו אַ ווײַלע, איך קום באַלד צוריק! — האָט כריסטאָפאָרידי געזאָגט און איז פאַרשוווּנדן, איבערלאָזנדיק ביי דער פרויס פיס דאָס קעסטל מיט די ווענדקעס.

שוואַלאַם האָט ער זיך געלאָזט לויפן צו טשאָפּן. פאַרסאַפּעט און נישט קאָנענדיק כאַפּן דעם אָטעם פון דעם באַוווּסטזיין, פון דער

אויסטערלישקייט פון דעם, וואָס קומט פאָר, האָט כריסטאָפאָרידי דערציילט דעם קאַפּיטאַן וועגן דער פאַרוואָרלאָזטער פרוי. טשאַפּ האָט אַ בורטשע געטון, אַז ביי אים איז נישט קיין וואָרט-זאָל פאַר פּאַסאַזשירן. דערנאָך האָט ער זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן און גרויזאַם אַ קוק געטון אויף כריסטאָפאָרידין.

— זאָל זי ביי מיר איבערזיצן ביז אינדערפרי. איך דעזשוריר אַלציינס ביינאַכט. פיר, שמאַראָוואָז, סעמאָפאָר סעמאָפאָרידי!

כריסטאָפאָרידי האָט אַוועקגעפירט דעם קאַפּיטאַן און גאבוניא צום האַפן. דעם גאַנצן וועג האָט גאַבוניא זיך געאַמפּערט מיטן קאַפּיטאַן. גאַבוניאַ האָט געוואָלט אַוועקגיין, דער קאַפּיטאַן האָט אים אָבער נישט אָפּגעלאָזט.

— מיט טשודאַטשקעס ווייס איך נישט ווי אַזוי זיך אויפצופירן,— האט ער געפּויקט און געפּאָדערט, אַז גאַבוניאַ זאָל ביי אים בלייבן ביז אינדערפרי. סוף כּל סוף האָט גאבוניא נאָכגעגעבן.

די פרוי האָט זיך פארלוירן. צוויי מענער האָבן גענומען אירע וואַליזעס און זי אַוועקגעפירט ערגעץ צום מאָל צו, ווו עס האָט אַלץ הילכיקער און איינגעשפּארטער געגרוישט דער ים. כריסטאָפאָרידי איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן און געפּייפט פון פרייד. ער האָט באַשלאָסן נאָכצופאָלגן אָט די פארלויפעניש ביז צום סוף. גערעדט האָט מען ווייניק. דער ווינט פונם ים און דאָס סקריפּען פונם זשוויר האָבן פאַרטויבט די ווערטער.

די פרוי איז געגאַנגען, ווי אין שלאָף. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז זי איז נאָך אויף דער שיף. די ערד האָט זיך געשאָקלט און געוויגט פון דעם גערויש פון די אקאַציע-ביימער און ווינט.

ווי אין שלאָף איז זי אַריינגעגאַנגען אין דעם קליינעם חייסן הויז, ווו די מעשענע באָראָמעטערס האָבן אַלע ריכטיק אָנגעוויזן אויף „ענדערונג”, און אויף דער וואַנט לעבן די שיף-פלאַקאַטן זענען געהאָנגען סטאַלינס און קאָלומבוסעס פּאָרטרעטן, און אונטערן באלקן איז געהאָנגען אַ מאָדעל פון אַ ווייסן קליפּער מיט אַ באַגילדטן בוגשפּריט.

דער בלאָנדער מאַטראָס אין טונקל-בלויען ברייטן אַנצוג האָט זיך אויפגעהויבן און איז איר געגאַנגען אַנטקעגן און אַ דריק-געטון, ביז די ביינער האָבן אַ קנאַק געטון, איר און דעם מיידעלעס הענט. דאָס מיידעלע האָט זיך צעוויינט.

דער מאַטראָס האָט זיך נידעריק אַראָפּגעזעצט פאַר דעם מיידע-
לע, געמאַכט אַ גרימאַסע און, צופּליעסקענדיק מיט די הענט, אָנגע-
הויבן מיט אַ ווילד קול צוזינגען אַן אומגעלומפּערטן ענגלישן פאָקס-
טראָט. ער האָט זי געוואָלט באַרויקן. דאָס מיידעלע האָט גאָרנישט
פאַרשטאַנען, זי האָט זיך אָבער צעלאַכט.

דאָס געלעכטער האָט צעשטערט די אַלגעמיינע אָנגעצויגנקייט.
די פרוי האָט געשמועסט מיט גאַבוניאַן. כריסטאָפאָרידי האָט, כדי צו
באַרעכטיקן זיין פאַרבלייבן אין דעם קאַפּיטאַנס הויז, געפונען אין
קיך דעם קאַפּיטאַנס אַן אַלטע פּאָר שטיוול און זיי מיט ברען גע-
פּוצט. ער האָט זיי אויף אַזויפיל געפּוצט, אַז די שטיוול זענען אַזש
געוואָרן הייס — מען האָט זיך צו זיי פּשוט נישט געקענט צורירן
מיט דער הוילער האַנט.

כריסטאָפאָרידי האָט געפּוצט און זיך אונטערגעהערט. פון דעם
געשפּרעך מיט גאַבוניאַן האָט זיך כריסטאָפאָרידי דערוווּסט, אַז זי
הייסט העלענאַ סערגייעוונאַ ניעווסקאַיאַ, אַז זי איז אַ באָטאַניקער, (כרי-
סטאָפאָרידי האָט געוווּסט, וואָס עס באַטייט דאָס דאָזיקע וואָרט) און
איז געקומען אַרבעטן אין דער סובטראָפּישער עקספּערימענטאַלער-סטאַנציע
אין פאָטי. דערנאָך האָט זי געלעגט שלאָפן דאָס מיידעלע און זיך
ווידער געזעצט צום טיש טרינקען טיי.

ביי דער טיי האָט כריסטאָפאָרידי דערהערט אַזעלכע זאַכענישן,
אַז ער האָט גאָר אָנגעוווירן דעם חשק צו כאַפּן פיש, און ער איז
אַזוי אָפּגעזעסן ביז אינדערפרי. גאַנץ פרי האָט אים דער קאַפּיטאַן גע-
טראָפן אין קיך. אַרום כריסטאָפאָרידין זענען געשטאַנען פינף פּאָר
שיך מיט לעכער, וואָס זענען געווען אַזוי ווי אָפּגעלאַקירט מיט יאַ-
פּאַנישן לאַקיר. די אַלע פינף פּאָר האָט זיך שוין דער קאַפּיטאַן לאַנג
געקליבן אַרויסצוואַרפן אויפן מיסט. איצט האָבן זיי אויסגעזען ווי
קונסט - ווערק. כריסטאָפאָרידי האָט נישט געזשאַלעוועט קיין
פּאַסטע און מי, דער שמועס האָט די ווערט געהאַט מער פון צען
שאַכטעלעך מיט דער סאַמע איידלסטער און בעסטער פּאַסטע.

אַז די פרוי האָט אויסגעטון דעם רעגנמאַנטל און דאָס היטעלע
און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, האָט טשאָפּ, קוקנדיק אויף איר פאַר-
מאַטערט יונג געזיכט, גוטמוטיק אַ זאָג-געטון:

— הייסט עס, אַז איר זענט געקומען אין אונזער געבענטשטער-

קאַלכידע. אויסגעצייכנט! אין וואָס־זשע באַשטייט אייער ספּעציאַליטעט?

— איך בין אַ ספּעציאַליסטין אויף טיי. און דאָ וועל איך אַר־בעטן איבער אַלע קולטורן. מער פון אַלץ איבער די עקאַליפּסן.

— די עקאַליפּסן — דאָס איז גאָרנישט מיט נישט! — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט. — אָט טיי — זעט איר — דאָס איז שוין אַן ענין. איך בין אויך, קען מען זאָגן, אַ ספּעציאַליסט פון טיי. איך האָב אין מיין לעבן איבערגעפּירט הונדערטער טאָנען טיי. איר זעט!

דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעוויזן אויפן שיף־מאָדעל אונטערן באַלקן.

— איך רעקאָמענדיר. דער טיי־קליפּער „בעגאָניאַ״. דער לעצטער קליפּער אויף גאָר דער וועלט. איך בין אויף אים געשוווּמען דריי יאָר.

סיאָמאַ האָט פריילעך אַ ברום געטון. ניעווסקאַיאַ האָט אַ קוק געטון אויפן קליפּער. גאַבוניאַ האָט באַמערקט, אַז זי האָט זייער רויקע, מידע אויגן און שווערע קאַשטאַן־קאָלירנדיקע כמעט רויטלעכע האָר.

טשאַפּ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין בארעדעוודיקייט. ער האָט געהאַלטן, אַז רעדן איז דער בעסטער אופן פון אָפּרו. ער פלעגט גאַנץ אָפט טענהן צו זיינע פּילצאַליקע פריינט:

— קומט, וועלן מיר זיך אָפּרוען און אריינכאַפּן אַ שמועס.

גאַבוניאַ האָט געוווּסט, אַז טשאַפּ וועט זיך נישט איינהאַלטן. און טשאַפּ האָט זיך טאַקע נישט איינגעהאַלטן.

— איר מיינט אַפּנים, אַז דער אַלטער זאָגט ליגנס און די קלי־פּערס זענען שוין לאַנג פאַרפוילט געוואָרן. ריכטיק, זיי זענען שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ! איך שפּאַר זיך נישט! אָבער איין קלי־פּער, אָט טאַקע „בעגאָניאַ״, איז ווירקלעך געגאַנגען פון צייַלאָן קיין ענגלאַנד האַרט ביז צו דער מלחמה. דאָס איז געווען אַ טיי־קליפּער, אַ שיינהייט, זאָג איך אייך! פאַר יעדן רייס האָבן מיר אים אָפּגע־פאַרבט מיט לאַקיר און ער האָט שטענדיק געגלאַנצט, אַזוי ווי אַ נאָסער.

די קאַפּיטאַנען פון די פאַרשיידענע, שמוציקע קוילן־שיפן זענען געווען בייז אויף אונז און סיגנאַליזירט: „טייבעלע, נשמהניו, הויב אונטער דאָס קליידל, אַנישט וועלן מיר דיך נאָך אויסשמירן!״. מען האָט אונז גערופן „כאַלויעס פונעם טיי־קלוב״. מען האָט אונז נישט געקאָנט אָנקוקן אין יעדן האַפן. פאַרוואָס? ווארט, מירן נאָך צו דעם צוקומען.

מיר האָבן געפירט טיי פון קאָלאָמבאָ קיין לאָנדאָן — אַ באַזונדערן סאָרט טיי, לויט מיין מיינונג—דעם סאַמע שרעקלעכסטן סאָרט. ער האָט געהייסן „ווייסע האָר". איר זענט אַ טיי־ספּעציאַליסטן, וועט איר מיך פאַרשטיין. די בעסטע טיי האַלט מען די, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגדויערנדיקע נסיעה. אין וועג ווערט די טיי אין די ציביקעס שטאַרקער, נעמט זיך אָן מיט אַן אַראָמאַט. באַקומט אַן איידעלן געשמאַק. מען זאָגט, אַז דאָ ווירקט די צייט, די לופט און די וואַרעמקייט. האָט מען דען, דאָ ביי אונז אין רוסלאַנד, אין די אַלטע צייטן אומזיסט געהאַלטן, אַז די בעסטע טיי איז די, וואָס ווערט טראַנספּאָרטירט דורך די קאַראַוואַנען? מען האָט זי געפירט העכער אַ יאָר צייט מיט קאַראַוואַנען פון כינע צו אונז. אין וועג זענען די דריטע סאָרטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די ערשטע. ריכטיק? נו, זעט איר שוין, אַז איך אָריענטיר זיך שוין אויך אביסל אין אָט דעם ענין.

סיאָמאַ האָט אָנגעהויבן צו כראָפּען, אַוועקלעגנדיק דעם קאָפּ אויפן טיש. טשאָפּ האט אים אָנגערוקט די קעפּע אויף דער נאָז און זיך אָנגערופן צו גאַבוניאַ:

— נעם אים, בעט איך דיך, צו זיך אויף אַרבעט. ער איז אָפּגעשטאַנען פון דער שיף און וויל נישט צוריקפאָרן קיין ענגלאַנד. אַזוי איז ער אַ גוטער, א חסרון נאָר, וואָס ער איז אַביסל לעקעשעוואַטע. ער איז נישט קיין באַרעדעוודיקער.

— איך וועל אים נעמען. און דו דערצייל בעסער ווייטער וועגן קליפּער.

— אָט הייסט עס, אין די אייגנשאַפטן פון דער טיי שטעקט טאַקע דער סוד און די סיבה פאַרוואס אונזער קליפּער האָט עקזיסטירט. ער האָט געהערט צו דער טיי־פירמע לעסלי. כמעט די גאַנצע טיי האָט די פירמע איבערגעטראַנספּאָרטירט אויף די אייזערנע דאַמפּשיפן, איך מוז אייך אָבער זאָגן, אַז טיי זאַפּט אין זיך אַריין ריחות, ווי לעשפּאַפּיר טינט. אויף די דאַמפשיפן האָט זי אָנגעווירן דעם אַראָמאַט. עס זענען צו איר צוגעשטאַנען די ריחות פון אייזן, קוילן, פעל, טוכלע וואַסער און מייז. הכלל פון דער גאַנצער פאַסקודסטווע וואָס האַלט זיך אויף אין די שיפן. די דאַזיקע טיי פון די דאַמפשיפן איז געווען באַשטימט פאַרן ברייטן עולם, און פאַר די ליבהאָבער, פאַר די מפונקים, זאָל זיי דער טייוול נעמען, האָט מען געפירט טיי אויף הילצערנע שיפן.

מיר האָבן נישט געשמעקט מיט מייז. מיר האָבן געשמעקט מיט פּאַלמע־האָלץ און יאַסמין. אויפן ערנוואָרט! פאַרוואָס עפּעס מיט יאַסמין? ווייל מען האָט אין דער טיי צוליב אראָמאט ווען צוגעשיט יאַסמין־קווייטן, קאַמעליעס און לאָרבער־בלעטער. דער חוש־הריח איז ביי אונז געווען אַנטוויקלט, ווי ביי קאַפּריזנע פרויען. מיר האָבן נאָך הינטער זיך איבערגעלאָזט אַ שטראָם פון שאַרפע ריחות, און אויף די שיפן, וואָס מיר האָבן אָנבאַגעגנט אויף אונזער וועג, האָט מען געשריען: „פוי, לאָזט אונז אָפּאָטעמען! דער קאַפּיטאַן פריי שלעפּט שוין ווידער קיין לאָנדאָן זיין שווימענדיקע ראַזורע".

אָבער דאָס איז נאָך נישט אלץ. לויטן באַפעל פון דער פירמע זענען מיר פון קאָלאָמבאָ קיין לאָנדאָן געגאַנגען אויף די זעגלען נישט דורך דעם סועץ־קאַנאַל, נאָר אַרום אפריקע. מיר זענען געגאַנגען פּאַמעלעך. דאָס אַלץ איז געטון געוואָרן מיט אַ כיוון, כדי די טיי זאָל וואָס לענגער זיין אין וועג. דערפאַר האָט מען אָבער ביי די לאָרדן געשינדן די הויט פאַר דער דאָזיקער טיי. איצט פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס מען האָט אונז נישט געקענט ליידן אין אַלע האַפנס?

מיר האָבן געפירט די העכסטע סאָרטן טיי, צווישן זיי אויך דעם סאָרט „ווייסע האָר". אַז איך גיב אַ קוק אויף גאַבוניאַ, דערמאָן איך זיך שטענדיק אין דער דאָזיקער טיי. נישט צוליב דעם, וואָס דו האָסט גרויע האָר ביי די שלייפן. דאָס נעמט זיך ביי דיר פון צופיל טראַכטן — דו ביסט אינגאַנצן אַלט צוויי און דרייסיק יאָר.

ווי אַזוי בין איך דאָס דערגאַנגען, פון וואַנען עס שטאַמט דער נאָמען „ווייסע האָר"? הערט, עס איז זייער טשעקאַווע.

איינמאָל בין איך אין ציילאָן אָפּגעשטאַנען פון מיין שיף, פונקט אַט אַזוי ווי סיאָמאַ—דער קאַפּיטאַן האָט אָנגערוקט סיאָמאַס קעפּע כמעט ביזן מויל — וואָס־זשע האָב איך געזאָלט טון? נישטאָ וואָס צו עסן, קיין געלט האָב איך נישט! און ביז „בעגאָניאַ" וועט צוריקקומען, האָב איך זיך דערווייַלע אָנגעדונגען אַלס אויפזעער אין די טיי־פּלאַנטאַציעס, וואָס האָבן געהערט צו לעסלי. אַלע ארבעטער זענען געווען אָרטיקע, מערסטנטייל פרויען. אַן עולם אַ שטילער, פונקט, ווי דראָשקאַרסקע פערד.

דאָס גערויש פון די שטיול־בערשטלעך אין קיך האָט אויפגעהערט.

כריסטאָפּאָרידי האָט אויפגעהערט צו פּוצן די שיך, פאַראינטערעסירנדיק זיך מיט דעם קאַפּיטאַנס מעשות.

עס האָט שוין געטאָגט. איבערן ים האָט זיך געגרינט דער הימל, אַ ריזיקער, ווי דער אָקעאַן. טשאַפּ האָט אַרויסגעקוקט פון פענסטער.

— אַ שטיל — האָט ער אַ זאָג געטון. — אויסגעצייכנט! יאָ. אָט דאָרט האָב איך זיך דערוווסט, וואָס עס הייסט אַזוינס קאָלאָניעס, וואָס עס הייסט אַזוינס טראָפּיק. פון דעמאָלט אָן האָט מיך אָנגעכאַפּט אַן עקל, אַז איך האָב דערהערט דאָס וואָרט טראָפּיק. עס האָט מיך געאיבלט, אַז איך האָב זיך נאָר דערמאָנט אין דעם...

כאַפּסט זיך אויף גאַנץ פרי... די לופט איז אַזאַ, אַז דיר דוכט זיך, אַז דאָס לייב ווערט ייִנגער פון מינוט צו מינוט. עס רוישן די שטראָמען. אויף די בוימער בליען אַזעלכע טייוולשע קווייטן די גרייס פון אַ זופּ-שיסל. די מאַלפּעס הוידען זיך אויף זייערע עקן און שפּייען אויף דיין קאָפּ. אָנגעפּונדעוועטקייט, רייכקייט! בלויז פון די ריחות אַליין קאָן מען ווערן אַ פּאָעט.

אָט אַזוי כאַפּסטו זיך אויף און דערזעסט אַ ריזיקע זון איבער די טראָפּישע געוויקסן און הערסט דאָס קלאַפּן פון שטעקן, דאָס געוויין פון פרויען און דאָס האַוקענדיקע געשריי פון די באָסעס — די אויפזעער, קוקסט אויף די קינדער, וואָס קייען דאָס פאַרשטונקענע הייטל פון קאָקאָס-ניס און הויבסט זיך אָן אָנגליען פון ווילדן צאָרן, ביז דער קאָפּ הויבט דיר שטאַרק אָן וויי צו טון.

מען זאָגט, אַז די טראָפּיקעס — דאָס איז דער גן-עדן. ווער זאָגט דאָס? הערט נישט וואָס נאַראָנים בעבען! די טראָפּיקעס — דאָס איז דער גהינום, דאָס זענען טרערן בייַנאַכט. אָט וואָס עס זענען אַזוינס די טראָפּיקעס! אַן אָרטיקער איינוווינער פאַרקריצט אַמאָל די ציין, ווערט גרוי, און אָט-אָט וועט ער, דוכט זיך, אַ פּלעם טון דעם באָס איבער דעם קאָפּ. נאָר די פויסט דריקט זיך נישט צונויף. דאָס איז אַן אויסטערלישע שלאַפקייט. מען רופט זי: „גומענער פויסט". פון דער פּאַרע, פון פיבער, פון דער טייוולשער האָרעוואַניע, ווערן די מענטשן אָפּגעשוואַכט, אַזוי ווי אויסגעקוועטשטע. איך פלעג שפּילעוודיק מיט צוויי פינגער אויפמאַכן די פויסטן ביי די געזונטסטע און שטאַרקסטע אָרטיקע איינוווינער. אָט וואָס עס הייסט אַזוינס טראָפּיקעס!

איז אָט בין איך אָנגעקומען אויף אַ פּלאַנטאַציע, ווי מען האָט אויסגעכאָוועט דעם סאָרט טיי „ווייסע האָר“, די ברעגעס פון די בלעטלעך זענען ביי דער דאָזיקער טיי ווירקלעך ווייסלעכע.

איינמאָל האָב איך אויף דער פּלאַנטאַציע געטראָפן אַ גרייז-גרויע פרוי. זי איז געלעגן אויף דער ערד און געוויינט. וואָס איז געשען? ווייזט זיך אַרויס, אז איר מאַן איז קראַנק געוואָרן, און גיין צו אים קאָן זי נישט: מען וועט זי אַרויסיאָגן אָדער גוט אָנברעכן די ביינער. איך האָב זי אויפגעהויבן און דערזען, אַז זי איז נאָך אַ יונגע, אָט אַזוי ווי איר. זאָג איך צו איר: „גיי, איך וועל פאַר דיר ענטפערן“. זי האָט מיר אַ קוש געטון די האַנט: „מיין האַר, וואָס זיי מאַכן דאָס פון אונז, אָט די באַלעבאַטים! נישט בלויז מיר, נאָר די טיי ווערט אויך גרוי פון אונזערע ליידן. אַפילו די טיי. דעריבער טאַקע האָבן מיר זי אַ נאָמען געגעבן „ווייסע האָר“.

דערנאָך איז געווען אַ גאַנצע געשיכטע. איין באָס האָב איך אויסגעלענקט דעם האַלז.

טשאָפּ איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— וואָס זשע געהער איך זיך דאָ אָן, קאַצאָ? — האָט גאַבוניאַ געפרעגט. — וואָס פאַראַ מחותן בין איך דאָס מיט אָט דער טיי?

— דערפאַר, וואָס צוליב דיר האָב איך אָנגעווירן מיין עקל צו די טראָפּיקעס. אָט ער, — טשאָפּ האָט זיך געווענדט צו נעווסקאיאַן און אָנגעוויזן אויף גאַבוניאַן, — שאפט די סאָוועטישע טראָפּיקעס, איך פאַרשטיי די זעלביקע אַנגעפּוגרעוועטקייט, די זעלביקע רייכקייט, אָבער פריי, מיט פאַרשטאַנד. צוליב דעם לוינט זיך אָנצושטרענגען. סאָציאַליסטישע טראָפּיקעס! דאָס וועט אַ קלאַפּ טון איבער זייערע טראָפּיקעס, ווי מיט אַ בראָשפּיל איבערן קאָפּ. פאַרשטאַנען?

אָט דאַ אַנומלטן האָב איך באַגעגנט פּאַכאָמאָוון. רופט ער זיך אָן צו מיר: „הערט, טשאָפּ, איר הויבט גאָר נישט אָן צו פאַרשטיין. נו, זאָל זיין אַזוי. מיר טרוקענען אויס די זומפּן און אָנשטאָט זיי שאפן מיר אַ טראָפּישע געגנט אין ראַטנפאַרבאַנד, מיר פּאַרפלאַנצן ציטרינען, מאַראַנצן, טיי, ראַמו וכדומה, מיר ראָטן אויס די מאַלאַריע, בויען אויס אויפן ברעג פון ים קוראָרטן, אָבער דאָס איז נישט די הויפּטזאַך. דאָס וויכטיקסטע איז דאָס — וואָס מיר שאַפן אַ נייע נאַטור פאַר די מענטשן פון פרייער אַרבעט. מיד וועלן דערפירן די

טראָפּיקעס צו אזא אויפבלי, פון וועלכן אייערע באָטעס האָבן גאָר קיינמאָל נישט געחלומט! מיר וועלן דאָ באַווייזן אַזאַ קראַפט פון אונזער עפּאָכע, פון וועלכער איר האָט גאָר קיין אנונג נישט". וואָס זאגט איר נישט צו דעם אַלטן? מיט אַזעלכע אַלטיטשקע וואַרפט מען זיך נישט!

גאַבוניאַ האָט זיך אויפגעהויבן. בייטאָג האט ער שוין געדאַרפט זיין צוריק אין טשאַלאַדידע, ביים קאַנאַל.

דער פרימאָרגן האָט שוין געַרוישט הינטער די פענסטער. עס האָבן געגאָדערט די טרעגערס, עס האָט אַ גרילץ געטון דער אויטאָ-בוס, עס האָבן געקרעכצט די הויבמאַשינעס אויף די דאַמפּערס און פאַרביי דעם פענסטער איז, ווילד, אַ קוויטשע טוענדיק, דורכגעפלויגן אַ מעווע.

נעווסקאיאַ האָט אויפגעהויבן די שווער געוואָרענע וויעס און שוואַך אַ שמייכל געטון. מען האט געמערקט, אַז זי ראַנגלט זיך פיינלעך מיטן שלאָף.

—איז אָט וואָס, באַטאַניקער! — האָט טשאָפּ בייז אַ זאָג געטון.— ביז אונזער „ציטרין-בוי" וועט אייך געבן אַ צימער, פאַרבלייבט דאָ. וואָס פאַראַ לעבן איז דאָס, משטיינס געזאָגט, מיט אַ קינד אין אַן האָטעל! צימערן האָב איך צוויי. איינעם וועל איך אייך אָפּטרעטן. און ביים מיידעלע וועלן מיר דערווייל איבערלאָזן כריסטאָפאָרידין. זיין מאַמע האָט אים נאָך פון קינדווייז אָן גוט אָנגעשמיסן און אים געלערנט, ווי אַזוי מען דאַרף זיך ניאַנטשען מיט די שוועסטערלעך.

— נישט זשע מיינט איר דאָס טאַקע ערנסט? — האָט נעווסקאיאַ געפרעגט, — איך בין טאַקע, וואָס אַן אמת, זייער מיד, איך זיץ קוים איין.

— מיר וועלן אוועקגיין, און איר אָרדנט זיך דאָ איין. איך בעט אייך זייערו! — האָט טשאָפּ געזאָגט און איז רויט געוואָרן.

גאַבוניאַ און טשאָפּ זענען אוועקגעגאַנגען, מיטנעמענדיק מיט זיך כריסטאָפאָרידין. נעווסקאיאַ איז אַריינגעגאַנגען אין דעם צווייטן צי-מער, וווּ דאָס מיידעלע איז געשלאָפן, און אָן כוחות אַנידערגעפאַלן אויף דער סאָפע.

סיאָמאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט אַ גענעץ געטון, פאַר-רוקט די קעפּע אויפן קאַרק און אַ זאָג געטון אויפן ענגליש:

— מיר לעבן ווידער, לײדיס און דזשענטלמענס!
ער האָט זיך אומגעקוקט, ער האָט קײנעם נישט געזען און בלויז געהערט דאָס אָטעמען פון שלאָפנדיקע. דעמאָלט האָט ער זיך אויף די שפּיץ-פינגער געלאָזט גײן אין קיך אַרײַן, גענומען די באַרשט און אָנגעהויבן פּאַרקערן די פּאָדלאָגע. אַלעמאָל האָט ער אָנגעהויבן צו זשאָנגלירן מיט דער באַרשט. זי געדרײט, אַזוי ווי אַ שרויף פון אַ דאַמפּער, און שטיל געמורמעלט:
— מיר לעבן ווידער, לײדיס און דזשענטלמענס!

דער יעגער גוליאַ

אויב אַ מענטש איז נאָר אַרײַן אין די
דזשונגלעס, האָט זיך גלײַך די שטילקײט
געזעצט לעבן אים בײַם שײטער.
(נ. טיכאָנאָוו)

דער אָנגעכמורעטער יעגער גוליאַ איז געזעסן בײַם פײַער און געשמועסט מיטן הונט. בײַם הונט האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַטאַק פון מאַלאַריע. ער איז געלעגן, פאַרבײַסנדיק דעם שפּיץ צונג, און געקוקט אויפן באַלעבאָס מיט די געלע אויגן און זיך געוואָרפן פון פיבער.
אַרום האָט זיך אויסגעשפּרײט די דזשונגל. עס האָט געהאַלטן אין ווערן נאַכט, און אַ באַזונדערע ע״ב-פּאַרנאַכטיקע שטילקײט האָט געקלונגען אין די אויערן פונם הונט. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז עס פליען אַן גאַנצע כמאַרעס מאָסקיטן, און ער האָט נערוועז געטרײסלט מיט די אויערן.
די נישט דורכדרינגלעכע טוגאַי-געוויקסן זענען אַראָפּגעהאָנגען אין דער לופט איבער דעם שטילן סטאַוו נאַריאַנאַלי. פון צווישן די אָלשענעס האָט זיך זעלטן-זעלטן דורכגעשלאָגן אַ הראַבינע אָדער אַ געקרײזלטער טויטן-בוים. די לאַנגע שטעכעלקעס אויף די געל-גע-וואָרענע ליאַנעס זענען געווען ענלעך צו די העגער-שפּאָרן. אין דער געדיכטער האַלב-פינסטערניש האָט זיך בײַ די צופוסנס פון די בײמער געדיכט, אַזוי ווי קראָפּעווע, צעוואַקסן דער שטיקנדיקער פּאַפּאָרטניק.
— איך אַנטשולדיק זיך, — האָט זיך גוליאַ אָנגערופן צום

הונט – איך בין אָבער אַן ערלעכער יעגער און נישט אבי־ווער אַ מענשעוויק, אַ בוכהאַלטער.

דער הונט האָט קוים אַ דריי געטון מיטן ווידל.

— מעג איך זיין דער לעצטער, דער געמיינסטער מענטש, אויב איך וועל נישט אַראָפּדרייען דעם קאָפּ אָט דעם בחורעץ — האָט גוליאַ בייז געוועדט. — צען רובל שטראָף פאַר אָט דעם פאַרשיוון אַמעריקאַנער ראָץ! צען רובל פאַר אָט דעם ראָץ אונטערן ווידל! ער האָט אַזוי געזאָגט אין געריכט: „דו פאַרנעמסט זיך מיט בראַק. דו האָסט געמאַכט אַ בראַק פון אָט דער חיה". ער האָט מיך געזידלט מיט נישט קיין פיין וואָרט: „בראַקאָניער". וואַ, פריינט, וואָס הייסט אזוינס בראַק? „בראַק דאָס איז געיעג אויף פאַרבאָטענע חיות", — האָט געענטפערט דער ריכטער, איך וויים אַליין, וואָס עס הייסט אזוינס בראַק. בראַק הייסט דאָס, ווען מענטשן מאַכן אומישנע קאַליע זאַכן, ער האָט געזאָגט, דער דאָזיקער וואַנאַ, אַז מען דאַרף מיך באַשטראָפן מיט הונדערט רובל און איינזעצן אויף צוויי וואָכן.

גוליאַ האָט אויסגעשפּיגן.

— צוויי וואָכן פאַר אַ פאַרשטונקענע חיה מיט אַ נאַקעטן עק! איך האָב זיך אַפילו צעלאַכט אין געריכט. איך האָב אַזוי הויך געלאַכט, אַז דער ריכטער האָט אַזש אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געפרעגט גרישאַן — דעם מיליציאָנער: „וואָס איז דאָס מיט אים? צי דען האָסטו אין געריכט אריין געבראַכט אַ שיכור?" — עס שטופּט אים דאָס געלעכטער, — האָט גרישאַ געענטפערט — עס דוכט זיך אים, אַז דאָס איז נישט קיין געריכט, נאָר אַ קאַפּאַרעט".

גוליאַ האָט זיך אויפגעהויבן.

— „אַ שיין געלעכטער אויף דיר, אויב דו האָסט דערשאָסן אַ חיה פון דעם אַמעריקאַנער טייך ריאָ־נעמראַ,—האָט דער ריכטער געזאָגט. — דו ווייסט, וויפל די חיה קאָסט? הונדערט דאָלאַר אַ שטיק, אָדער צוויי־הונדערט גאָלד־רובל. איך זאָג דיר דעם ריינעם אמת, ווי דער אייגענער מאַמען. דו ביסט אַ פינסטערער מענטש, גוליאַ.

— איך אנטשולדיק מיך, — האָב איך געענטפערט. — איך האָב זיך, געוויס, נאָך נישט אויסגעלערנט לייענען, איך בין אָבער דער בעסטער יעגער פון סופּסי ביז כאָפּי. ווער פון אייך וועט קאָנען ביינאַכט דורכגיין אויפן קאַנאַל נעדאָאַרד און זיך אַ לעבעדיקער אומקערן צוריק? קיינער נישט! ווער פון אייך, אויסער איך, ווייס

אין וואס פארא טייכן עס פליסט שווארץ וואסער און אין וועלכן רויטס? ווער פון אייך וועט דערשיסן א ווילדן חזיר, כארגע אדער כאפן א ווילדע קאץ און נישט צוריקקומען מיט אויסגעדראפעטע אויגן? קיינער נישט! גוליא וועט דארט דורכגיין, ווו עס קאן דורכקריכן א שלאנג און עס קאן דורכשווימען א קליין פישל, בארעכן זיך, וואס דו רעדסט.

און דעמאלט האט זיך אין דעם געשפרעך אריינגעמישט וואנא און ווי מיט א קינזשאל א זעץ געטון אין מיין הארץ: „איך זע, — האט ער געזאגט, - אז דו ביסט דער בעסטער יעגער פון סופסי ביז כאפי פאר דיין אייגענער קעשענע וועגן, און איך וויל פון דיר מאכן דעם בעסטן יעגער פון דער ראטן־מאכטס וועגן״.

— וואס האב איך געקאנט ענטפערן אט דעם בחורעץ? „שווייג, דו נידעריקער נפש!״, — האב איך אויסגעשריען און בין אויפגעשפרונגען, ווילנדיק אים פארפארן אין די ציין, אבער דער מיליציאנער האט מיך אנגעכאפט פאר דער ברוסט און געזאגט, אז אין געריכט טאר מען זיך נישט שלאגן. ווילסט זיך שלאגן, גיי אויפן מארק!

אלע האבן שטארק געשריען און מיך געוואלט איינזעצן אויף א גאנצן חודש. דעמאלט איז אריינגעקומען דער יונגער, שיינער גאבוניא, דער זון פון דעם אלטן לאקאמאטיוו־מאשיניסט גאבוניא פון סאמגרעדי און געהאלטן פאר זיי אזא רעדע...

גוליא איז אנטשוויגן געווארן און האט לאנג געטראכט, באמיענדיק זיך דערמאנען גאבוניאס גלענצנדיקע רעדע, די דאזיקע רעדע האט זיך געדרייט ארום זיין זכרון, אזוי ווי אן איינגעגעסענער קאמאר, אבער גוליא האט זי בשום־אופן נישט געקענט כאפן. ער האט אפגעזיפצט און גענומען די ביקס.

— וואס ער האט געזאגט, האט ער געזאגט! „מען דארף האבן פארשטאנד, באוווסטזיין״, אט אזוי האט ער געזאגט. „איך טריקן אויס די זומפן, איגגיכן וועט דער אמעריקאנער ראץ נישט האבן ווו צו לעבן, און ער וועט אויספגרן. איז פארוואס זשע משפט איר דעם דאזיקן ארעמען מענטשן, און נישט מיך? „אט ווי אזוי גאבוניא, דער יונגער באלשעוויק, האט גערעדט — ער וועט לעבן ביז הונדערט יאר״. „צוליב וואס דארף מען באשטראפן, — האט ער געזאגט, — אז די פארטיע זאגט, אז מען דארף אזעלכע מענטשן אויסבעסערן? גיט אים איבער אין מיינע הענט. איך וועל פון אים מאכן א לייט״.

און ווען נישט גאבוניאַ, וואָלט איך געזעסן אין תפיסה, ווי יענער גנב, וואָס האָט אוועקלקחנט טשוויאַקעס אין מאַרק. קום, קאַצאָ!

דער הונט האָט זיך אויפגעהייבן און, וואַקלנדיק זיך געלאָזט גיין נאָך גוליאַן. גוליאַ האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ זאָרגעוודיק צונויפגעלעגט פּאַפּירל, דאָס פונאנדערגענומען און עס באטראכט. ווען ער וואָלט געקאָנט לייענען, וואָלט ער אין דעם איבערגעלייענט מאָדנע ווערטער:

„אַן אמטלעכער בריוו. דעם טאָפּאָגראַף אַבאַשידזע. איך שיק אייך דעם בעסטן קענער פון די קאָלכידער זומפּן — דעם יעגער גוליאַ. ער איז אויסגעווען אין די סאַמע אומצוטריטלעכע ערטער. ביים צונויפשטעלן די מאַפּע פון דעם צענטראַלן זומפּן-און-וואַלד מאַסיוו, קאָן גוליאַ אייך זייער שטאַרק צונוץ קומען. דער אָנפירער פונם בוי פונם מאַגיסטראַלן קאַנאַל-גאַבוניאַ".

גוליאַ האָט באַהאַלטן דאָס צעטעלע אין בוזעם און איז אוועק אין וואַלד אַריין. ער איז געגאַנגען צו די רואינען פון דער רוימישער פעסטונג. זיי זענען אויף דער העלפט געווען איינגעזונקען אין זומפּ און באַוואַקסן מיט הונדערטיעריקן מעך. לעבן דער פעסטונג האָבן זיך געדאַרפט אויפהאַלטן ווילדע חזירים.

אין געריכט האָט גוליאַ געזאָגט דעם אמת. קיינער האָט אַזוי גוט נישט געקאָנט די דזשונגל, ווי ער. אָבער גוליאַ האָט נישט געקאָנט דערציילן. ער האָט אויסגעשפּירט די חיה, געשלאָפן ביי שייטערס, אַריינגעפאַלן אין זומפּן און שניידיק געפּיפּט אויף שאַקאַלן. ער האָט זיך אָפּגעוווינט צו רעדן. די סאַמע לעבעדיקע שמועסן האָט ער בלויז געפירט מיט זיך אַליין און מיטן הונט.

גוליאַס ווייב איז געשטאָרבן מיט צוואַנציק יאָר צוריק. קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט. אז דאָס ווייב האָט געלעבט, פאַר דער רעוואָלוציע נאָך, האָט גוליאַ געפירט אַווירטשאַפט, פּונקט אַזוי ווי אַלע, האָט ער באַאַרבעט דאָס פעלד מיט שליים און פאַרזעצט אין זומפּ קוקורוזע. דערנאָך אין דער צייט פון די פאַרפלייצונגען פלעגט ער אַרויספאָרן אויף זיין צעלעכערט שיפל צו זיין פעלד און געשניטן די קוקורוזע, וואָס איז געווען פאַרגאָסן מיט מוטנע וואַסער, פּונקט אַזוי ווי מען שניידט אַטשערעט אין די סטאַוון.

טרוקענע ערד איז געווען זייער ווייניק. צוליב אַ ברויזל ערד,

נישט גרעסער פון אַ מיטל צימער האָט זיך גוליאַ געמשפט מיט זיין שכן גאַנצע צוועלף יאָר.

דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען פאַמעלעך און אומרויק. אַלע יאָר האָט מען געוואַרט אויף נייע שטייערן. אַלע יאָר זענען פון פיבער געשטאָרבן שכנים און געפגרט בופלאקסן. אַלע יאָר האָט די פאַר־פלייצונג פאַרגאָסן דאָס פּראָוואָרפענע דאָרף מיט קאַלט וואַסער, וואָס האָט מיט אימפעט געשטראָמט פון די פאַרשאָלטענע בערג. און צום באַגין פון דער רעוואָלוציע איז דאס דאָרף אינגאַנצן אויסגעשטאָרבן פון פיבער. און נישט דאָס דאָרף אַליין: גוליאַ געדענקט זיבן דער־פער, וואָס זענען אויסגעשטאָרבן פון פיבער.

די צוויי לעבעדיק־געבליבענע — גוליאַ און אַרטעם קאָרקיאַ — האָבן צוגעבונדן צו די אַלטע טעראַסעס פון די הייזער שמוציקע, שוואַרצע שמאַטעס, אַלס צייכן פון טרויער, און זענען אַוועק קיין פּאָטי.

די דאָרפישע הינט זענען זיך צעלאָפן ווו די אויגן האָבן געטראָגן. אַ טייל פון זיי זענען ווילד געוואָרן אין די זומפן, אַ טייל האָט זיך אַרומגעדרייט אויף די מערק פון פּאָטי און סענאַקי. גוליאַ האָט אויסגעקליבן איינעם פון זיי, גענומען אויף נוץ־געלט אַ ביקס ביים דוכאַנשטשיק און איז געוואָרן אַ יעגער.

ער פלעגט ס'רוב פאַרברענגען אין די זומפן, און דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען פאַרביי אים. ער איז ווילד געוואָרן און אָנגעוווירן דעם חשק צו דעם. מענטשן זענען געגאַנגען אין די קאָלווירטן, אויפן טייך ריאָן האָט מען געבויט אַן עלעקטרישע סטאַציע, אָבער אין די זומפן איז אַלץ געווען, ווי אַלעמאָל, דושנע, שטיל, און אויף צענדליקער קילאָמעטער איז אין די גראָבנס געשטאַנען פויל וואַסער.

דערנאָך זענען געקומען צופאָרן אינזשינערן און אַרבעטער, עס זענען אָנגעקומען די עקספעדיציעס, און גוליאַ האָט זיך דערוווּסט, אַז עס איז געקומען דער סוף צו די זומפן. אויף זייער אָרט וועט מען פאַרפלאַנצן ציטרינען־וועלדער און מאַראַנצן־סעדער, און די נייע ערד וועט מען שוין רופן נישט מאַנגרעליע, נאָר קאָלכידע.

ווער איז דאָס נישט קיין בעלן אָפּצוחוזקן פון אַן אַמאָרעץ! און אַרטעם קאָרקיאַ האָט אפּגענאַרט גוליאַן. „די קאָלווירטן, — האָט ער געזאָגט, — ווו עס אַרבעטן בלויז פרויען און מען טרייבט פון דאָרטן אַרויס די מענער, דערהויפּט אַזעלכע פּויליאַקעס, ווי דו, הייסן

קאַלכידעס. דאָ וועט זיין די ערשטע קאַלכידע אין גאנצן ראטנ־לאנד". גוליאַ האט געגלויבט און זיך דערשראקן. ווי אזוי קאן מען דאס נישט גלויבן אן אלטן מענטשן, וועלכער האָט אין זיין יוגנט געקאנט מיט איינמאל אויסטרינקען אַ פוד וויין?

אז גוליאַ האט זיך נאָכדעם דערוווּסט, אז מען האט פון אים אָפּגעלאכט, האט ער געוואלט ארייַנגיין צו קאַרקיאַן און אים זאגן, אז ער איז אַ נאַר. אָדער ער האָט נישט געוואָגט: קאַרקיאַ איז געווען עלטער פון גוליאַן מיט צען יאר.

גוליאַ איז געגאַנגען צו דער פעסטונג און האט געטראכט: „ווּ טוט מען זיך אהין, אז מען וועט אויסטרוקענען די זומפּן?" ער האט זיך דערמאָנט אין גאַבוניאַס צעטעלע און באַשלאסן, אז ער מוז דורכויס דערשיסן אַ ווילדן חזיר און אים אווועקשענקען דעם יונגען אינזשינער. בלוט פאר בלוט, א רעה פאַר אַ רעה, און אַ טובה פאר אַ טובה — אט דאס איז געווען די גאנצע נישט־קאָמ־פּליצירטע פילאָסאָפיע גוליאַס.

דעם צווייטן טאג שפּאנט ער שוין ארום איבער די דזשונגלים. ער האט געזען מאָדנע זאכן, ער האט זיי אבער נישט באמערקט. די דזשונגל האט פאר אים אָנגעוווירן איר גאנצע סודוחדיקייט.

ער האט געזען די ווילדע, משוגענע מוטנע טייכן — ריאָן, ציווּאַ און כאָפּי. זיי האבן זיך געטראגן צום ים איבער הויכע וואַלן, וואס זענען אָנגעטראגן געווארן אין פארלויף פון יארהונדערטן. די טייכן זענען געפלאָסן העכער פון דער ארומיקער נידערונג, אויך פון דער צייט פון געוויסערן (בלויז אינם געביט פונם טייך ריאָן האט אין משך פון יאר געקאנט זיין מער פון הונדערט און פופציק אויסגוסן) פלעגן זיי ארויס פון די ברעגעס און פארטרינקען די דזשונגל און פארוואנדלען דאס לאנד אין א טונקעלער אומענדלעכער אָזיערע.

גוליאַ פלעגט אַמאל טראַכטן: „ווי אָזוי איז דאס געשען, וואָס די טייכן פליסן העכער פון די זומפּן, אט אָזוי ווי אויף דאַמבעס, וואס זענען געמאַכט געווארן דורך מענטשן?" ווען ער וואלט אָפילו אַמאל געזען דעם קווערן פּראָפיל פונם לאנד, וועלכן גאבוניאַ האט אָנגעצייכנט, וואלט ער סיי ווי סיי גארנישט פארשטאַנען. אויף דעם דאזיקן פּראָפיל האט מען קלאָר און בולט געקאנט זען, אַז די הויפּט טייכן פון קאַלכידע פליסן איבער דאַמבעס, און צווישן די דאזיקע

טייכן, אונטן, ליגן „טאַלוועגן" — אומגעהייער גרויסע שטחים, וווּהין עס גיסט זיך אריבער דאס איבעריקע וואַסער פון דעם ריאָן און דער כאָפּי.

צי זענען דען אַלע טייכן אַזעלכע משוגענע, ווי דער ריאָן און די כאָפּי? גוליאַ האט געקענט צענדליקער קליינע טייכן, כמעט אָן א פלוס, ליכטיקע, פארטרוימטע טייכן, וואס זעען אויס ווי זיי וואָלטן אַנטשלאָפן געוואָרן אויף איין אָרט. הרודעס מיט געוויקסן זענען גע- האנגען איבער זיי. אז גוליאַ האט איבער די דאזיקע טייכן געטריבן זיין שיפל, איז אפטמאָל אין מיטן העלן טאָג געווען אַזוי טונקל, ווי פארנאַכט: די וועלדער האבן זיך צונויפגעשלאָסן איבערן וואסער ווי אַ שווער געצעלט. די דאזיקע טייכן האבן אָנגעזאַמלט זייערע וואַסערן נישט פון די בערג, נאר פון דער דזשונגל און זיי פויל געטראגן אין ים אריין.

די אינזשינערן האבן די דאזיקע טייכן גערופן „פאראזיטן" און „מאַליאַריקער". פאראזיטן דערפאַר, ווייל זיי האבן זיך גענערט מיט פרעמד וואַסער, וואס האט זיך אריבערגעגאסן אין די נידערונ- גען פונם ריאָן און דער כאָפּי, און מאַליאַריקער דערפאר, ווייל דער שטראם פון די דאזיקע טייכן איז געווען אַ פאמעלעכדיקער, ווי דער גאנג פון אַ מענטשן, וואס ווערט געפּייניקט פון פיבער.

דער ים האט אונטערגעשפּארט דאס וואַרעמע וואסער אין די זומפּן. דאס לאַנד איז געווען אַ פלאַכס, ווי אַ בויגן פאפיר, און נישט מער פון אַ בויגן פאפיר, האט זיך עס אויפגעהויבן איבערן שפּיגל פונם ים. די שטילע טייכן האבן קיין קראפט נישט געהאט ארויסצוטראגן דאס וואסער אין ים אריין. דער צופלוס האט זיי גע- שלאָגן אין געזיכט אריין. די טייכן האבן זיך לאַנגזאם פארקערעוועט און לאנג געפלאָסן לענג-אויס דעם ים-ברעג, ביז זיי האבן געפונען אַ שטילן אריינפלוס, וווּ דער ים האט סוף-כל-סוף צוגענומען זייערע וואַסערן.

גוליאַ האט נישט ליב געהאַט די ים-שטורעמס, דעריהויפּט אין שטורעמדיקע טעג. דעמאָלט האט דער ים גערעוועט אזוי ווילד, אז מען האט דאס רעווען געהערט אַזש אין דער דזשונגל. עס האט זיך געדוכט, אז אט-אט וועט ער זיך דורכרייסן און זיך א קאַטשע טון מיט די גרויע וועלן איבער די אָלשענע-וועלדער, אפשווענקנדיק די חיות און מיט א טראסק איבערברעכנדיק דיביימער. דעמאָלט האבן

די רעגנס אָן אויפהער געגאָסן אויף דעם דאזיקן אומגליקלעכן, ביז די ביינער דורכגעווייקטן לאנד.

די שטורעמס האבן זיך געענדיקט מיט פארפלייצונגען. דער ים־צופלוס האָט פארטראָגן די לעפצונגען פון די טייכן מיט בערג זאמד. די שטילע טייכן האָבן נישט געקאנט בייקומען און זיך דורכרייסן צום ים, האבן זיי זיך אפגעשטעלט און פארגאָסן דאס לאנד.

די פארפלייצונג האט געדויערט אַזוי לאנג, ביז דאס וואסער האָט זיך נישט אויפגעהויבן העכער פון די זאמד-וואלן, וואס דער ים-צופלוס האט אנגעטראגן, זיי נישט צעשווענקט און נישט אריין אין ים אריין, באדעקנדיק אים אויף צענדליקער מייל מיט שמוץ און בלאָטע.

נאך א פארפלייצונג האט דאס לאנד אויסגעזען, ווי עס וואלט געווען געשמירט מיט גרויער פאסטע. אויף די ביימער, אויף די ליא־נעס און הייזער האט זיך צוגעקלעפט א שיכט פון גליטשיקן שליים. ער האט שנעל געטריקנט און זיך אָפגעשיט.

גוליא האט געהאט זיינע אייגענע מיינונגען, ווי אזוי מען דארף זיך ראטעווען פון די פארפלייצונגען. ער האט געוווּסט, אַז לעפ־צונגען פון די טייכן זענען אַזוי געדיכט פארוואקסן מיט אָלשענע, אז דער שטראָם בלייבט שטיין. מען וואלט געדארפט אויסהאקן די אָלשענעס און מאכן פארן וואסער א פרייען וועג, אבער דאס איז קיי־נעם נישט איינגעפאלן, און גוליא האט געשוויגן. מען האט ביי אים נישט געפרעגט קיין עצה. מען האט אים קיינמאל נישט און וועגן גארנישט נישט געפרעגט. נארישע מענטשן!

גוליא האט אָפגעזיפצט. בלויז איין גאבוניא האט דאס ערשטע מאל אים געפרעגט אין געריכט, צי ער וועט קענען דורכפירן איבער די זומפן א פארטיע ארבעטער. געוויס וועט ער קענען! דעמאָלט האט אים גאבוניא געגעבן אט דאס צעטעלע.

גוליא האָט זיך ווידעראמאל דערמאָנט אינם געריכט און איז רויט געווארן פון כעס. מען דארף אראָפדרייען דעם קאָפ אט דעם בחורעץ וואנאָ.

דער אָוונט האט געטראפן גוליאן ביי די רואינען פון דער רוי־מישער פעסטונג, די נידעריקע ווענט, וואס זענען געמאכט געוואָרן פון ריזיקע שטיינער, זענען אריין טיף אין דער ערד. זיי האבן ארומ־געריגגלט דעם זומפ, וואס איז געווען באוואקסן מיט געלע איריסן.

גוליא האט צעלעגט א פייער און ארויסגעשלעפּט פון טאש א שטיק שמוציקן קעז. די פלעדערמייז זענען איבער אים געפלויגן אהין און צוריק, פאַכנדיק גלייכמאָסיק מיט די פליגל. פון דער זייט האט זיך געקאנט דוכטן, אז זיי וויגן זיך שנעל אויף נישט געזעענע פעדעם. דער הונט איז געלעגן אויף דער זייט, זעלטן אויפהויבנדיק דעם קאפּ און האט שרעקלעך געקריצט מיט די ציין: ער האט זיך געבריהט צו כאפּן די פלעדערמייז, ווי מען כאפּט זלידנע פליגן.

עס האט זיך אנגעהויבן די נאכט אין די דזשונגלים — א נישט־דורכדרינגלעכע נאכט, וואס איז געדיכט באשיט מיט שטערן. דאס פּישטשען פון די קאָמארעס האט אויפגעהערט. אין די זומפּן האט עמיצער געזיפצט און געטשאווקעט. ווייט אין מזרח זייט האט זיך דער הימל עטוואס געראָזט: דארט האט דערברענט די לעצטע זון אויף די גוריער בערג.

דאס פייער האט געטראסקעט און זיך געררויכערט. דער הונט איז געשלאָפן, ציטערנדיק מיט דער אלטער פעל. גוליא האט גע־זונגען, כדי די נאכט זאל פריילעכער פאַריבער. קאיאַר האט מען געדארפט גיין אהין, ווו די ווילדע חזירים קומען טרינקען וואסער.

פלוצים האט ער אויפגעהערט זינגען, ער האט פּאוואָליע גע־נומען די ביקס און מיט דער קאָלבע א שטויס געטון דעם הונט. דאס ערשטע מאל פאר יאָרן וואנדערן איבער דער דזשונגל האט ער דערשפּירט די שרעק. א שווייס איז ארויסגעטראטן אויף זיין ברוין געזיכט, די הענט האבן געציטערט.

גוליא האט נישט אראפּגעלאָזט די אויגן פונם זומפּ. דארט האט פון צווישן די געדיכטע איריסן ארויסגעשטארצט א קוים־באמערק־לעכע אינם שיין פון די שטערן גרויסע מענטשלעכע האנט.

דער הונט האָט אַ ריטשע געטון. נישט כאַפּנדיק זיך, וואָס ער טוט, האָט גוליאַ אָנגעצילט די ביקס און אויסגעשאָסן. פון דער האַנט איז אַראָפּגעפלויגן אַ פינגער. דער הונט איז אַוועקגעפלויגן אין זומפּ אַריין. אין אַ מינוט אַרום האָט ער געבראַכט אַ פינגער אין פּיסק און אים אַוועקגעלייגט נעבן גוליאַן. דער פינגער איז גע־ווען אַ גרויסער, אַ ווייסער און זייער אַ דינער. אַזעלכע פינגער קאָנען זיין נאָר ב״י פרויען. גוליאַ האָט אָנגערירט דעם פינגער: ער איז געווען אַ שטיינערנער.

גוליאַ איז צוגעגאַנגען צו דער האַנט און זי לאַנג באַטראַכט.

א יונגע ליאַנע האָט זיך אַרומגעוויקלט אַרום איר, ווי אן אָנגעבלאָזענער שוואַרצער אָדער. גוליאַ האָט אָנגענומען די האַנט און דערשפּירט די קעלט פון מירמלשטיין.

ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט נעבן דער האַנט און מיטן מעסער אָנגעהויבן צו צעגראָבן די ערד. עס האָט זיך באַוויזן א פרויען־קאָפּ מיט א גלייכער נאָז און מיט א האַלב־אָפן מויל. גוליאַ האָט אָנגעריבן א שוועבעלע. דער שימל איז געלעגן אויף די שווערע צעפּ, וואָס זענען געווען פאַרפלאָכטן אַרום דעם קאָפּ פון דער שטיינערנער פרוי.

גוליאַ האָט איינגעטונקען אין זומפּ א שמאַטקע און לאַנג געריבן ביי דער סטאַטוע דעם קאָפּ און די אַקסלען.

עס איז געוואָרן שטאַק פינסטער. גוליאַ האָט געבראַכט צוטראָגן א האַלאָוועשקע פונם שייטער און באַלויכטן די סטאַטוע. דאָס וווּנדערשיינע געזיכט פון דער רוימישער געטין האָט געקוקט אויף אים מיט די בולטע ווייסע אויגן. דאָס פייער האָט דעם צוגעגעבן לעבן. די מירמלשטיינערנע פרוי האָט געשמייכלט.

גוליאַ איז אויפגעשפּרינגען און זיך אויסגעזידלט. ער האָט געשאָלטן די דזשונגל, די סטאַטוע, די נוטריא און וואַנאָ אכמעטעלי. דער גורל האָט חוזק געמאַכט פון אים. די דזשונגל האָט זיך איזדעקעוועט איבער דעם אַלטן יעגער. צען רובל שטראָף פאַר א נוטריא, א באַליידיקונג אין געריכט מצד א בחורל, א שטיינערנע פרוי אָנשטאָט א ווילדן חזיר!

דער טייוול ווייס, וואָס עס קאָן זיי איינפאַלן די דאָזיקע שטאָטישע! אפשר וועלן זיי אים ווידער משפּטן פאַר דעם פינגער, וואָס ער האָט אַראָפּגעשאָסן ביי דער סטאַטוע? זיי וועלן זאָגן, אַז גוליאַ האָט ווידער געמאַכט א בראַק. אז געמאַכט האָט דאָס דווקא ער, וועט קיינער גאָרנישט צווייפלען. אויסער גוליאַן, וועט קיין שום מינגרעל זיך נישט איינשטעלן צוצוגיין צו די רואינען פון דער פעסטונג.

גוליאַ האָט באַטאַפּט אויף דער פרויס האַנט דעם פרישן שפּור פון דער קויל, און פון פאַרדראָס האָט אים אַזש א שווייס באַדעקט. ער האָט צונויפגעשאַרט א גאַנצן באַרג דאַרע צווייגן און מיט כעס זיי אַרויפגעוואָלגערט אויף דער סטאַטוע.

גאַנץ פרי האָט אָנגעהויבן צו גיין א רעגן. דאָס פייער האָט

געשיפּעט. דער בייסיקער רויך פון די נאַסע צווייגלעך האָט אויסגע־געסן די אויגן.

גוליאַ האָט זיך אויפגעהויבן, אויסגעשפּיגן און זיך געלאָזט גיין צום טייך ריאָן. פון דעם נאַסן פילצענעם הוט און פונם וואָלענעם העמד האָט געשמעקט מיט הונט. די פוס האָבן געבראָכן פון פייכטקייט.

קייןווילדע חזירים זענען נישט געווען. אַפנים, די טייוולשע עקסקאוואַטאָרן האָבן פאַריאָגט אַלע חיות.

די וועלדער האָבן געשוויגן. גוליאַן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די ביימער האָבן מיט שרעק אָנגעשטעלט זייערע אויגן און קוקן אים נאָך. דער אַלכסונדיקער שטעכעדיקער רעגן איז געפלויגן, ווי אַלעמאָל, פון דער ים־זייט. ער האָט געפּאַטשט אין די אויגן און אריינגערונען אונטערן קאָלנער. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אטאק פון מאלאריע.

גוליא איז ארויס צום טייך ריאָן. דער פאַרשאָלטענער טייך האט פונקט אַזוי ווי מיט טויזנט יאר צוריק אַלץ געטראגן אין ים אריין שמוציק וואסער. גוליא האט א טרונק געטון דאס וואסער פונם טייך און האט אויסגעשפּיגן: אויף די ציין האט געקריצט די ערד, דער טעם פונם וואסער איז געווען א זויערער און עס האט לחלוטין נישט געשטילט דעם דורשט.

דער טייך איז אנגעדראָלן, טראגט זיך גלייך מיט די ברעגעס און אט אזוי ווי נאך זיך געשלעפּט קליינע אינזלען. גוליא האט באַ־מערקט, אז דער אינזל, אויף וועלכן ער האט מיט א חודש צוריק גע־בעכטיקט, האט זיך איבערגערוקט אויף א הונדערט טריט ווייטער אראפּ טייך.

גוליא האָט געקרעכצט פון קעלט און איז פאמעלעך געגאנגען צום שיפל, וואס איז געווען באהאלטן צווישן די שטרויכן.

ער האט זיך נישט אומגעקוקט. ערשט זיצנדיק אינם שיפל, האט ער זיך אומגעקערט און א דראָ געטון צו דזשונגלים מיט דער דאַ־רער שווארצער פּויסט. ער האט זיך שוין נישט געקאנט זידלען. די בלויע ליפּן האבן געטאנצט, און אָנשטאט ווערטער האט זיך פון מויל ארויסגעריסן א כליפּעריי. דעמאָלט האט גוליא פארשטאנען, פארוואס די ביימער האבן זיך אומגעקוקט אויף אים: זיי האבן מיט

בענקשאפט געקוקט אויף דעם לעצטן יעגער, וואס פארלאָזט די דזשונגל אויף שטענדיק.

און אפשר האבן דיביימער זיך גאָרנישט אומגעקוקט און דאָס איז בלויז געווען פון מאליאריע-היץ? צי איז דאס נישט אלציינס! גוליא האט א מאָך געטון מיט דער האנט.

אין צוויי שעה אָרום האָט דער טאָפּאָגראַף אבאשידזע לעבן זיין הויז אין דעם דאָרף טשאלאדידע אנגעטראפן א יעגער, וואס איז געלעגן אין א שווערן אטאק פון מאלאריע. א דארער הונט האט גע-לעקט דעם יעגערס באקן. אבאשידזע האט אוועקגעטריבן דעם הונט און זיך איינגעבויגן איבער דעם יעגער. יענער האט א קרעכץ גע-טון, ארויסגעשלעפּט פונם בוזעם א צעטעלע און דערלאנגט אבא-שידזען.

אבאשידזע האָט איבערגעלייענט דאס צעטעלע און געזאגט:

— אויסגעצייכנט, גוליא. וועסט ווערן א טאָפּאָגראַף. און איצט הויב זיך אויף און גיי אריין אין שטוב און לייג זיך.

גוליא האט זיך געפּרוווט סטארען א שמייכל צו טון, אבער אנשטאט א שמייכל האט זיך זיין געזיכט פארקרימט אין א גרימאסע. ער האט זיך אויפגעהויבן און, וואקלענדיק זיך, איז ער אריינגעגאנ-גען אין דעם הילצערנעם הויז, וואס איז געווען באהאנגען מיט בלויע מאפּעס.

דער ריאָנער שליים

דער פּאלעאָסטאם הויבט זיך אָן אין עק שטאָט. דאס איז געווען אן אָזיערע מיט גרין וואסער, וואס איז שטענדיק באדעקט מיט א נעפּל. העכער פון דעם נעפּל — ער איז געלעגן איבערן סאמע וואַ-סער ווי א דין הייטל — האבן זיך געשווארצט די שפּיצן פון טשי-נארעס, און א גאנצן טאג האבן זיך געקאָלערט און געוויינט די מעוועס.

נעווסקאיא האט געדונגען א שיפל אויף אריבערצופארן דעם פּאלעאָסטאם צו דעם קאָלמאטאציע-פּונקט.

דאָס שיפל איז געשווימען פארביי דעם קאָלמאטאציע-פּונקט, ווו עס האָט געשמעקט מיט בלאטע, ווו עס האט געררושט אין די שליוזן דאָס וואסער, און הינטער די נישט גרויסע וואלן, וואס זענען

געווען באוואקסן מיט טענענבוימער, האט זיך לאנגזאם געשאפן דער נייער באדן פון קאָלכידע.

נעווסקאיא האָט לאנג נישט געקאנט אויסקלייבן א פרייע צייט, כדי א קוק צו טון, ווי אזוי דאס ווערט געמאכט. היינט האט זי באַשלאסן — וואס עס זאל נישט זיין, דערגיין ביי פּאכאָמאָוון וועגן דעם קאָלמאטאזש.

זי האט געבעטן די רודערער, זיי זאלן זיך אפּשטעלן ביים שליוז און איז לייכט ארויפגעשפרונגען אויף דער דאמבע. דער ריח פון אן אָנגעווארעמטער אָסאָקע האט זיך געהאלטן אין דער באָד-לופט.

פונדערווייטנס האט נעווסקאיא באמערקט פּאכאָמאָוון און איז אים געגאנגען אנטקעגן.דער אלטער איז געשטאנען לעבן דעם שכנות-דיקן שליוז און אן אנגעכמורעטער געקוקט אויפן וואסער, וואס האט געשטראמט איבער דעם הילצערנעם קאסטן. א גרייז-גרויער און א קליינטשיקער, איז ער געווען ענלעך צו א פישופמאכער.

— איר האט מיר שוין לאנג צוגעזאגט צו דערציילן וועגן אייערע ארבעטן, — האט נעווסקאיא געזאגט און זיך צעלאכט.

פּאכאָמאָוו האט טרויעריק א קוק געטון אויף איר.

— דאָס וואסער איז ווידער אדורכזיכטיק, — האט ער גע-זאגט מיט פאַרדראָס. — א טייוולאָנישע ארבעט!

נעווסקאיא האט גארנישט פארשטאנען. זי האט בלויז געזען א ריזיקע פלאכע אָזיערע, וואס איז ארומגערינגלט מיט וואלן און פארוואקסן מיט געדיכטע רור-געוויקסן. דאס וואסער איז פון אָט דער אָזיערע פּאוואָלינקע אראפּגערינען אין דעם פּאַלעאָסטאָם דורך די הילצערנע שליוזן. וואס קומט דא פאָר? פארוואס איז פּאכאָמאָוו אָזוי פארזאָרגט צוליבן קלאָרן, דורכזיכטיקן וואסער?

— האָט נישט קיין פּאַראיבל אויף אן אַלטן מאַן, אויב עס וועט אייך זיין אומעטיק—האָט פּאכאָמאָוו א מורמל געטון. — קיינער ווייסט נישט גענוי, וואָס עס איז אזוינס קאָלכידע, אפילו באלעזענע מענטשן. אייניקע מיינען, אז קאָלכידע געפינט זיך אין גריכלאנד, און ווערן איבערראשט, אז זיי דערוויסן זיך, אז זי געפינט זיך אין ראטן-פאַר-באנד. אַ חרפּה! איך האָב זייער ליב פּושקינען דערפאר, וואָס ער האט זייער אַ סך געוווסט. איר געדענקט זיינע פערזן: „פון די פינ-לענדישע קאלטע פעלזן ביז דער פלאמיקער קאָלכידע?‟

דער אלטער האָט אַ מאך געטון מיט דער האנט.

— נו, גוט! אָט דאָס דאָזיקע פלאַכע לאַנד, וואָס ליגט ביים ים, איז טאַקע די זעלביקע קאָלכידע. דאָס איז זייער אַ יונג לאַנד, עס איז בסך־הכל אַלט צוויי הונדערט פופציק טויזנט יאָר. פריער איז דאָ געווען דער איינגאָלס פון דעם סאַרמאַטער ים. די טייכן ברענגען אַראָפּ פון די בערג אַ מאַסע מוטנעקייט, דערהויפּט דאַן, ווען דער שניי ווערט צעגאַנגען. דער ריאָן פאַרמיסטיקט דעם ים כמעט אויף צוויי הונדערט קילאָמעטער פון דער לעפצונג. יעדעס יאָר טראָגט ער אַרויס צען מיליאַרד קובישע מעטער פרוכטבאַרע ערד.

דער ים דערווייטערט זיך פון דער שטאָט פאַר אונזערע אויגן. אַלע יאָר וואַקסט אָן דער ברעג אויף זעקס מעטער. איר האָט געזען אינם שטאָט־גאָרטן די אַלטע טערקישע פעסטונג? עס האָט זי אויסגעבויט דער סולטאַן מוריד אין זעכצנטן־יאָרהונדערט. דעמאָלט איז זי געשטאַנען אויפן ברעג פון ים, אירע ווענט זענען געווען אין וואַסער. איצט שטייט זי דריי קילאָמעטער ווייט פונם וואַסער.

דאָס גאַנצע לאַנד שטעלט מיט זיך פאָר אַ שפּיגל פון זומפּן. פון וואַנען נעמען זיך אַהער די זומפּן? קודם־כל איז דאָ נישטאָ קיין אָפּפלוס. דערנאָך, די שטענדיקע רעגנס און דאָס אויספלייצן פון די טייכן פון זייערע ברעגעס.

דאָס לאַנד איז גלאַט, ווי אַ טעלער. ביים סאַמע צופוסנס פון די גוריער בערג הויבט דאָס זיך אויף איבערן ים בסך־הכל אויף צוויי מעטער, און דאָ, אין פּאָטי, וועט אפילו קיין איין מעטער אויך נישט זיין. אייגנטלעך זיצן מיר דאָ אויפן וואַסער.

צוליב די זומפּן הערשט דאָ אַ שרעקלעכער דלות פון כלערליי געוויקסן. נו, זאָגט אַליין: אָלשענע און ווידער אָלשענע און אָבער אַמאָל אָלשענע — אַז דער טייוול זאָל זי נעמען! אַביסל האַראַבינע און בוק. ווען אויפן האָריזאָנט זאָלן נישט זיין די בערג, וואָלט דער לאַנדשאַפט מיט גאָרנישט זיך נישט אונטערשיידט פון די פינסקער בלאָטעס.

דאָ זענען פאַראַן אַזעלכע זומפּן, וווּ עס וואַקסט די ראָסיאַנקע. יאָ, יאָ, די זעלביקע ראָסיאַנקע, וואָס איז בלויז געבליבן אין די פּאָליאַרע טונדרעס. אָט נאָט אייך טראָפּיקעס!

פאַרוואָס הערשט דאָ אַזאַ געוויקסן־דלות? איר זענט אַ באָטאַ־ניקער. ער ווייסט בעסער פון מיר, אַז כדי אַ בוים זאָל וואַקסן דאַרף מען האָבן נישט ווינציקער פון אַ מעטער טרוקענע ערד. איז ווו

זשע זאָל מען נעמען אט דעם מעטער טרוקענע ערד, אז דאס לאנד איז הוילע זומפּ? אט דערפאר וואקסט דאָ כּלערליי זומפּיקע ווילדרעגנישן.

אין קאָלכידע איז דער קלימאט פּונקט אזוי ווי אין יאפּאן און אויף סומאטרע, א שלל ווארעמקייט, און אין דערזעלבער צייט איז דאס א מאלאריע-מדבר אין פולסטן זין פוןווארט. עפּעס כּמעט ווי אזא טראָפּישע קאטאָרגע, ווי די נייע קאָלעדאָניע. ווען נישט די זומפּן, וואלטן מיר איבערגעיאָגט יאַווע און ציילאָן מיט זייער פּראכט און רייכקייט. הייסט עס, אז מען דארף אויסטרוקענען די זומפּן.

זייער פיין! און דאס טוען מיר טאקע. נאענט צו די בערג, אין טשאלאדידע, למשל, דארט, ווו עס ארבעט גאבוניא, איז פאראן אַ קליינער אָפּפלוס, און מען קאן דארטן אויסטריקענען די זומפּן מיט דער הילף פון פשוטע קאנאלן, כּדי די טייכן זאלן אין די צייטן פון איבערפלוסן זיך נישט אויסגיסן פון די ברעגעס, רינגלט מען זיי ארום מיט וואלן. דאס אלץ איז קינדערשע אריטמעטיק. אבער דאס אלץ איז מעגלעך אין גאבוניאס ראיאָן, אָבער בשום אופן נישט דא. אט דא איז דער אָפּפלוס א נישטיקער, און מיט דער הילף פון קאנאלן וועסטו גארנישט אויסטריקענען, סיידן אפשר דעם סאמע אויבערשטן שיכט פונם באָדן, בערך א צוואנציק נישטיקע סענטימעטערס. הייסט עס, אז מען דארף דא אָנווענדן אן אנדער אופן פון אויסטריקענען. וועלכן? אט דעם טאקע, וואס מיר רופן קאָלמאטאזש.

פאכאָמאָוו האט פון דער זייט א קוק געטון אויף נעווסקאיאן און לאנג פארדרייט א סיגארעטל.

דא אויפן ברעג פונם פאלעאָסטאם איז נעווסקאיאן זייער געפעלן. דער נעפל און די זון האבן געשאפן א לאנדשאפט פון א זילבערן און דורכזיכטיק לאנד. דער ווינט האט געבלאזן אין געזיכט, ווי א צעוואיוועט קינד, מיט לייכטע און שנעלע באוועגונגען.

— וואס איז דאס אזוינס קאָלמאַטאזש? דאס איז מעלאָראציע, דאס אויסטריקענען די זומפּן דורך פארטרינקען זיי מיט די וואסערן פון די מוטנע טייכן, דאס איז, זעט איר, א מין טעכנישער פאראדאָקס. דער קאָלמאטאזש טריקנט אויס די זומפּן און איינצייטיק מאכט ער אָנוואקסן אויף זיי א געדיכטע שיכט פון נייעם פרוכטבארן באדן. אט האט איר פאר אייך אביישפּיל. אט דעם דאזיקן זומפּ האבן מיר ארומגערינגלט מיט וואלן, צוגעפירט צו אים קאנאלן פונם ריאָן, אוועקגעשטעלט שליוזן און אויסגעווארט, ביז אין דעם ריאָן איז געווען

דאָס סאַמע מוטנעסטע וואַסער, פֿאַרמעל שיטער ליים. דעמאָלט האָבן מיר אויפֿגעמאַכט די שליוזן און פֿאַרטרונקען דעם זומפּ מיט דעם ריאָן-וואַסער. און פֿון דער קעגנאיבערדיקער זייט האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ גאַנצע ריי שליוזן, כּדי אַראָפּצולאָזן דאָס אָפּגעשטאַנענע וואַסער אין דעם פֿאַלעאָסטאָם. דוכט זיך גאַנץ איינפֿאַך. דער שליים זעצט זיך אָפּ, דאָס אָפּגעשטאַנענע וואַסער גיסן מיר אַרויס און דערנאָך פֿולן מיר אָן דעם זומפּ ווידער מיט מוטנע וואַסער, און אַזוי אָן אַ סוף. אָט דאָס איז די גאַנצע מוזיק. דער באָדן וואַקסט און וואַקסט כּמעט אָן שום הוצאות. און אָן אָט דעם נייעם באָדן זענען קיין שום סובּ-טראָפּיקעס דאָ נישט מעגלעך. אונטער דעם זומפּ וואַסער ליגט יונגער טאָרף און ספּאַגנום, און אויף דעם וואַקסט גאָרנישט, אַחוץ אָלשינע. דער קאָלמאַטאַזש וועט אונז געבן אָן אויסגעצייכנטן גוטן באָדן, אַ וווּנדערבאַרן שליים. שטעקט אין אים אַריין אַן אָפּגעבראָכן צווייגל פֿון אַ פֿייגנבוים, און אין פֿיר חדשים אַרום וועט עס געבן פּירות.

מוטנעקייט איז אינעם טייך ריאָן פּאַראַן צוויי מאָל אַזויפֿיל ווי אין טייך נילוס. דער נילוס האָט זיך ביז איצט גערעכנט אַלס דער מוטנעסטער טייך אין דער וועלט. דאָרט געפֿינט זיך אַנדערטהאַלבן קילאָ מוטנעקייט אין אַ קוביק מעטער וואַסער, און ביי אונז—גאַנצע דריי קילאָ! אויב אויף דער ערד, וואָס ווערט באַוואַסערט דורך דעם נילוס, האָט געקאָנט אויסוואַקסן אַזאַ מעכטיקע קולטור, ווי די עגיפּטישע, ווען מיר זיך דאָ דערשלאָגן צו אַזאַ עשירות פֿון געוויקסן-לעבן, פֿון וועלכן די עגיפּטער האָבן אַפֿילו נישט געקאָנט טרוימען. אין אונזער שליים איז פּאַראַן פֿאָספֿאָר און אַזאָט צוויי מאָל אַזויפֿיל, ווי אין דעם עגיפּטישן.

אָט דאָס איז אייגנטלעך אַלץ. מער איז נישטאָ וואָס צו דערציילן. פֿאַר פֿינף יאָר צייט האָבן מיר געמאַכט אָנוואַקסן אַ שיכט באָדן פֿון אַנדערטהאַלבן מעטער. די דאָזיקע שטחים וועלן גיין אויף צו פֿאַרפֿלאַנצן ציטרינען און מאַראַנצן.

— איך פֿאַרשטיי נישט, — האָט נעווסקאַיאַ געזאָגט, — פֿאַרוואָס זענט איר אין כּעס אויף דעם דורכזיכטיקן, קלאָרן וואַסער. דאָס איז דאָך גוט. הייסט עס, אַז די גאַנצע מוטנעקייט האָט זיך אָפּגעזעצט.

— און דאָס, זעט איר, איז טאַקע שלעכט, — האָט פֿאַכאָמאָוו דערווידערט. — אויף דעם קאָלמאַטאַציע-פּונקט דאַרף זיין אַ שטאַרקערער שטראָם, אַז עס זאָל זיך בלויז אָפּזעצן די גרעבערע מוטנעקייט,

און די דינערע זאָל אָפּפּליסן אין פּאַלעאָסטאָם. דער דינער שליים איז אַ שעדלעכער. ער גיט אַ שווערן באָדן.

פּאַכאָמאָוו האָט מיט קאַרגע ווערטער דערציילט נעווסקאַיאַן וועגן דעם קאַלמאַטאַזש, און נאָכדעם האָט זיך די וועלט אויסגעוויזן אַלס אַזאַ לאָקענדע, אויף אַזויפיל אָנגעפּילט מיט אַ שלל ביז גאָר אינטערעסאַנטע און באַדייטנדיקע זאַכן, אַז עס האָט זיך געגלוסט אָפּצושטעלן די צייט.

נעווסקאַיאַ איז געווען אַ באָטאַניקערין און איז געוווינט נעווען צו דער דיסציפּלין פונם שכל, זי האָט אָבער פאַרמאָגט אין זיך אַ נייגונג צו אויפרעגנדיקע פאַראַלגעמיינערונגען. דעם קאַלמאַטאַזש האָט זי אויפגענומען נישט אַלס ניי מיטל, ווי אויסצוטריקענען זומפּן, נאָר ווי עפּעס מער באַדייטנדיקס: ווי די פולע מאַכט פונם מענטשן איבער דער נאַטור, ווי אַלס באַשאַף פון נישט געזעענע לאַנדשאַפטן.

זי האָט אַ שמייכל געטון צו פּאַכאָמאָוון. איר קול, בשעת זי האָט גערופן די שיפערס, האָט געקלונגען זייער קלאָר, אָבער עס האָט נישט איבערגעשראָקן די שטילקייט פון די וואַרעמע אָזיערעס. אַז זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט מען געהערט דאָס זשוזשעריי פון די ערדבינען.

— נעמט מיך אויך מיט אין שטאָט אַריין, — האָט פּאַכאָמאָוו געבעטן. — עס איז שוין פאַר מיר אויך צייט אין שטאָט אַריין.

איבער דער פאָרשטאָט זענען זיי געגאַנגען זייער לאַנג. איבער די גאַסן וואָס זענען געווען אויסגעברוקירט מיט ים-שטיינדלעך, האָבן אַרומגעבלאָנקט לאַנג-האָריקע חזרים מיט ראָגאַטקעס אויף די העלזער. די ראָגאַטקעס האָט מען זיי אָנגעבונדן, כּדי די חזרים זאָלן נישט קענען דורכקריכן דורך די פּלויטן אין די גערטענער אַריין.

עמעצער האָט אַ רוף געטון נעווסקאַיאַן. דאָס איז געווען קאַכיאַני. ער איז געזעסן אויף דער טעראַסע פון אַ הילצערן הויז איבער צייכענונגען. אינם גאָרטן האָט זיך געבאָרבלט זיין אַלטיטשקע מוטער מיט אַ שוואַרץ באַטיסטן היטעלע, וואָס האָט שוין אָפּגעלעבט אַ גוזמא יאָרן אויף די קעפּ פון פאַרהייראַטע גרוזינערינס.

— זייט באַגריסט, חברים! — האָט קאַכיאַני אויסגעשריען. — וואַרט צו אַ ווײַלע. איך האָב היינט געהערט אַ מערקווירדיקע נאַרישקייט. עס האָט מיך היינט געפירט אין האַפן אַריין דער אַלטער שאַליקאָ, און ער האָט מיר געזאָגט: „איך מיין אַזוי, חבר קאַכיאַני, אין אַ

צען יאָר אַרום וועלן די דאַמף־שיפן אַריינגיין אין אונזער האַפן ביי נאַכט, נישט לויטן פייער פונם לייכט־טורעם, נאָר לויטן ריח פון די ציטרינען". אַרום און אַרום איז בלויז פּאָעזיע, נישטאָ פּשוט ווו זיך אויסצובאַהאַלטן! אַפילו די דראָזשקאַרעס זענען געוואָרן פּאָעטן! איך זאָג אייך האָפּיזן! קומט אַריין!

נעוווסקאַיאַ איז אַריינגעגאַנגען צו דער אַלטיטשקער אין גאָרטן אַריין און איר געהאָלפן אַרויסשלעפּן דעם עמער וואַסער פונם ברונעם. די אַלטע האָט געוואַשן בינטלעך גיגאַנטישע פּאַריי־ציבעלעס.

— ס'אַראַ פיינע ציבעלעס! — נעוווסקאַיאַ האָט אַ שמעק געטון די ווייסע זאַפטיקע וואָרצלען. — אַפּנים זייער געשמאַקע ציבעלעס!

די אַלטיטשקע האָט אַ שמייכל געטון און גאָרנישט געענטפערט. זי האָט זייער שלעכט גערעדט רוסיש.

נעוווסקאַיאַ איז פון קאַכיאַנען אַוועק אין דער סובטראָפּישער עקספּע־רימענטאַלער סטאַציע, און איז ערשט צוריקגעקומען אַהיים פאַרנאַכטלעך, אין דעם פאַטיער דעמער, ווען עס דוכט זיך, אַז די פייערן הענגען אין דער לופטן, אַפּטיילנדיק זיך פון די לאָמפּן. שוין דער צווייטער טאָג, אַז עס איז נישט געגאַנגען קיין רעגן.

דער העלבלויער אָוונט האָט זיך אויפגעהויבן איבערן ים. ער האָט אָפּגעגלאַנצט אין די שויבן פון די פענסטער, און דורך די סעדער, דורך די ראָגן פון די גאַסן און פלויטן פון שטעכעלקע־געוויקסן האָט שאַרף געלויכטן דער לייכט־טורעם. ער האָט מיט זיך דערמאָנט אַ פלאַ־נעט, וואָס איז געפאַנגען געוואָרן אין די שוואַרצע נעצן פון די סעדער.

לעבן הויז האָט נעוווסקאַיאַ דערזען כריסטאַפאָרידין. ער האָט געכאַפּט בינט מיט פּאַריי־ציבעלעס, וואָס זענען געפלויגן פונם קיך־פענסטער אין קאַמער אַריין. טשאַפּ האָט געשליידערט די ציבעלעס און זיך געזידלט.

— מזל־טוב! — האָט טשאַפּ אַ געשריי געטון צו נעוווסקאַיאַן. — איר זענט באַוואָרנט מיט ציבעלעס ביז דער נייער גערעטעניש. סטאָפּ! גייט נישט אַריין אין שטוב. לאָזט פריער אַדורכלויפטערן.

— וואָס איז געשען?

— עס איז געשען דאָס, אַז מען דאַרף זיין באַקאַנט מיט די מנהגים פון יעדער לאַנד. איר האָט עמעצן געלויבט זיינע ציבעלעס?

— יאָ, איך האָב זיי געלויבט ביי קאַכיאַניס־מוטער.

— נו, אָט! איך האָב דאָס גלייך געטראָפן.

טשאַפּ האָט דערציילט, אַז צוריק מיט צוויי שעה האָט דער אַלטער שאַליקאַ געבראַכט צען קרענץ ציבעלעס און זיי אָפּגעוואָרפן אין קיך. אין שטוב זענען געווען בלויז די קינדער. אויף כריסטאָפּאָרידיס פראַגע, האָט שאַליקאַ געענטפערט:

— לאָז געמאַך, בּיטשאָ! דאָס איז אַ מתנה פון קאַכיאַניס מוטער.

נעוווסקאַיאַ האָט זיך פאַרשעמט. זי האָט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן דעם אַלטן מנהג ביי די מינגרעלער, וואָס הייסט אַוועקשענקען אַלץ, וואָס עס געפעלט דעם גאַסט, און האָט נישט באַטראַכטערהייט אויסגעלויבט פאַר דער באַלעבאָסטע די גרעסטע ציבעלעס. און אָט — איז דער לוין!

— וואָס נעמט איר זיך אַזוי צום האַרצן! — האָט טשאַפּ זי געפּרווט באַרויקן. — דאָס איז נאָך גאָרנישט, עס טרעפט נאָך פיל ערגערס. ביי דער צאַרישער מאַכט האָט מיגרעליע געהערט צו די פירשטן דאַדיאַני, פּוסט-און-פּאַסניקעס און שכורים פון ערשטן סאָרט. זיי האָבן פאַרשיכורט און פאַרטאַכלעוועט אַלץ ביזן לעצטן פאַדעם. זיי האָבן אַפילו נישט געהאַט אויף וואָס צו שלאָפן, ווען עס זענען אָבער צו זיי געקומען געסט, האָבן זיי געמאַכט קוראַזש און אַוועקגעשענקט די געסט די פויערישע פערד, זאָגנדיק, אַז דאָס זענען זייערע אייגענע פערד. קיין אייגענע האָבן זיי שוין פון לאַנג נישט געהאַט. די פויערים האָבן געשוויגן און געוואַרט, ביז די געסט וועלן אַוועקפאָרן. זיי האָבן זיי אָפּגעוואַרט אויף די גרעניצן פון דאַדיאַניס גיטער, צוריקגענומען די פערד און אויף יעדן פאַל געמאַכט פון די געסט אַ פּרעזשעניצע, כדי זיי זאָלן פאַרזאָגן אַ צענטן צו פאָרן צו דאַדיאַנין.

אויף אָוונט-ברויט האָט מען געמוזט מאַכן געבראָטנס פון שאָפּןפלייש מיט אַזויפיל ציבעלע, אַז ווען סיאָמאַ זאָל נישט געווען אונטערקומען, וואָלט מען דאָס בשום-אופן נישט געווען אויפגעגעסן.

סיאָמאַ איז אויף איין טאָג געקומען צופאָרן פון טשאַלאַדידע. ער האָט שוין געאַרבעט ביי גאַבוניאַן אַלס עקסקאַוואַטאָרשטשיק.

ער האָט ווי אַן אמתער ווירטואָז געוויזן, ווי עס רוישט דער עקסקאַוואַטאָר: ער האָט געפייפט, געקנאַקט מיט דער צונג און געבריאַזגעט מיט די פלומרשטע קייטן. יאַלאָטשקאַ האָט אים געקוקט גלייך אין מויל אַריין און געלאַכט.

אין דעם דאָזיקן אָוונט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סיאָמאַ הייסט דזשים בירלינג, אַז ער שטאַמט פון שאָטלאַנד און איינמאָל איז ער

שיער נישט אומגעקומען בשעת אַן אָוואַריע פון דעם דאַמפער „קלאָנדאַיק״.

אַלס באַווייז האָט סיאַמאַ אַראָפּגעשלעפּט זיין לייבל און באַוויזן אויף דער ברוסט דריי בלויע צייכנס, וואָס זענען געווען ענלעך צו דיזיקע אויסרופצייכנס, וואָס פּאַראַ פלעקן דאָס זענען, האָט מען נישט געקאָנט דערגיין. סיאַמאַ איז, לויט זיין געוווינהייט, אַנטשלאָפן געוואָרן ביים טיש, און מען האָט אים נישט געטשעפּעט ביז אינדערפרי.

דער פּען

שאָפּ האָט מיט די פינגער צעריבן די שאַרפיקע העלע בלעטער און שנעל אַוועקגעכאַפּט די האַנט. די פינגער האָבן געברענט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך צוגערירט צו אָנגעגליט אייזן. טשאָפּ האָט אַ טרייסל געטון מיט דער האַנט און זיך שטאַרק אויסגעזידלט: אָט אַ טייוולשע כינעזישע קראָפּעווע!

ער האָט געמיינט, אַז דער ווייטיק וועט באַלד איבערגיין, אָבער די פינגער האָבן אַלץ שטאַרקער ווי געטון. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז דער ווייטיק גייט איבער אין די ביינער און דריקט זיי פּאַמעלעך צונויף מיט אייזערנע קלעמערס.

דעמאָלט האָט זיך טשאָפּ דערשראָקן, ער איז שנעל אַרויסגעגאַנגען פון דער פּלאַנטאַציע. זיך אומגעקוקט און ערשט איצט דערזען אַן אָפּגעבליאַקעוועט שילדל: „נישט אָנרירן די בלעטער מיט די הוילע הענט, מען קאָן זיך אָפּבריען״.

„אָט אַ נאַר! — האָט דער קאַפּיטאַן אַ טראַכט געטון וועגן בעווסקאַיאַן. — פאַרוואָס האָט זי מיך נישט געוואָרנט!״

אָבער באַלד האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט און איז רויט געוואָרן. ווי אַזוי האָט ער, אַן אַלטער מאַטראָס, געקאָנט באַליידיקן אַ פרוי! ער האָט דאָך אַליין געבעטן זי זאָל אים מיטנעמען קיין סופּסי, אויף דער פּלאַנטאַציע פון דעם דאָזיקן אידיאָטישן בוים, הייסט עס, אַז ער איז אַליין שולדיק. קיינער האָט אים נישט געבעטן.

טשאָפּ איז געווען נישט בלויז בארעדעוודיק, נאָר אויך נייגעריק. בעווסקאַיאַ האָט אים דערציילט וועגן דעם עקספּערימענט צו פאַרפלאַנצן דעם כינעזישן לאַק-בוים. פון דעם זאַפט פון דאָזיקן בוים מאַכט מען פרעכטיקן לאַקיר. ער ווערט קיינמאָל נישט פאַרטונקלט נישט פון צייט, נישט פון וואַסער און ווערט נישט צעטראַסקעט פון היץ. טשאָפּ

האָט זיך דערמאָנט אין די יאַפּאַנישע שקאַטולקעס. זיי זענען געווען באַדעקט מיט דעם דאָזיקן לאַקיר, אַ האַרטן, ווי דורכזיכטיק שטאָל.

פון דעם ווייטערן געשפּרעך מיט נעווסקאַיאַן, איז ער געוויר געוואָרן, אַז דער דאָזיקער לאַקיר איז אומפאַרבייטלעך אויף צו פאַרבן די אונטערוואַסערדיקע טיילן פון די שיפן. דאָס האָט שוין געהאַט אַ שייכות מיט זיין קאַפּיטאַן-פּראָפעסיע, דעריבער טאַקע, אַז נעווסקאַיאַ האָט זיך געקליבן, צוזאַמען מיט לאַפּשינען אַרויסצופאָרן קיין סופּסי אויף די פּלאַנטאַציעס פון דעם כינעזישן לאַק-בוים, האָט טשאַפּ געבעטן זיי זאָלן אים אויך מיטנעמען.

דער ווייטיק איז געוואָרן שטאַרקער. טשאַפּ האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער קעשענע און איז אַרויס אויפן טראַקט. דער פאַרשטויבטער פערד האָט געדרימלט אין דעם שיטערן שאָטן פון די אַקאַציעס. נישט נעווסקאַיאַ, נישט לאַפּשין זענען נישט געווען.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ און גענומען וואַרטן. ער האָט אַ קוק געטון אויפן הימל, און ער איז אים נישט געפעלן געוואָרן. עס איז קיין סימן פון קיין ווינט נישט געווען, אָבער די לופט איז מיט יעדע שעה געוואָרן אַלץ הייסער און אָנגעגליטער. אַ רויטלעכע מוטנעקייט, ענלעך אויף אַ זייף-וואַסער, איז געהאָנגען איבער די בערג. שוין דער פערטער טאָג, ווי עס איז נישט געווען קיין רעגן.

„עס זאָל חלילה נישט אַ בלאָז טון דער פען?“ — האָט דער קאַפּיטאַן אַ טראַכט געטון און אָפּגעזיפצט.

נו, איז דאָס אַ טייוולשער קלימאַט אין אָט דעם לאַנד! אַ גאַנץ יאָר רעגנס און גאָסרעגנס, אַ גאַנץ יאָר — הייס און נאַס, ווי אין אַ כינעזישע וועשעריי, און אַמאָל גיט אַ בלאָז דער פען, און עס דוכט זיך, אַז גאַנץ אַראַביע מיט איר גאַנצער חמימה, מיט אירע סאַמומען און טריקענישן גיסן זיך אויס אויף דיין קאָפּ.

— עס זאָל, חלילה, נישט זיין קיין פען, — האָט דער קאַפּיטאַן זיך אָנגערופן צו לאַפּשינען, וועלכער איז צוגעגאַנגען צו דער מאַשין. — מען דאַרף פאָרן.

לאַפּשין האָט אים גאָרנישט געענטפערט און זיך אָנגעהויבן פאָרען ביים מאָטאָר.

„גאַוואַהדיקער טייוול“, האָט דער קאַפּיטאַן אַ טראַכט געטון. די

האַנט אין קעשענע איז שווערער געוואָרן, גלייך ווי מען האָט אין איר אַריינגעשפּריצט טשאַוון. טשאָפּ האָט געפרעגט:

— איר ווייסט, וואָס עס הייסט אַזוינס אַ פען?

— אַ ווינט, — האָט לאַפּשין געענטפערט. — און פאַרוואָס זאָלן אויך, אַן אַלטן ים־וואָלף, באַאומרויִקן אַזעלכע נאַרישקייטן?

— אַז איר וועט אַריינפאַלן אין אַ פען, וועט איר שוין וויסן פאַרוואָס.

עס איז אָנגעקומען נעווסקאַיאַ. זי האָט זיך געזעצט לעבן דעם קאַפּיטאַן. לאַפּשין האָט זיך געזעצט ביים רודער. ער האָט אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן די שוץ־ברילן און געלאָזט די מאַשין.

אַ הייסער ווינט האָט אַ פּאַטש געטון אין נעווסקאַיאַס פּנים און איר צעפּאַטלט די האָר. דער אויטאָ, אויפציטערנדיק צוליבן שנעלן לויפן, האָט זיך געטראָגן צו די ריזיקע ווייסע וואָלקנס אויפן האָריזאָנט.

די וואָלקנס האָבן זיך מיט אַ בליץ־שנעלקייט דערנענטערט, זענען געוואַקסן און זיך אויפגעהויבן צום הימל, ווי בערג. ראַפּטום האָט זיך די מאַשין אַריינגעריסן אין זיי און אָן גערויש זיך אַוועקגעטראָגן איבער אַ דורכויסיקער אויסשפּרייטעכטס פון טרוקענע אַקאַציע בלעטלעך.

די וואָלקנס, האָט זיך אַרויסגעוויזן, זענען געווען אַ וואַלד פון הונדערטיעריקע אַקאַציעס, וואָס האָבן אָפּגעשיט זייער בלעטער. די בלעטלעך פון די קוויטן האָבן געפּאַטשט אין דער שויב פון דער מאַשין און האָבן זיך, אַזוי ווי אַ זאַווערוכע געטראָגן נאָך איר.

די וועלדער האָבן זיך געטראָגן אַנטקעגן, ווי אַן אומגעוויינט־לעכער שניי־שטורם. עס איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען, אַדאַנק דעם זיסן און געדיכטן ריח, וואָס האָט אָנגעפּולט די לופט.

— פיין! — האָט נעווסקאַיאַ אַ געשריי געטון.

לאַפּשין האָט פאַרשנעלערט דעם גאַנג. די בלעטלעך האָבן פאַר־קלעפּט די אויגן. די מוטנע זון האָט זיך געטראָגן איבער די שפּיצן פון די ווייסע בוימער און איז אויף אַ טריט נישט אָפּגעשטאַנען פון דער מאַשין.

דערנאָך האָט עפּעס אַ טראַסק געטון אין דער מאַשין. לאַפּשין האָט פאַטאַרמאָזירט און זיך אָנגעהויבן באַרבלען ביים מאָטאָר. נעוו־סקאַיאַ און דער קאַפּיטאַן זענען אַרויסגעשטיגן. זיי האָבן זיך אַנידער־געזעצט אויף אַ טרוקענעם שטאָם פון אַן אַקאַציע־בוים און האָבן לאַנג

געשווינגן. די זון האָט געפינקלט אינם זעניט און איז פון אַ ווייסע—געוואָרן אַ בלוט-רויטע.

— אַן אמתע טערקישע באָד! — האָט טשאַפּ אַ בורטשע געטון,— אַן אַזיאַטישער קלימאַט!

נעווסקאַיאַ האָט זיך אָנגעהויבן שפּאַרן. זי האָט געטענהט, אַז אין קאָלכידע איז אַ זעלטענער קלימאַט, פּונקט אַזוי ווי אין אויסטראַליע. אַ סך סובטראָפּישע לענדער באַקומען ווייניקער וואַרעמקייט, ווי קאָלכידע. קיין ווינטער איז אין קאָלכידע נישטאָ. דער זומער דויערט זעקס חדשים. דער וווּקס פון די געוויקסן ציט זיך אַ קיילעכדיק יאָר. איז וואָס-זשע וויל ער? לעבן פּאָטי, אין דאָרף קאָדאָר, אויפן ריאָן, איז וואַרעם פּונקט אַזוי ווי אין אייראָפּע.

— וואָס איר זאָגט! און איך האָב דאָס גאָרנישט געוווּסט!

— דאָ איז זייער אַ גלייכע טעמפּעראַטור אָן שום שאַרפע ענדערונגען, — האָט נעווסקאַיאַ שטרענג אַ זאָג געטון.

— מיט אייניקע אויסנאַמען.

— מיט וועלכע?

— אין אַ האַלבע שעה אַרום וועט אַ בלאָז טון דער פען, דעמאָלט וועט איר זיך דערוויסן. ס'איז מיר זייער אינטערעסאַנט, ווי אַזוי איר וועט פון דעם דאָזיקן ווינט אָפּראַטעווען אייערע סובטעלע געוויקסן.

די סובטראָפּישע געוויקסן האָט דער קאַפּיטאַן עקשנותדיק גערופן סובטעלע.

— מיר וועלן פאַרפלאַנצן שוץ-פאַרצוימונגען פון הויכע ביימער, טשאַפּ האָט מיט אומצוטרוי אַ שמייכל געטון.

— אויב עס אינטערעסירט אייך אַזוי שטאַרק דער קלימאַט, טאָ רעדט זיך דורך מיט לאַפּשינען,—האָט נעווסקאַיאַ פאָרגעלייגט. — ער אַרבעט איבער דעם מיקראָקלימאַט.

— וואָס איז דאָס נאָך פאַר אַ באַשעפעניש?—האָט דער קאַפּיטאַן אַ בורטשע געטון.

איצט האָט אים נישט אינטערעסירט נישט דער געווײנלעכער קלימאַט און נישט דער מיקראָקלימאַט, נישט קיין רוח און נישט קיין טייוול. די האַנט האָט וויי געטון, ווי מען וואָלט פון איר געשונדן די הויט.

— פאַרטיק! — האָט לאַפּשין אויסגעשריען.

— דאָס איז אַ גאַנץ פּשוטע זאַך, — האָט נעווסקאַיאַ געזאָגט, אַריינזעצנדיק זיך מיטן קאַפּיטאַן אין אויטאָ, — דער קלימאַט איז אָפּהענגיק פון נאַרישקייטן, פון קליייניקייטן. ער ענדערט זיך אויף אַ מהלך פון הונדערט מעטער. שמייכלט נישט. דאָס איז ריכטיק. אין דעם דאָזיקן וואַלד—איז איין קלימאַט, און אויף די זומפּן, דריי קילאָמעטער פון דאַנעט, איז אַן אַנדערער, גאָר אַ באַזונדערער. אין טאָל איז דער קלימאַט גאָר אַן אַנדערער, ווי אויף די בערג. די קלימאַט-ענדערונג אויף אַ קליינעם שטח הייסט מיקראָקלימאַט. עס איז אים זייער וויכטיק צו שטודירן, דערהויפּט צוליב די „סובטעלע" געוויקסן.

— זייער טשעקאַווע, — האָט טשאָפּ אַ בורטשע געטון און אַרויסגענומען די האַנט פון דער קעשענע. די קעשענע האָט געדריקט דעם האַנט-וואָרצל, און דער ווייטיק איז געווען נישט צום אַריבעררצוטראָגן.

נעווסקאַיאַ האָט אַ קוק געטון אויף דעם קאַפּיטאַנס האַנט און האָט אַ געשריי געטון. זי האָט אָנגעכאַפּט דעם קאַפּיטאַן פאַרן עלנבויגן.

— וואָס איז דאָס מיט אייער האַנט? זעט נאָר!

— איך האָב זיך אָפּגעבריט מיט דער קראָפּעווע.

— מיט וואָס פאַר אַ קראָפּעווע?

— אָט מיט דער, מיט דער כינעזישער...

— וואָס הייסט? — האָט נעווסקאַיאַ געשריען. — דאָרט איז דאָך אומעטום צעהאָנגען אַ וואָרענונג אי אויף גרוזיניש אי אויף רוסיש. וואָס זענט איר אַ קינד? ס'איז דאָך געפערלעך.

— מען וועט זי אָפּשניידן, מיינט איר? — האָט דער קאַפּיטאַן בייז געפרעגט.

נעווסקאַיאַ האָט זיך אָנגעבויגן צו לאַפּשינען און צו אים אַ געשריי געטון:

— לאָזט די מאַשין אין פולן גאַנג! עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט אָפּגעבריט אַ האַנט מיטן כינעזישן בוים. מען דאַרף וואָס גיכער קומען אין שטאָט אַריין.

לאַפּשין האָט זיך אומגעקוקט, אַ בליץ געטון מיט די ברילן און געלאָזט די מאַשין אין פולן גאַנג. די האָריקע מאַרינאַרקע האָט זיך געבלאָזן אויף זיין שמאָלן רוקן.

די מאַשין האָט זיך אַרייסגעריסן פונם וואַלד און אין דעם מאָמענט האָט זיי אין פנים אַריין, ווי אַ וואַנט, אַ זעץ געטון דער פען.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך שנעל אַראָפּגעבויגן, כּדי צו באַהאַלטן דעם קאָפּ הינטער דעם פּאָדערשטן זיץ-פּלאַץ. נעוווסקאַיאַ האָט אַוועק-געדרייט דעם קאָפּ: דער ווינט האָט אַזוי ווי מיט הייסער וואַטע פאַרשטאָפּט איר דאָס מויל און די נאָזלעכער.

אין די הוראַגאַנעס פון רויטלעכן שטויב האָט זי דערזען און פאַרגעדענקט אויפן גאַנצן לעבן דעם ערשטן אַכזריותדיקן קלאַפּ פון דעם פּען איבער די אַקאַציע-וועלדער. מיט איין פּאַך האָט דער פּען אַראָפּגענומען, אַזוי ווי אַ זייפן-שוים, פון די ביימער דעם ים ווייסע קווייטן און זיי אַ הויב געטון צום בלינדן הימל.

דער ווינט האָט זיך געטראָגן מיט אַזאַ אימפּעטיקער קראַפט, אַז עס האָט זיך געדוכט, דאָס ער לאָזט נאָך זיך אין דער לופט פּוסט-קייט — עס איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. אין אָט דער פּוסטקייט האָט זיך מיט אַ פּייפעריי און אַ שאָרכעריי איינגעזאַפּט דער הייסער שטויב.

די זאַמד-זיילן האָבן זיך געטראָגן, איבעריאָגנדיק איינע די אַנדערע. דעם וועג האָט מען נישט געזען. לאַפּשין האָט איינגעהאַלטן די מאַשין, זיך אויסגעדרייט און אַ געשריי געטון:

— מען דאַרף זיך אומקערן צוריק אין וואַלד אַריין. דאָרטן איז שטילער.

— מען דאַרף זיך נישט אומקערן! — נעוווסקאַיאַ האָט אָנגעכאַפּט לאַפּשינען פאַרן אַקסל. — איר זאָלט גאָרנישט וואַגן זיך אומצוקערן.

לאַפּשין האָט אַ הויב געטון די פּלייצעס און זיך אונטערגע-געבן. אַ משוגענע פרוי! צו וואָס אַזעלכע גוואַלדן צוליב עפּעס אַ נאַרישן ברי! פאַרן אין אַזאַ הוראַגאַן איז פּשוט אַ משוגעת.

די מאַשין האָט זיך מיט גרויס מי דורכגעשלאָגן דורך דעם אָנגעגליטן ווינט. טשאַפּ האָט זיך שטיל געזידלט. דער שטויב האָט אים געבלענדט די אויגן. די האַנט איז געוואָרן אָנגעדראָלן, און עס האָט זיך אים געדוכט, אַז נישט אין ברוסט, נאָר אין דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער האַנט קלאַפּט שטאַרק און האַסטיק דאָס האַרץ.

עס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס טשאַפּ איז אַריינ-געפאַלן אין פּען. ער האָט גובר געווען דעם ווייטיק און זיך אָנגע-רופן צו נעוווסקאַיאַן:

— עס איז גאָרנישט, דער שטויב וועט באַלד פאַראיבער, ערגער איז נאָר די טעמפּעראַטור.

נעװאסקאיאַ האָט נישט פאַרשטאַנען װעגן װאָס פאַרא טעמפּעראַ־טור רעדט דאָס טשאָפּ. זי האָט גענומען זײַן געזונטע האַנט, זי האָט געמײנט, אַז ער האָט היץ. טשאָפּ האָט אָבער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— נײן! איך האָב נישט קײן היץ. איר פילט דען נישט, װי די טעמפּעראַטור שפּרינגט?

ערשט איצט האָט נעװאסקאיאַ דערשפּירט, װי דער װינט װערט מיט יעדער מינוט אַלץ הײסער און הײסער. עס האָט בײַ איר דורכ־געשװעבט אַ װילדער געדאַנק: טאָמער דױערט עס נאָך אַביסל, װעלן זײ פאַרברענט װערן. דער װינט װעט זײ פאַרברענען, פּונקט אַזױ װי ער ברענט די בלעטער פון די בײמער.

אין מויל איז איבערגעטרוקנט. עס האָט זיך געװאָלט טרינקען. די רױטע פינסטערניש האָט געקאָכט אויף אַ ריזיקער הויך און זיך אַריבערגעװאָרפן איבער דער זון. די װינט־קלעפּ האָבן געשלײדערט די זון, װי אַ פוטבאָל־פּילקע. זי איז אַלע װײַלע פאַרשװונדן און זיך װידער באַװיזן, װי אַ בלוטיקער דיסק אויף דער משוגענערװײַז זיך טראָגנדיקער פינסטערניש.

דער קאַפּיטאַן האָט אַ קוק געטון אויפן הימל און שטיל אַ בורטשע געטון:

— זעכציק מעטער אין אַ סעקונדע.

— װאָס? — האָט נעװאסקאיאַ אַ געשרײ געטון.

— יאָ, אויבן שמײסט דער װינט מיט אַ שנעלקײט פון זעכציק מעטער אין אַ סעקונדע, נאָך ערגער פון אַ טײַפון. אין פאַרלויף פון אַ שעה צײַט הויבט דער פען די טעמפּעראַטור אויף 25 גראַד!

דער שטויב האָט זיך אָפּגעשטעלט, און פאַר נעװאסקאיאַס אויגן האָט זיך מיטאַמאָל אַנטפּלעקט גאָר אַ נײַ לאַנד, װאָס איז אַזױ װי באַגאָסן מיט אַן אָפּשײַן פון אַ װײַטער שריפה.

דער האָריזאָנט איז געלעגן אין אַ ציגל־קאָלירנדיקן נעפּל. די שײַן איז געװאָרן געל. אָט אַזעלכע לאַנדשאַפטן האָט נעװאסקאיאַ בלויז געזען אויף די בילדער פון די אַלטע מײַסטערס, אויף די בילדער, װאָס האָבן שוין אָפּגעבליאַקעװעט אין משך פון יאָרהונדערטן.

עס האָט געפּלאַצט די הינטערשטע קאַמערע. לאַפּשין האָט אָפּ־געשטעלט דעם אויטאָ. ער האָט אָפּגעװישט דעם שטערן, אויסגעטון די מאַרינאַרקע און זי אַ שמיץ געטון צו זײַנע פיס.

— מיר װעלן פאַרברענט װערן.

לאַפּשין האָט מיט כּעס אַ קלאַפּ געטון איבערן אויטאָ-ביידל. די פאַרב, וואָס האָט געטראַסקעט פון דער היץ, האָט זיך אָפּגעשיט.

— אין אַ מינוט אַרום וועלן פּלאַצן אַלע קאַמערעס. זיי טויגן אַזוי אויך אויף כּפּרות.

— ווי ווייט איז נאָך אין שטאָט אַריין? — האָט נעווסקאַיאַ געפרעגט.

— צען קילאָמעטער.

נעווסקאַיאַ האָט זיך געגנוי פאַרגעשטעלט דעם גאַנצן וועג. מען האָט געדאַרפט דורכפאָרן צוויי קילאָמעטער איבערן ברעג-ים, נעבן די סאַמע כוואַליעס, — קיין אַנדער וועג איז נישט געווען, דערנאָך האָט מען מיט אַ פּאַראָם געדאַרפט אַריבערשווימען דעם טייך קאַפּאַרטשע, און פון דאָרטן איז אין שטאָט אַריין בלויז זיבן קילאָמעטער.

— פאַרקערעוועט צום ברעג, — האָט זי געזאָגט צו לאַפּשינען.

— מיר וועלן פאָרן נעבן וואַסער. קיין צופלוס איז נישטאָ, דער ווינט בלאָזט פונם ברעג. דאָס וואַסער וועט אָפּראַטעווען די קאַמערעס.

לאַפּשין האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— לאָזט אַ ווײַלע אָפּכאַפּן דעם אָטעם!

אַלע האָבן געשוויגן. דער אויטאָ איז געשטאַנען לעבן אַן אַל-שינע-וועלדל. די בלעטער זענען שוואַרץ געוואָרן און האָבן זיך צונויפגעוויקלט. דער ברענענדיקער ווינט האָט זיי אַראָפּגעפליקט און אַוועקגעטראָגן אין ים אַריין. דער קאַפּיטאַן האָט געקרעכצט: כאָטש אַ טראָפּן וואַסער אייַנצוגעצן די האַנט.

נעווסקאַיאַ האָט מיט גרויליקער שרעק געקוקט אויף דער אַל-שינע, וואָס האָט זיך אָפּגעשיט פאַר אירע אויגן.

בשעת מען איז אַרויסגעפאָרן אויף דער גרויער פּליאַזשע האָט זיך דער אויטאָ פאַרהאַקט: עס האָט געפּלאַצט די צווייטע קאַמערע.

לאַפּשין האָט געקריצט מיט די ציין און שטיל זיך געזידלט. ער האָט איצט נישט געקאָנט אָנקוקן דעם קאַפּיטאַן און נעווסקאַיאַן. ער האָט זיי פיינט געהאַט דערפאַר, וואָס זיי טוען גאַרנישט, אין דער צייט, ווען עס איז אים שוין נישט גוט פון דעם בענזין-טשאַד און ער דאַרף זיך האַלטן אין איין פאָרען ביי דער מאַשין. ער האָט געשאָלטן קאָלכידע און שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם געדאַנק, אַז פון די גאַנצע סובטראָפּיקעס וועט גאָרנישט זיין, און דער ערשטער פען וועט פון די אַלע ציטרין-וועלדער מאַכן אַ באַרג אַש.

לאַפּשין האָט זיך אויסגעדרייט צו נעווסקאַיאַן און בייז אַ קוק געטון אויף איר בלייך פּנים. זי האָט אים געענטפערט פּונקט מיט אַזאַ בליק. אירע אויגן האָבן אַפילו אַ בליץ געטון מיט אַ בלוי פּייערל.

„ווי ביי אַ קאַץ", האָט לאַפּשין אַ טראַכט געטון און זיך אָנגערופן מיט אַ בייז שמייכעלע.

— אומזיסט סטאַרען מיר זיך אַזוי.

— איר מיינט, אַז מיר וועלן נישט דערפאָרן.

— געוויס.

דער נעפּל איז געפלויגן אין דעם לילע-קאָלירנדיקן הייסן ים. אויפן האָריזאָנט איז ער געדיכטער געוואָרן, און זיין קאָליר האָט זיך געביטן פון רויטלעך אויף שוואַרץ. דער ים איז געווען פּוסט.

אַ קילאָמעטער פאַר דער קאַפּאַרטשע האָט געפּלאַצט די דריטע קאַמערע. ווייטער פאָרן האָט מען נישט געקענט. מען האָט געמוזט לאָזן דעם אויטאָ און צוגיין צום פּאַראָם צופוס.

נעווסקאַיאַ האָט זיך באַאומרויִקט. וואָס וועט זיין, אויב דער פּאַראָם שטייט אויפן אַנדערן ברעג; אין אַזאַ ווינט, וועלן די איבערפירער בשום-אופן נישט וועלן אים צופירן צו דעם ברעג.

דער פּען האָט פאַרוואַנדלט די ערד אין אַ שטיין. איבער איר זענען אַרומגעקראָכן שטערנאַרטיקע שפּאַלטן. אינדערפרי, ווען זיי זענען געפאָרן קיין סופּסי, איז די ערד געווען פייכט און האָט געטשאַוועט אונטער די אויטאָ-רעדער.

דער קאַפּיטאַן איז געגאַנגען לעבן נעווסקאַיאַן און, גובר-זייענדיק דעם ווייטיק, האָט ער געפּרוווט מיט איר פאַרפירן אַ שמועס. ער האָט זי געוואָלט באַרויִקן און איר אָפּגעבאַרט, אַז די האַנט טוט אים שוין נישט אַזוי וויי.

פּלוצים האָט ער פאַר זיך אַליין געמאַכט אַן אַנטדעקונג, אַז ער זעט צום ערשטן מאָל די דאָזיקע פרוי, ווי עס באַדאַרף צו זיין. ביזאַהער איז אין זיין מוח פעסט געווען די פאָרשטעלונג פון אַ פרוי אַ וויסנשאַפטלערין, אַלס אַ שוואַך אויסגעדרעסירט ווען, וואָס פאַרמאָגט לגמרי נישט די אייגנשאַפטן פון אַ פרוי. עס קאָן זייער געמאָלט זיין, אַז צוליב דעם דאָזיקן פאָראורטייל האָט דער קאַפּיטאַן טאַקע נישט גערעדט מיט איר, ווי עס באַדאַרף צו זיין און אַפילו זי גוט נישט באַטראַכט.

איצט האָט ער געקוקט אויף איר מיט איבעררעשונג און מיט אַ

געוויסער דאָזע דאַנקבאַרקייט. ער האָט געזען אַ בלאַסע און דרייסטע פרוי מיט אַ לייכט, עטוואָס אויפגערעגט גענגל, ער האָט געזען טונ־קעלע אומצופרידענע אויגן און אַ פאַסמע רויטלעכע האָר, וואָס איז גע־פאַלן אויף דער פאַרשטויבטער באַק.

זיי זענען צוגעקומען צו דער קאַפּאַרטשע. דער ווינט האָט גע־טראָגן שפּריצן און שוים איבערן וואַסער. נעוווסקאַיאַ האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. דער פּאַראָם איז געשטאַנען ביים ברעג, אָבער אַרום האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיקן מענטש.

דער קאַפּיטאַן האָט איינגעטונקען די האַנט אינם טייך־וואַסער. עס איז אים געוואָרן לייכטער.

— נו, לאָמיר פאָרן! — האָט נעוווסקאַיאַ פרייליך אויסגעשריגן און איז צוגעגאַנגען צום פּאַראָם, — די רודערס זענען אויך דאָ.

לאַפּשין האָט זיך אומגעקערט צו איר און איר אַ קוק געטון גלייך אין די אויגן אַריין.

— איך האָב נישט געהאַלטן, — האָט ער רויִק געזאָגט, — אַז פון אַ פּען גייען מענטשן אַזוי שנעל אַראָפּ פונם זינען. געוויינטלעך הויבט זיך ערשט אויפן צווייטן טאָג אָן אַן אומדערוואַרטע צערייצט־קייט, און אויפן דריטן טאָג זענען מענטשן גרייט זיך צו שלאָגן. אויפן פערטן טאָג שטילט זיך דער פּען איין, און דאָס גייסטיקע גלייכגע־וויכט קערט זיך צוריק אום. אַזוי זאָגן די אַלטגעזעסענע איינוווינער.

נעוווסקאַיאַ האָט זיך אויסגעגלייכט.

— וואָס באַדייט עס?

— דאָס באַדייט, אַז מען טאָר נישט אַריבערפאָרן. אין בעסטן פאַל וועט עס אַוועקטראָגן דעם פּאַראָם אין ים אַריין, און אין ערגסטן — וועט ער דערטרונקען ווערן.

— וואָס־זשע זאָלן מיר, לויט אייער מיינונג, טון?

— איבערוואַרטן.

— וואַרטן קאָן מען נישט! — האָט נעוווסקאַיאַ אַ געשריי געטון.— איר ווייסט אַליין, אַז דאָס קאָן זיך זייער שלעכט ענדיקן.

לאַפּשין האָט אַ הויב געטון די אַקסל.

— אָט פרעגט דעם קאַפּיטאַן. ער איז דערפאַרענער פון אייך אין אָט די ענינים.

טשאָפּ האָט אַ קוק געטון אויפן טייך. די ריזיקע איז געווים, אַ גרויסע.

דער טייך האָט געקאָטשעט טונקל-ברוינע כוואַליעס, ער האָט גערוישט און געשפּריצט מיט פּאָנטאָנען-וואַסער. דער ווינט האָט אויסגעריסן און אומגעוואַלגערטביימער, וואָס זענען געוואַקסן ביים ברעג, און געפּאַטשט מיט זייערע צווייגן איבער דעם גרינעם וואַסער, — ער האָט אַזוי ווי געשמיסן דאָס וואַסער.

טשאָפּ האָט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן זיין האַנט. די אַלטע ים-טראַדיציעס, די וווּנדערלעכע און האַלב-פאַרגעסענע געזעצן פון שיף-קאַטאַסטראָפעס האָבן אים מיטאַמאָל באַהערשט מיט דער גאַנצער קראַפט. די ערשטע ראַטעוועט מען פון די שיפן, וואָס גייען אונטער, די קינדער און די פרויען. מען טאָר דעריבער נישט איינשטעלן דאָס לעבן פון אַ פרוי צוליב אַן אָפּגעבריטער האַנט. כאַפּט זי דער טייוול, די האַנט, עס וועט איר גאָרנישט זיין! דעריבער האָט ער געזאָגט:

— עס איז ריזיקאַליש צו פאָרן. בעסער לאָמיר איבערוואַרטן. די האַנט טוט מיר שוין נישט אַזוי וויי.

— איר זאָגט ליגן, טשאָפּ! — האָט נעווסקאַיאַ מיט כּעס אויסגעשריען. — צוליב וואָס דאַרפט איר זאָגן ליגן? די האַנט איז שוין בלוי געוואָרן. לאָמיר שוין פאָרן.

— פאַראַן! — האָט דער צעטומלטער טשאָפּ אַ זאָג געטון. — מיר פאָרן שוין.

— נו! — האָט נעווסקאַיאַ זיך געווענדט צו לאַפּשינען.

לאַפּשין האָט געשוויגן. ער האָט מיטן אַרבל פונם העמד אָפּגעווישט דאָס געזיכט, — דער אַרבל איז געוואָרן שוואַרץ.

— ער קאָן נישט רודערן, — נעווסקאַיאַ האָט אָנגעוויזן אויפן קאַפּיטאַן. — איך, איינע אַליין וועל זיך זיכער קיין עצה נישט געבן, אַלץ איז געווענדט אין אייך.

— איך וועל נישט פאָרן, — האָט לאַפּשין רויִק געענטפערט.

נעווסקאַיאַ איז בלאַס געוואָרן.

— פּחדן! — האָט זי אַ געשריי געטון, און אין אירע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. — איצט ווייס איך שוין, וואָס פאַרא ווערט עס האָט אייער „הויכע אינטעליגענץ פון די געלערטע". טשאָפּ, קומט, לאָמיר פאָרן!

לאַפּשין האָט זיך אויסגעדרייט און לאַנגזאַם זיך געלאָזט גיין צו דעם איבערגעלאָזטן אויטאָ. ער האָט אַפילו צוגעפייפט.

נעווסקאַיאַ און טשאָפּ האָבן אָפּגעשטופּט דעם שווערן פּאַראָם.

דער קאַפּיטאַן האָט געשוויגן. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטון נאָך דעם אַוועקגייענדיקן לאַפּטשינעץ און אַ בורטשע געטון:

— לאָז ער גיין צו... די הזירים!

נעווסקאַיאַ האָט גערודערט. טשאַפּ האָט גערודערט מיט איין האַנט, ער האָט פאַרביסן די ליפּן און פאַרשטיקט אין זיך די קרעכצן.

די ברעגעס האָבן אַ שווינדל געטון פאַר זיי ווי אַ גרויע קאַרוזעל. דער ווינט האָט געפייפט אין די רודערס און זיי געריסן פון די הענט. ער האָט אַראָפּגעריסן פון נעווסקאַיאַס קאָפּ דעם בערעט, און אירע רויטלעכע האָר האָבן זיך צעפלאַטערט אויפן ווינט, אַזוי ווי אַן אומגעוויינלעכע פאָן.

די כוואַליעס האָבן מיטן גאַנצן אימפּעט געקלאַפּט איבער דעם נידעריקן הילצערנעם באָרט. טשאַפּ האָט מיט דער קראַנקער האַנט אויסגעשעפּט דאָס וואַסער. נעווסקאַיאַ איז דורכגעווייקט געוואָרן ביזן העמד. מען האָט געזען, ווי אַלע אירע מוסקולן האָבן זיך אָנגעשטרענגט מיט אַן אומגעוויינטלעכער קראַפט.

„פון וואַנען נעמט זיך צו אַ פרוי אַזאַ גבורה?" האָט דער קאַפּיטאַן אַ טראַכט געטון.

ער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון דער לעפצונג פונם טייך. זי האָט זיך שנעל דערנענטערט. דאָרט האָבן זיך צונויפגעקנוילט די שמוציקע אָנגעהויפענע כוואַליעס, און דאָס וואַסער האָט געוויל-דעוועט.

„עס זאָל אונז נישט פאַרטראָגן אין ים אַריין!"

ביי נעווסקאַיאַן האָט זיך שרעקלעך געדרייט דער קאָפּ. זי האָט ביזן בלוט פאַרביסן די ליפּן. דער ווינט האָט ביי איר אַרויס-געריסן דעם רודער. דער פּאַראָם האָט זיך אַ וויג געטון. דער קאַפּיטאַן האָט דערזען, ווי די ביימער אויפן ברעג האָבן זיך דערשראָקן אָנגע-בויגן צו דער ערד. עס האָט זיך דערנענטערט אַ שרעקלעכער הוראַגאַן.

— אָט איצט איז דער סוף! — האָט דער קאַפּיטאַן אַ מורמל געטון.

די שפּריצן-וואַסער האָבן פאַרבלענדט נעווסקאַיאַס אויגן, אָבער זי האָט פאָרט באַוויזן צוריק אַ כאַפּ צו טון דעם רודער און ווייטער גערודערט.

די מינוטן האָבן זיך אומענדלעך געצויגן.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אומגעקוקט און דערזען גאָרנישט ווייט פונם פּאַראָם דעם ברעג, דאָסביידל פון די פּאַראָם-פירער און צוויי

פישערס. זיי זענען איבער די קני געשטאַנען אין וואַסער. איינער האָט אין האַנט געהאַלטן אַ לאַנגן שטעקן מיט אַ האָקן.

אַז דער פישער האָט אָנגעכאַפּט דעם פאַראָם, האָט דער קאַפּי־טאַן אַ געשריי געטון צו נעווסקאַיאַן:

— איצט זענען מיר געראַטעוועט!

ער האָט אײַנגאַנצן פאַרגעסן אין דער האַנט, און ערשט אויפן ברעג ווידער דערפילט דעם ווייטיק.

דער יונגער פישער אין קורצע הייזלעך האָט מיט ביטול אַ קוק אויפן קאַפּיטאַן.

— וואָס, קאַצאָ, ביסט אַ ביסל געריררט געוואָרן פון דעם דאָזיקן ווינט? דוכט זיך אַ מאַטראָס, און טוט אָפּ אַזעלכע נאַרישקייטן. און נעמט נאָך מיט אַ פרוי מיט זיך!

— לאָז געמאַך, טייערער! — דער קאַפּיטאַן האָט מיט דער געזונטער האַנט אַ קלאַפּ געטון דעם פישער איבער דער פּלייצע. — קום צו מיר אין האַפן: עס וועט זיין אַ שאַשליק און אַ מאַדזשאַרקע. מיר וועלן מאַכן אַ לחיים.

די פישערס האָבן זיך צעלאַכט.

— אַז דער ווינט וועט זיך איינשטילן, זאָלט איר אַהער אַריבערפירן אָט דעם פייפער!

דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעוויזן אויף לאַפּשינען, וואָס האָט זיך געפּאָרעט ביי דעם אויטאָ.

— מיט פאַרגעניגן!

זיי זענען אַוועק אין שטאָט אַריין. זיי זענען געגאַנגען פאַזע דעם ברעג צווישן די דיונעס. זיי האָבן געשיצט פונם ווינט.

נעווסקאַיאַ איז לאַנג געגאַנגען און געשוויגן. דערנאָך האָט זי זיך אָפּגעקערט און זיך צעוויינט. טשאָפּ איז געוואָרן אַ צעטומלטער. ער האָט געזידלט דעם פען דערפאַר, וואָס דער דאָזיקער ווינט דערפירט מענטשן ביז היסטעריק. דער פען האָט געבלאָזן מיט דער זעלביקער קראַפט.

פאַר זיי האָט זיך ווידער אַנטפּלעקט אַ מאָדנער לאַנדשאַפט,—אַ טרוקענער, אַן אָפּגעכמאַליעטער ווי דורך אַ שריפה. דער קאַפּיטאַן האָט זיך דערמאָנט, אַז בלויז פאַר אַ לקוי חמה איז אַזאַ כמורנע שיין און אַזאַ אַספּיד־שוואַרצער הימל.

פונדערווייטנס האָבן זיך געטונקלט די סעדער פון פּאָטי. דער

פען האָט זיי נישט אָנגערירט. זיי זענען געווען באַשיצט דורך די ווענט פון די טשינאַרעס.

— הערט, — האָט זיך דער קאַפּיטאַן אָנגערופן, — זיי וועלן אים אַריבערפירן. און וואָס איז דער אומגליק, אַז דער מענטש וועט אַ טאָג נישט עסן?

— ס'אַרע מאָדנע מענטש איר זענט דאָס, טשאָפּ! פון מײַנגעט־וועגן מעג ער דאָרט זיצן אַפילו דרײַ טעג!

— פאַרוואָס־זשע וויינט איר?

— דערפאַר ווייל ס'איז מיר געווען אימהדיק...

דאָס האָט שוין טשאָפּ נישט געקענט פאַרשטיין. ער האָט באַשלאָסן צו פאַרבײַסן די צונג און ער האָט געשוויגן, ביז זיי זענען געקומען אין שפּיטאָל אַרײַן, ווו ער האָט מיטאַמאָל ווידער שטאַרק אָנגעהויבן צו זידלען דעם כינעזישן לאַק־בוים.

דער פוטבאָל־מעטש

אויף דער סובטראָפּישער עקספּערימענטאַל־סטאַציע האָט זיך צעבליט דער באַמבוק. די ערשטע סימנים פון דער בליונג האָבן שטאַרק באַאומרויִקט נעווסקאַיאַן: דער באַמבוק בליט איינמאָל אין לעבן און נאָך דעם בליען שטאַרבט ער.

לאַפּשין איז געווען רויִק. נאָך דער מעשה ביי דער קאַפּאַרטשע האָט ער זעלטן גערעדט מיט נעווסקאַיאַן און הינטער די אויגן האָט ער גערעדט וועגן איר מיט אַ ביטול־שמייכעלע. נעווסקאַיאַס זאָרג האָט אין זײַנע אויגן אויסגעזען שטאַרק נאַיִוו: אויסמײַדן אָדער אָפּשטעלן די בליונג איז אוממעגלעך, דער באַמבוק וועט סיי־ווי אומקומען, און אויפרעגן זיך צוליב דעם איז נאַריש.

דער קאַפּיטאַן איז געקומען אויף דער סטאַציע אַ קוק צו טון אויף דעם בליענדיקן באַמבוק. זײַן האַנט האָט זיך שוין כמעט אויסגעהיילט, אָבער זי איז נאָך געווען פאַרבאַנדאַזשירט. טשאָפּ האָט מיטגעבראַכט מיט זיך יאַלאָטשקאַן און כריסטאָפאָרידין.

אויף דער סטאַציע אין דעם הילצערנעם, ליכטיקן הויז, ווו נעווסקאַיאַ האָט געאַרבעט, האָט דער קאַפּיטאַן געטראָפן סיאָמאַן. סיאָמאַ איז געקומען צו פאָרן אין שטאָט אַרײַן נאָך רעזערוו־טיילן פאַרן עקסקאַוואַטאָר און האָט געבראַכט נעווסקאַיאַן אַ בריוו פון גאַבוניאַן.

גאַבוניאַ האָט איינגעלאַדן נעווסקיאַן מיט טשאָפּן צו זיך קיין טשאַ-
לאַדידע אָנצוקוקן דעם קאַנאַל.

די פענסטער זענען געווען אָפן. דער בלענדנדיקער פרימאָרגן
און דער דורכזיכטיקער ווינט האָבן זיך דורכגעגאָסן דורך די בלעטער
פון די ביימער. פון די ווייסע בלומען פון די קלעטער-געוויקסן האָבן
אַראָפּגעטריפט קאַלטע טראָפּנס אויפן פענסטער.

דאָס אָטעמען פון דער פייכטער ערד, פון די געוויקסן און דער
זיסער ריח פון די מימאָזן האָבן טשאָפּן דערמאָנט די לופט פון מאַ-
דיגאַסקאַר, ווו ער איז געשטאַנען מיט ראָזשעסטווענסקיס עסקאַדרע,
דעם ריח פון די מאַרקן, ווו פון די קוישן-אויבסן האָט זיך אַזש פאַר-
דרייט דער קאָפּ.

יאַלאָטשקאַ און כריסטאָפאָרידי זענען אַנטלאָפן אין דער געדיכ-
טעניש פונם סאָד. די עקספּערימענטאַלע סטאַציע איז געווען אַ גרוי-
סער שאָטנדיקער סאָד, וואָס איז געווען פול מיט ווונדער. כריסטאָ-
פאָרידי האָט צעריבן אין די הענט די יונגע ציטרין-בלעטער און
געשמעקט די דלאָניעס.

אַ ברייטער רויך האָט זיך געשלענגלט צום הימל. אין סאָד האָט
מען פאַרברענט די פאַראַיאָריקע מאַגנאָליע-בלעטער.

כריסטאָפאָרידי האָט פאַרטראַכט אַ שפּיל. ער איז געווען אַ טי-
גער, און יאַלאָטשקאַ אַ יעגערין. כריסטאָפאָרידי האָט זיך אויסבאַ-
האַלטן צווישן די געדיכטע געוויקסן, געריטשעט און געקייט פון רציחה
די בלעטלעך און זיך געגרייט צו מאַכן אַ ריזיקן שפּרונג. ער האָט
זיך אויף אַזויפיל אַריינגעטון אין דער שפּיל, אַז ער האָט גאָר איב-
גאַנצן פאַרגעסן אין די אומפאַרמיידלעכע אומאַנגענעמלעכקייטן. די
אַלטיטשקע מוטער וועט אים דערגיין די יאָרן פאַר דעם קנאַפּן פאַר-
דינסט. ער וועט ווידער מוזן אויסבעטן ביי טשאָפּן אַ האַלבן רובל,
אַנישט וועט זי אים פאַריאַדען.

— קאָלאַ-מעראַ! — האָט כריסטאָפאָרידי געריטשעט און עס האָט
אים גענודעט פון דער ביטערקייט אין מויל. ער האָט אָקאָרשט צעקייט
אַ קאַמפער-לאָרבערבלאַט, און עס האָבן אים געברענט דאָס מויל.

די זון האָט זיך געגאָסן דורך די געוויקסן מיט גרינע שטראָ-
מען, פונקט אַזוי ווי עס שטראָמט דאָס וואַסער דורך די שפּאַרונעס
פון די שליוזן. פון דער ערד האָט זיך פון די וואָרצלען דורכגעזאַפּט
אַ רפואות-ריח. די פאַרצעלייענע בלעטער פון די ראָדענדראָנען האָבן

זיך געוואַלגערט אין גראָז, ווי ים-שטערנס. דער באַמבוק האָט גערוישט מיט די לענטע-בלעטער, און דאָס דאָזיקע שאָרכען איז מער ענלעך געווען צו דעם גלעזערנעם שטשעבעטשען פון די קליינע פייגעלעך. די איינגעריסענע בלעטער פון די באַנאַנעס האָבן געסקריפּעט פון דעם שטייפן טריפן פון דעם זאַפט. די נאָדלען פון די קריפּטאָמעריעס האָבן אַזוי שטאַרק געשמעקט, ווי עס קאָנען שמעקן הונדערט שיפן פון סאָסנע-האָלץ, וואָס זענען באַשמירט מיט געלער סמאָלע.

די עקאַליפּטן האָבן אויסגעדרייט זייערע שווערע, אַזוי ווי פּאַרשוויצטע, בלעטער מיט די זייטן צו דער זון. כריסטאָפאָרידי האָט זיי אויסגעמיטן. הינטער די עקאַליפּטן האָט מען זיך נישט געקענט באַהאַלטן: זיי האָבן נישט געגעבן קיין שאָטן.

אויף די קאַזאַנליקער רויזן האָט כריסטאָפאָרידי געכאַפּט אַ האָריקן זשוק. דער זשוק האָט זיך זייער געבייזערט און שטאַרק געזשומעט אין דער פאַרמאַכטער פויסט. כריסטאָפאָרידי האָט אים געוויזן יאָלאָטשקאַן.

דערנאָך האָבן זיי, אויסבאַהאַלטנדיק זיך פון די דערוואַקסענע, אָפּגעריסן אַ שטיק קאָרע פון אַ קאָרקנבוים — כריסטאָפאָרידין אויף אַ שווימער צו דער ווענדקע.

דער שיין, די שאָטנס, דאָס שאָרכען פון די בלעטער, די טויטראָפּנס, וואָס זענען געפאַלן אויף די אָפּגעברוינטע הענט, דער פריידעוודיקער רויש פונם ים און די וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן גלייך צו דעם זעניט, ווי אַ בריליאַנטענער באַלאָן, — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן ביי כריסטאָפאָרידין גרויס אַנטציקונג. ער האָט זיך ווי אַ ראָד דורכגעקאָליערט דורך דער אַלייע מיט אַן אַנטציקט געשריי: „מיר שייערן, מיר פייערן, מיר שייערן!“ און איז אומגעפאַלן אויף די שטרויכן געראַניעס.

פאַר דער צעבראָכענער געראַניע האָט מען געקאָנט כאַפּן דעם אמתן פּסק, און כריסטאָפאָרידי איז שטיל געוואָרן, ווי אַ לעמעלע. ער האָט גענומען יאָלאָטשקאַן ביי דער האַנט און זי אָפּגעפירט צום הויז, ווו פון די פענסטער האָט זיך געהערט אַ גערעדעריי.

אין שטוב האָט מען זיך געאַמפּערט. כריסטאָפאָראָדי האָט דערקענט לאַפּשינס קול. ער האָט אים נישט ליב געהאַט. פוצן לאַפּשינס פאַנטאָפל איז געווען אַן אמתע אָפּקומעניש — פוצן אָט די ריזיקע

דויטע פאַנטאָפּל! מען האָט צו זיי בשום אופן נישט געקאָנט קריגן קיין פּאַסיקע פּאַסטע.

— קאָלכידע איז גאָרנישט קיין סובטראָפּיש לאַנד, — האָט לאַפּ־שין געטענהט. דאָ איז פאַרן יאָר נישטאָ דער נויטיקער סכום וואַ־רעמקייט, וואָס מען מוז האָבן, כדי עס זאָלן צייטיק ווערן אַ סך טראָ־פּישע פּרוכטן.

— נאַרישקייטן! — האָט נעווסקאַיאַ געזאָגט. — דער סכום וואַ־רעמקייט פאַרן יאָר, וואָס איז נויטיק פאַר די סובטראָפּישע געוויקסן איז דריי טויזנט גראַד, און אין קאָלכידע דערגרייכט ער ביז פיר טויזנט פינפהונדערט. צו וואָס־זשע איז אָט דער דאָזיקער ביליקער סקעפּטיציזם?

— מיט אייך איז גאָר אוממעגלעך צו רעדן. איר רעדט מיט אַלעמען חוצפּהדיק.

— איך אַנטשולדיק זיך פאַר אייך פאַר דער מעשה ביי דער קאַפּאַרטשע, כאָטש איך בין דעמאָלט געווען פולקום גערעכט. לאָמיר מער וועגן דעם נישט רעדן.

— איך פאַרשטיי גאָרנישט אין באָטאַניק, — האָט זיך טשאָפּ אָנגערופן, כדי צו פאַרגלעטן דעם אומאָנגענעמענעם געשפּרעך. נעווסקאַיאַ האָט אַ שמייכל געטון.

— אין דעם געוויקסן־לעבן איז אַלץ פּשוט און פּראָסט. כדי די טראָפּישע געוויקסן זאָלן קענען צייטיק ווערן, דאַרף מען אין משך פונם יאָר האָבן אַ גענוגנדיקן סכום פון זון־וואַרעמקייט. נישט ווינצי־קער פון דריי טויזנט גראַד. די טעמפּעראַטור־וואַקלונגען זענען נישט אַזוי וויכטיק. מען קאָן זיך מיט זיי אַן עצה געבן: מען קאָן אַרומ־רויכערן די ביימער: אין רויך איז שטענדיק וואַרעמער, אָנוואַרעמען די צאַרטע סאָרטן מיט וואַרעם־אַפּאַראַטן, אַרומוויקלען זיי אויפן ווינטער אין מאַטן. די הויפּטזאַך איז — דער אַלגעמיינער סכום וואַרעמקייט פאַרן יאָר. מיך וווּנדערט שטאַרק, וואָס לאַפּשין שפּאַרט זיך, בעת ער ווייסט אויסגעצייכנט גוט, אַז מיר האָבן דאָ וואַרעמקייט איבערגענוג.

— איך שפּאַר זיך נישט. איך דערלויב זיך נאָר צו צווייפלען אין דעם.

— פּראָפעסאָרישע שטיקלעך! — נעווסקאַיאַ האָט זיך צעלאַכט.

עס איז איר איינגעפאַלן אַ שפּאַסיקער געדאַנק. — אָט לאָמיר דאָס קאָנטראָלירן. אין דרום־ענגלאַנד, מיט די דאָרטיקע שטענדיקע נעפּלען

און רעגנס איז גארנישט אזוי קאלט. דארט באטרעפט דער אלגעמיינער סכום ווארעמקייט פארן יאר דריי טויזנט גראד. ווי מיינט איר, וואקסן אין דרום-ענגלאנד טראפישע געוויקסן?

— עס וואקסן נישט און קאנען נישט וואקסן! — האט לאפשין געענטפערט.

— אט דער ענגלישער מאטראס, — נעווסקאיא האט אנגעוויזן אויף סיאמאן, — וועט אונז נישט אפנארן. ער פארשטייט נישט וועגן וואס מיר אמפערן זיך דא. לאמיר מיט אים גיין אין סאד אריין. לאז ער אנווייזן, וועלכעביימער, וואס וואקסן אין אונזער סאד, האט ער געזען אין ענגלאנד.

דער קאפיטאן האט דאס איבערגעזעצט. סיאמא האט א שטשייע געטון מיט זיינע שטארקע, געלע ציין. נו, געוויס, ער איז געווען אין דרום-ענגלאנד, אויפן אינזל אואיט, און וועט זיך באמיען צו באפרידיקן די בקשה פון דער מילעדי. עס איז אינטערעסאנט, אויף וויפל די מילעדי האט זיך געוועט מיט לאפשינען.

זיי זענען ארויסגעגאנגען אין סאד אריין. אויפן וועג האט טשאפ שטרענג געמוסרט סיאמאן, אז אין ראטנפארבאנד טאר מען נישט זאגן דאס ווארט מילעדי. סיאמא האט גלייך מסכים געווען דערמיט און אנגעהויבן רופן נעווסקאיאן „קאמראד".

דער קאפיטאן האט זיך געוואונדערט, וואס דער פען האט נישט אנגערירט די פרעכטיקע געוויקסן אין דער סטאציע. נעווסקאיא האט אים אנגעוויזן אויף דער וואנט פון עקאליפטן און טשינארעס, וואס האבן אפגעראטעוועט דעם סאד פון דעם סמאליענדיקן ווינט. דער געקאלפט האט נישט קיין מורא פארן פען.

סיאמא איז געגאנגען איבערן סאד מיט טיף אריינגעשטעקטע הענט אין די קעשענעס, און האט געפייפט. מיט זיין גאנצן אויסזען האט ער באוויזן, אז אים, דעם מאטראס, קאן מען מיט גארנישט איבערראשן.

טראפיקעס! אויף דעם אינזל טרינידארע האט ער מיט ציטרינען אויסגעזעצט די שויבן פון א קאפע, דערפאר, ווייל מען האט אהין נישט אריינגעלאזט א מאטראס — א נעגער. ער האט געקאנט די אלע נבזהדיקע פערעסקאפן פון די אונטערוואסער-שיפן. דעם טעם פון מאאיס-ברויט, די בלוטיקע געשלעגן מיט פאליציאנטן, די פוטבאלמעטשן — נישט אויף לעבן, נאר אויף טויט, די פאלשע שיף-דאקו

מענטן, די שטרייקן און, ענדלעך, די „גרויסע תּפילה״. די „גרויסע תּפילה״ האָט געהייסן אַ פּליטע פון אַ זאַמד-שטיין, וואָס האָט געוויגן אַ האַלבן טאָן. מיט דער דאָזיקער פּליטע האָט מען אויף די זעגל-שיפן געשיירט דעם דעק.

צום ערשטן מאָל איז סיאָמאַ אינדעראמתן איבערראַשט געוואָרן אין קאַלכידע. דער קאַפּיטאַן פונם האַפן, — וועלכער האָט לויט די אינטערנאַציאָנאַלע ים-טראַדיציעס אים געדאַרפט זידלען צווישן די ציין מיט די געמיינסטע זלזולים, — האָט אים גענומען צו זיך אַהיים און אים מער פון אַ וואָך געהאַלטן ביי זיך אין הויז און אים געגעבן עסן און טרינקען. אויף די סאָוועטישע דאַמפּערס, וועלכע פלעגן אָנקומען אין דעם פּאָטיער האַפן, האָט סיאָמאַ געזען קובריקעס, אין וועלכע עס האָבן בלויז געפעלט בלומען. אין זיבן טעג אַרום האָט מען אים גענומען אויף אַרבעט, און דער יונגער אינזשינער גאַבוניאַ האָט אים געדריקט די האַנט און מיט אים גערעדט ווי מיט זיין גלייכן. מער פון אַלץ האָט זיך סיאָמאַ געוווּנדערט, וואָס אין דעם דאָזיקן לאַנד האָבן אַלע מיט אים גערעדט, ווי מיט זייער גלייכן, אַפילו געלערנטע פרויען.

סיאָמאַ איז געגאַנגען איבערן סאַד און האָט צוגעפייפט. ער האָט דערזען פּאָריי-ציבעלעס און אַ שמייכל געטון צו זיי, ווי צו אַלטע באַקאַנטע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן די צעבליטע באַמבוקעס, ער האָט ווייט און מיט אַ פייף אויסגעשפּיגן און אַרויסגעלאָזט אַ מאָדנעם קלאַנג, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ קנאַק.

— קרעק! אָט דער דאָזיקער בוים וואַקסט ביי אונז אויפן אינזל אוּאַיט!

— פאַנטאַזיעס! — האָט זיך לאַפּשין צעבייזערט. — איר האָט מיך אַריינגעפּאַקט אין אַ נאַרישן שפּאַס מיט דעם דאָזיקן מאַטראָס. מען קאָן נישט זאָגן, זייער אַ פיינער וויסנשאַפטלעכער באַווייז!

— ער איז גערעכט! — האָט נעוווסקאַיאַ געזאָגט. — אין דרום-ענגלאַנד זענען פאַראַן גאַנצע באַמבוק-וועלדלעך.

לאַפּשין איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער. אָדער וואַנאַ, אַנישט אָט די פרוי פּאַקן אים שטענדיק אין אַמעראַצעס. יענער — מיט דער נוטריאַ, און די-אָ — מיטן באַמבוק.

— איר בייזערט זיך אומזיסט, לאַפּשין, — האָט נעוווסקאַיאַ געזאָגט. — אַ גוטער ספּעציאַליסט קאָן זיך זייער אַ סך דערוויסן

וועגן זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט זיין ספּעציאַליטעט, ביי מענטשן, וועלכע ער האַלט פאַר אומוויסנדע. זייט פאַרזיכטיק.

לאַפּשין האָט אַ מאָך געטון מיט דער האַנט און איז אַוועק אין זיין לאַבאָראַטאָריע, ווו ער האָט געאַרבעט איבער דעם מיקראָקלימאַט. נעוווסקאַיאַ איז געגאַנגען אַרבעטן. סיאָמאַ האָט זיך געזעגנט, ער האָט זיך געדאַרפט איילן צום צוג, וואָס גייט אָפּ קיין טשאַלאַדידע.

טשאָפּ איז געבליבן מיט די קינדער. צוליב זיין קראַנקהייט האָט ער באַקומען אַ צוויייוואָכנדיקן אורלויב און ער איז אַלע טאָג געקומען אין דער סובטראָפּישער סטאַציע. טשאָפּ איז געשטאַנען ביי דעם באַמ-בוק-וועלדל און האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. עס איז קלאָר, דער באַמ-בוק וועט אומקומען. ער האָט זיך דערמאָנט אין יאַפּאַן און דערציילט די קינדער אַן אינטערעסאַנטן פאַקט, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין אַ שטילן יאַפּאַנישן האַפן, ווו זיין דאַמפער האָט אָנגעלאָדן רייז.

גאַנץ פרי האָט דער וואַכטע-מאַטראָס אויפגעוועקט טשאָפּן און געזאָגט, אַז אין שטעטל איז עפּעס געשען: עס הערן זיך געשרייען און געוויינען פון פרויען. טשאָפּ איז אַראָפּ אויפן ברעג. עס האָט אויסגעזען, ווי עס זאָל זיין אַ שריפה. מענטשן זענען געלאָפן אין עק שטאָט. די מענער האָבן זיך געזידלט, די פרויען האָבן געשלעפּט נאָך זיך די קינדער. קיין שריפה האָט מען נישט געזען.

טשאָפּ האָט זיך געלאָזט גיין נאָך דעם עולם צו דעם באַמבוק-וואַלד און דערזען, אַז דער באַמבוק האָט זיך צעבליט.

דעמאָלט האָט זיך טשאָפּ צום ערשטן מאָל דערוווּסט, אַז די באַמבוק-וועלדער זענען פאַרייניקט מיט די וואָרצלען אין איין גאַנצעס און קומען אום נאָך דער בליִונג אויף ריזיקע שטחים. פאַר די איינ-וווינער פון דעם שטעטל און פאַר די פּויערים פון די אַרומיקע דער-פער, איז דער באַמבוק געווען נישט בלויז בוי-מאַטעריאַל, נאָר אויך שפּייז: די יאַפּאַנער עסן די יונגע באַמבוק-צווייגן. דאָס בליען פונם באַמבוק איז אין יאַפּאַן איינס פון די גרעסטע אומגליקן.

— אָט, קינדערלעך, — האָט טשאָפּ געזאָגט, — זעט איר שוין! יעדער בוים — און אַ ניי מעשהלע.

דער קאַפּיטאַן האָט גענומען די קינדער און איז מיט זיי אַוועק אין האַפן. אויפן וועג איז ער אַריינגעגאַנגען זיך געזעגענען מיט נעוווסקאַיאַן. זי איז געזעסן ביים טיש, וואָס איז געווען באַשאָטן מיט מוסטערן פון זוימען.

— יאָ, — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט, — „יענער" (אַזוי האָט טשאָפּ גערופן לאַפּשינען) אַרבעט איבער דעם מיקראָקלימאַט, און וואָס טוט איר?

— איך קלייב אויס די בעסטע סאָרטן פון געוויקסן פאַר קאַלכידע. די געוויקסן זענען פאַרשידנאַרטיק, פונקט אַזוי ווי מענטשן. עס זענען פאַראַן קאַפּריזע, שוואַכע, פאַרהאַרטעוועטע און שלאַבעריקע. עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן ליב אַ סך צו טרינקען, און אַזעלכע, וואָס קאָנען נישט פאַרטראָגן קיין פייכטקייט. צפונדיקע און דרומדיקע, זשעדנע און פרוכטבאַרע, מאָגערע און דיקע. ווען איר פלעגט זיך קלייבן אין אַ ווייטער נסיעה, פלעגט איר מסתמא זייער שטרענג צוקלייבן די מאַטראָסן. פונקט אַזוי איז אויך דאָ: מען מוז צוקלייבן די סאָרטן פון געוויקסן פונקט אַזוי ווי מענטשן אויף אַ ווייטער עקספּעדיציע. איין נאַר, אָדער פויליאַק קאָן קאַליע מאַכן די גאַנצע אונטערנעמונג. איצט קלייב איך צו די בעסטע סאָרטן פון עקאַליפּטן.

— אָט דאָס... — האָט דער קאַפּיטאַן אָנגעהויבן, אָבער ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן: געפערלעכע געשרייען האָבן זיך דערהערט פון גאַס און געצוווּנגען דעם קאַפּיטאַן צו ווערן אויפמערקזאַם.

כריסטאָפאָרידי איז אַרויסגעלאָפן פונם צימער, דער קאַפּיטאַן האָט זיך איינגעהערט. מען האָט דוכט זיך געשריען אָדער פון פרייד אָדער פון צאָרן, — מען האָט נישט געקאָנט פונאַנדערקלייבן. דער קאַפּיטאַן איז שנעל אַרויס פונם הויף.

אויפן פעלד, פאַר דער סובטראָפּישער סטאַנציע איז פאָרגעקומען אַ פוטבאָל-מעטש. מען האָט געשפּילט לויט דעם אַלטן פאָטיער מנהג. צוויי קאָמענדעס — בחורים קעגן באַווייבטע. דאָס האָט דער שפּיל צונעגעבן אַ געפערלעכן האַזאַרד. די בחורים האָבן זיך איזדיעקעוועט איבער די באַווייבטע. די באַווייבטע האָבן כמורנע אָפּגעשוויגן, אָבער ביי יעדער גינסטיקער געלעגנהייט האָבן זיי זיך דערלויבט אומגעזעצלעכע גענג, און געשלאָגן די בחורים מיט די שפּיץ-שטיוול אונטער די קני.

צווישן די שפּילערס, וואָס האָבן זיך צונויפגעשטופּט אין אַ קופּע, האָט טשאָפּ דערזען סיאָמאַן. ער האָט זיך אָפּגעווערט פון די באַווייבטע און זיך געפערלעך געזידלט אויף ענגליש. די בחורים האָבן פאַרטיידיקט סיאָמאַן.

דער מיליציאָנער גרישאַ האָט שנעל און ענערגיש געמאַכט אָרדענונג. דאָס אויספרעגן, וואָס עס איז דאָ געשען, איז צוגעגאַנגען גאַנץ רויִק.

געשען איז אייגנטלעך אַ נאַרישקייט. סיאָמאַ האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער שפּיל, זיך אַריינגעצויגן אין דער שפּיל אויפן אָרט פונם פאָרוואַרד, וועלכער האָט ווייטער נישט געקאָנט שפּילן, און אַריינגעשאָסן דריי גאָלן די באַווייבטע. דעמאָלט האָבן די באַווייבטע געמאַכט אַ גוואַלד און געפאָדערט, מען זאָל איבערשפּילן דעם גאַנצן מעטש. עמעצער האָט וועמען אַ קלאַפּ געטון. עמעצער האָט וועמען אָנגערופן טרעמפּ.

טשאָפּ איז צוגעגאַנגען צו סיאָמאַן, אים פּעסט אַ נעם געטון פאַרן אָרעם און אַרויסגעפירט פונם געזעמל. פון סיאָמאַן האָט זיך געשפּירט מיט היץ און שטויב. ער האָט געסאָפּעט, ווי אַ דערהיצט פערד.

— מיסטער בירלינג,—האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט מיט צאָרנדיקער העפלעכקייט. — דוכט זיך אייך נישט, אַז איר האָט דורכגעלאָזט דעם איינציקן צוג קיין טשאַלאַדידע, און אַז אין ראַטן-רוסלאַנד ווייסט מען צו אַרבעטן אין דער צייט און צו שפּילן אין דער צייט? איר האָב פאַר אייך ערב געווען גאַבוניאַן, און עס איז מיר אַ שאַנדע צוליב אייך.

ביי סיאָמאַן איז רויט געוואָרן דער האַלז. ער האָט עפּעס אומקלאָר אַ מורמל געטון און איז באַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דעם ערשטן ליקל. ביים ראָג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, פאַררויכערט, זיך פאַרטראַכט און באַשלאָסן זיך אַוועקלאָזן צופוס קיין טשאַלאַדידע, — ער האָט געהאָפט, אַז ביז אינדעפרי וועט ער שוין זיין אויפן אָרט.

נעווסקאַיאַ האָט זיך פאַרטיפט אין דער אַרבעט איבער די עקאַליפּט-זוימען. ביי איר אויפן טיש איז געלעגן די גאַנצע צוקונפט פון קאָלכידע — קליינינקע קערענדלעך, וועלכע מען האָט אַראָפּגעבראַכט פון יענער זייט אָקעאַן, קערנדלעך, וועלכע האָבן אין זיך פאַרמאָגט איבערראַשנדיקע, כמעט-צויבערלעכע אייגנשאַפטן — ריחות, הייל-זאַפטן, האַרט און אייביק האָלץ, שיינקייט פון בליונג און טרויער פון וועלקן.

נעווסקאַיאַ האָט אין פאָטי איבערגעלייענט לאַפּשינס עטלעכע אַרטיקלען וועגן באָטאַניק. דאָס לייענען האָט ביי איר אַרויסגערופן אַ שרעקלעכן קאָפּ-ווייטיק. דער מענטש האָט נישט פאַרשטאַנען דעם עיקר. ער האָט זיך געגריבלט, געגנישטערט אין קלייניקייטן מיט דער

בודנער פּינקטלעכקייט פון אַן אַפּטייקער. ער האָט נישט געזען די צו-קונפט און נישט פאַרשטאַנען דאָס לעבן פון די געוויקסן און לויט נעווסקאַיאַס מיינונג, האָט מען זיי געדאַרפט ליבן און קענען פונקט אַזוי ווי מענטשן.

לאַפּשין האָט זיך געשראָקן פאַר דרייסטע, געוואַגטע געדאַנקען און פאַר פרייען באַנוצן זיך מיטן מאַטעריאַל. ער איז געווען גענוי און פּינקטלעך דאָרט, ווו מען האָט דאָס נישט געדאַרפט. ער האָט נישט פאַרמאָגט זיין שעפערישע פאַנטאַזיע. בכלל איז דאָס געווען אַ טיפּ פון אַ געלערנטן בעל-מלאכה, אַן אָפּגעלעבטער, פאַרוואַלגערטער טיפּ פון אַן אָפּגעשלאָסענעם ספּעציאַליסט.

דאָס איינציקע ווערטפולע, וואָס לאַפּשין האָט אין זיך פאַרמאָגט — האָט נעווסקאַיאַ געטראַכט, — איז דאָס, וואָס ער קאָן אָנפירן מיט אַן אויטאָ.

געשריבן האָט ער צעצויגן און לאַנגווייליק. גערעדט האָט ער נאָך לאַנגווייליקער, מיט אָפּשטעל-צייכנס, מיט יענער אויסגעכאָוועטער שפּראַך, וועלכע מען האָט צווישן די אַלטע געלערטע געהאַלטן אַלס סימן פון הויכער קולטור. אויף מענטשן, וועלכע האָבן נישט פאַרמאָגט אַזאַ וויסן ווי ער, האָט לאַפּשין געקוקט פון אויבן אַראָפּ און ביי יעדער געלעגנהייט אָנגעוויזן אויף זייער נישטיקייט.

נאָכדעם ווי נעווסקאַיאַ האָט איבערגעלייענט די אַרטיקלען, האָט לאַפּשין זי געפרעגט, וואָס זי דענקט וועגן זיי. אָנשטאָט אַן ענטפער האָט נעווסקאַיאַ צוגעטראָגן געבראַכט אַ בענדל פון פּושקינס ווערק און אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף איין זאַץ אין זיינעם אַ בריוו:

„אין געאָמעטריע איז באַגייסטערונג פּונקט אַזוי נויטיק ווי אין פּאָעזיע“.

לאַפּשין האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט.

אַרבעטנדיק איבער די עקאַליפּטן-זוימען, האָט נעווסקאַיאַ אַ טראַכט געטון: ווער וואָלט אַמבעסטן געקאָנט אָנשרייבן וועגן דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן בוים? ווער וואָלט, אַזוי ווי זי, געקאָנט דערלער-נען אַלע צוויי הונדערט סאָרטן פון אָט דעם „לעבנס-בוים“ און אַנט-פּלעקן פאַר דעם לייענער די ריזיקע ווערט פון זיינע אומגעוויינלעכע אייגנשאַפטן? דאָס איז געווען אַן אַרבעט, וועגן וועלכער נעווסקאַיאַ האָט שוין לאַנג געטרוימט.

נעווסקאַיאַ האָט געהאַלטן, אַז דער עקאַליפּט איז דער סאַמע

ווערטפולסטער פון טראָפּישע געוויקסן. נישט אומזיסט האָבן אים די ענגלענדער אַ נאָמען געגעבן „דער דימענט פון די וועלדער".

אין משך פון צוויי יאָר זענען די עקאַליפּטן און קאַלכידע אויסגעוואַקסן אַלס זיבן-מעטערדיקע מעכטיקע בוימער. זיי זענען געוואַקסן מיט אַ פאַנטאַסטישער שנעלקייט, אַנדערע עקאַליפּטן האָבן דערגרייכט די הייך כּמעט קעלנער דאָם — אַ קאָפּ־שווינדלערישע הייך פון הונדערט פופציק מעטער.

און פּונקט אַזוי מעכטיק, ווי אין דער הייך, זענען די עקאַליפּטן געוואַקסן אין דער גרעב. ערשט דאָ נישט לאַנג האָט נעווסקאַיאַ איבערגעמאָסטן די יערלעכע שיכטן אויף אַ שטאַם פון אַן עקאַליפּט. דינערע יערלעכע שיכטן ווי פון דריי צענטימעטער האָט זי נישט געפונען.

דער דאָזיקער בוים האָט כמעט געשראָקן מיט זיין מאָדנער לעבנס-קראַפט, מיט זיין רייכקייט, ברייטקייט, פאַרשידנאַרטיקייט און ווערטפולע אייגנשאַפטן. נעווסקאַיאַ האָט געוווסט, אַז איין פּינפּיערי-קער עקאַליפּט גיט מער האָלץ, ווי אונזערע צוויי-הונדערט-יעריקע סאָסנעס און פיכטעס. איין עקאַליפּט האָט אַזויפיל האָלץ, וויפיל אַ וואַלד פון דריי העקטאר אין צפון-רוסלאַנד. צייטנווייז האָט נעווסקאַיאַ אַליין געמיינט, אַז עס איז איבערגעטריבן, עס איז אָבער פּאָרט אַזוי.

דאָס האָלץ פון אַן עקאַליפּט האָט מען געהאַלטן אַלס אייביקס. עס האָט נישט געפוילט. אין דעם האָט זיך קיינמאָל נישט געהאַלטן קיין אינזעקטן און בוים-זשוקעס. די סוואַיעס פון עקאַליפּטן-האָלץ אין ים-וואַסער האָבן זיך אין דרייסיק יאָר אַרום אַרויסגעוויזן פּונקט אַזוי פריש, ווי אין ערשטן טאָג, ווען מען האָט זיי אַריינגעשלאָגן. אין אויסטראַליע האַלטן זיך די באַן-שוועלן פון עקאַליפּטן-האָלץ צוויי און דריי מאָל לענגער פון אונזערע באַן-שוועלן. לויט זיין שטאַרקייט שטייגט דער עקאַליפּט איבער דעם דעמב און דאָס שוואַרצע נוסנהאָלץ.

נעווסקאַיאַ האָט זיך דערמאָנט אין טשאָפּס דערציילונגען וועגן די זעגל-שיפן מיט עקאַליפּטן-מאַסטן. בשעת די שרעקלעכע שטורעמס פון די פּערציקער ברייטן — די דאָזיקע שטורעמס רופן די ים-לייט „דונערדיקע" — האָבן די מאַסטן פון עקאַליפּטן קיין איין מאָל קיין סקריפּ נישט געטון אויף קיין איינציקער שיף. זיי האָבן בלויז געקלונגען און זענען געווען פּונקט אַזוי שלאַנק און אויסגעצויגן, ווי אין דעם גרעסטן

שטיל. אפנים, אז אפילו דער געניוסטער אויסמעסט-אפאראט וואלט נישט געקאנט געפונען דעם מינדסטן אויסבויג אין די דאזיקע מאסטן. און די מאסטן פון סאסנע-ביימער האבן די שטורמס פון די פערציקער ברייטן גלייך אפגעשניטן, ווי מיט א ראזיר-מעסער.

„מאסקווע אויסגעברוקירט מיט עקאליפטן! ווי פיין וואלט דאס געווען! — האט נעווסקאיא א קלער געטון, — ברוקירן דאך די ענגלענדער לאנדאן מיט אט דעם וואונדערלעכן האלץ. ברוקן פון עקאליפט דעזינפיצירן די שטאט".

די בלעטער פון די עקאליפטן זענען שטענדיק אויסגעדרייט מיט די זייטן צו דער זון. אין די עקאליפטן-וועלדער איז קיינמאל קיין שאטן נישטא. דער עקאליפט איז דאס בעסטע געוויקס אויף אויסצו-טרוקענען די זומפן. זיינע זייער שווערע, וואגיקע בלעטער דאמפן אויס א ריזיקע צאל פייכטקייט. דער עקאליפט האט נישט קיין מורא פאר דעם פען און רעגנס און וואקסט אויף יעדן באדן.

די מאלאריע-קאמארעס פארטראגן נישט דעם עטער-ריח פון די עקאליפט-בלעטער. דער עקאליפט ראט אויס די מאלאריע. עס קאן זיין, אז דערפאר טאקע רופט מען אים אין די טראפישע לענדער דער „לעבנס-בוים".

עס האט אנגעהויבן ווערן טונקל. נעווסקאיא האט אויפגעהויבן דעם קאפ און א קוק געטון אויפן זייגער. ער האט באשיידן געטיקעט אין דער שטילקייט פון דעם קליינעם הויז, וואס איז געוומען געווארן אין געפאנגענשאפט דורך א ים געוויקסן. עס איז ערשט געווען פינף א זייגער. פאר וואס-זשע איז אזוי פינסטער?

נעווסקאיא האט ארויסגעקוקט דורכן פענסטער, א טונקל-בלויער וואלקן האט זיך אויפגעהויבן הויך איבערן ים. אין דער שווערער דושנעקייט האט א קנאל געטון א לאנגזאמער דונער. פון וואלקן האט א בלאז געטון א ווינט. די גלאנציקע, כמעט שווארצע טראפי-שע בלעטער, וואס זענען געווען באדעקט מיט א דינעם שיכט וואקס, האבן אנגעהויבן צו שארכען און צו ווארפן זיך.

— עס וועט זיין א גאסרעגן, — האט זיך עמעץ אינדרויסן אנגערופן.

אין דער זעלבער רגע האט פון דעם וואלקן א זעץ געטון א ריזיקער צעצווייגטער דונער, ווי עס וואלט א טראסק געטון און זיך צעשאטן אויף טויזנטער שטיקער דאס גאלדענע גלאז. די דאזיקע

שפּליטער, די דאָזיקע אויגנבליקלעכע ווילדע פייערן האָבן אַ בליץ געטון אין די געדיכטעניש פון די ציטרין-ביימער, און נעווסקאַיאַ האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז נישט קיין גלאַנץ פון פייערן, נאָר העגנלען פון אויסטערלישע, פאַרבלענדנדע ציטרינען.

דער ווינט איז אַריינגעפלויגן אין פענסטער, אַ שפּיל געטון מיט די פאָרהענגלעך און איז ווידער אַוועק. עס האָט ווידער אַ בליץ געטון, און קלאָרער און פיל גרויזאַמער, ווי פריער, האָט זיך אונטערן הימל דורכגעקאָלערט דער דונער.

נעווסקאַיאַ האָס זיך גענומען איילן גיין אַהיים. דער גאָסרעגן האָט געקאָנט דויערן אַ גאַנצן מעת-לעת.

זי איז געגאַנגען איבער די גאַסן, ווו עס האָט שוין געבאַלע-באַטעוועט דער ווינט, און זיך דערמאָנט אין דעם ערשטן דונער. דער בליץ האָט איר אַזוי ווי אָנגעוויזן די צוקונפט פון קאָלכידע אין דער גאַנצער פּראַכט פון אירע גילדענע ציטרין-פּרוכטן.

אינדערהיים האָט טשאָפּ געזאָגט, אַז עס וועט זיין אַ גאָסרעגן. דער באַראָמעטער איז געפאַלן. די נאַכט איז פאָריבער אָן רעגן, און אינדערפרי האָט נעווסקאַיאַ באַשלאָסן אַראָפּצופאָרן קיין טשאַלאַדידע, זי האָט געמיינט, אַז זי וועט באַוויזן צוריקצוקומען נאָך פאַרן נאָסרעגן.

דער לעבין-ביוסט

גאַבוניאַ האָט געלייענט היפּאָקראַטן — אין די פרייע שעהן האָט גאַבוניאַ געשריבן אַ וויסנשאַפטלעך ווערק וועגן קאָלכידע און דע-ריבער שטודירט די היינטצייטיקע און אוראַלטע געאָגראַפן — סטראַ-באָנען, היפּאָקראַטן און האָמערן.

גאַבוניאַ האָט פאַרזיכערט, אַז אין דער „איליאַדע" איז גלענצנד באַאַרבעט די טאַבעלע פון די וועטערן פאַר דער צייט פון דער טראָ-יאַנער מלחמה. מיט אַ פייערלעכער גענויקייט האָט האָמער באַשריבן טאָג נאָך טאָג די באַוועגונג פון די ווינטן און די וואָלקנס. איינער פון אונזערע געלערטע האָט, נאָכדעם, ווי ער האָט איבערגעלייענט האָ-מערן, צונויפגעשטעלט אַ רשימה פון דער אַטמאָספערישער דריקונג אין יענע לעגענדאַרע צייטן און אויסגערעכנט, אַז איבער דעם אַרכי-פּעלאַג איז דעמאָלט דורכגעגאַנגען אַ ציקלאָן, וועלכער האָט פונאַנ-דערגעיאָגט די אַכייאישע שיפן.

„ביי די פעלקער, וואָס וווינען אויפן פּאַזיס (ריאָן), — האָט גאַבוניאַ געלייענט, — איז דאָס לאַנד זומפּיק, הייס, באַוואַקסן מיט וועלדער און פול מיט פייכטקייט. אין אַלע צייטן פון יאָר גיסן דאָרטן שטאַרקע רעגנס. דאָרטן פאַרברענגען די איינוווינער זייער גאַנץ לעבן אין די זומפּן. אין מיטן וואַסער בויען זיי זיך הייזלעך פון צווייגן. איבער זייער לאַנד פאָרן זיי מיט די טייכן און קאַנאַלן, וועלכע געפינען זיך דאָרט אין אַ גרויסער צאָל, אויף שיפלעך, וואָס זענען געמאַכט פון איין שטיק האָלץ. זיי געברויכן וואַרעם, שטייענדיק וואַסער, וואָס פוילט אונטער דער היץ פון דער זון, און זאַמלט זיך פון די רעגנס. דאָרט בלאָזן דרומדיקע ווינטן, עס טרעפט אָבער אויך דער מזרחדיקער, ברענענדיקער און אומאָנגענעמער ווינט. מען רופט אים „קענכראָן".

— זיי געברויכן שטייענדיק וואַסער, וואָס פוילט אונטער די הייסע שטראַלן פון דער זון, — האָט גאַבוניאַ איבערגעחזרט און זיך אייסגעזידלט. דעם סאָדע-טעם פון דעם דאָזיקן וואַסער האָט ער אויסגעצייכנט געקאָנט. ער איז געווען זיכער, אַז זיין פיבער נעמט זיך פון דעם דאָזיקן וואַסער.

גאַבוניאַ האָט זיך אויפגעהויבן און צעפּראַלט די פענסטער. עס איז געווען דושנע, און אין דער לופט האָט אָנגעהויבן צו שמעקן מיט וואַניליע.

„ערגעץ קלייבט זיך אַ שטורעם", האָט גאַבוניאַ אַ טראַכט געטון און איבערגעמישט אַ זייטל.

עס איז אריינגעקומען דער פּראָראַב*) מיכאַ. ער האָט אומרויִק געפינטלט מיט די אויגן און געצופּט זיין צעפליקטע טשערקעסקע. ער איז ווייך צוגעגאַנגען צום באַראָמעטער און אַ פּויק געטון איבער דעם גלאָז מיטן געלן נאָגל. מיכאַס אויגן האָבן זיך פאַרשמעלערט און טונקל געוואָרן: דער באַראָמעטער איז געפאַלן אַראָפּ מיט דער אייגעשפּאַרטקייט פון אַ ווייזער פון אַ זייגער.

— עס וועט זיין אַ גאָס-רעגן. זעסט ווי שטאַרק עס שמעקט? — האָט מיכאַ זיך אָנגערופן און אַ שמייכל געטון. ער האָט געהאַט אַ טבע שטענדיק צו שמייכלען, אפילו אין די סאַמע אומאָנגענעמסטע מינוטן פון זיין לעבן. פאַר אָט דער אייגנשאַפט האָט מיכאַ באַקומען אַ שם

*) אויספירער פון די ארבעטן.

פון אַ העלד. — דאָס וואַסער וועט זיך אַראָפּרייסן פון דעם באַרג שאַליקאָ און וועט פון אַלץ מאַכן אַ חורבן.

גאַבוניאַ האָט געשוויגן.

— דער געלער ענגלענדער איז נישט געקומען, — האָט מיכאַ געזאָגט און אַ קוק געטון אויף זיך אין דעם גלעזל פונם באַראָמעטער.—פון דעם דאָזיקן פיבער בין איך געוואָרן געל, ווי אַ קאַנאַריק...

גאַבוניאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אויפן פינפטן פיקעט האָבן זיך די וואַלן אויף די ברעגעס פונם קאַנאַל אַראָפּגעזעצט אויף אַ גאַנצן מעטער, מען מוז זיי דורכויס תיכף אונטערשיטן. די מענטשן וועלן זיך, געוויינלעך, נישט קענען קיין עצה געבן. דער איינציקער עקסקאַוואַטאָר אויפן פיקעט שטייט, ווייל עס פעלט אין אים אַ וויכטיקער טייל. סיאָמאַ איז נאָך אים געפאָרן אין שטאָט אַריין און איז נישט צוריקגעקומען.

— וואָס וועלן די מענטשן קאָנען אויפטון, אַז זיי זענען אַלע מאַליאַריקער? —האָט מיכאַ אַ מורמל געטון און אָפּגעווישט דעם שווייס.

איבער דעם דאָזיקן לאַנד איז די לופט געווען אַזוי ווי אין אַן אומגעהייער אָנגעהייצטער באָד. מיכאַ האָט אויסגעשפּיגן אויף דער פּאָדלאָגע.

— איך הער, — האָט גאַבוניאַ געענטפערט.

ער האָט געטראַכט. די וועלדער הינטער די פענסטער זענען אויסגעגאַנגען פון דער היץ און די מיאַזמען. דער הימל איז געהאָנגען ווי אַ בלייערנער קופאָל.

קלאָר האָט אַ זיפץ געטון אַ ווייטער דונער.

— אַ-זוי... — גאַבוניאַ האָט לויט זיין אַלטער געוווינהייט אונטערגעפירט מיט דער בלייפען אַ שנעלן סך-הכל אויף היפּאָקראַטס בוך.— אין צוויי שעה אַרום וועט זיך אָנהייבן דער גאָסרעגן. אין דריי שעה אַרום וועט דאָס וואַסער אַ פלייץ טון פון די בערג. פאַר אָט די דריי שעה דאַרף מען מאַכן דעם טייל, וואָס פעלט אין דעם עקסקאַוואַטאָר אין דעם באַוועגלעכן וואַרשטאַט. אָבער פון וואָס מאַכט מען אים, דער רוח זאָל עס נעמען? פון וואָס? מען דאַרף האָבן בראָנז.

גאַבוניאַ האָט דערפילט, ווי עס רוקט זיך ביי אים אָן די מאַליאַריע. דאָס בלוט האָט גענאָגט אינם קערפער, ווי דאָס פישטשען פון קאָמאַרעס. עס האָט זיך געוואָלט צולייגן, זיך איינהילן ביז איבערן קאָפּ און פון גאָרנישט טראַכטן.

דער ווינט האָט אַ רויש געטון אין די וועלדער און באַלד איז ווידער טויט-שטיל געוואָרן.

— אַלע מענטשן אויפן פינפטן פיקעט, קאַצאַ! — האָט גאַבוניאַ הייזעריק געזאָגט. — אַלע ביז איינעם, אַפילו די פרויען! און פון דער ערד אַרויס מוזטו מיר גלייך געפינען אַ שטיקל בראָנז.

— האָ! — מיכאַ האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. — ביז טשאַ-לאַדידע איז זיבן וויאָרסט. און דאָרט, אויף דער סטאַציע איז פאַראַן אַ גלאָק. באַפעל. איך וועל גיין. איך וועל אַראָפּנעמען דעם גלאָק, אַז קיין האָן וועט נישט קרייען.

— נאַרישקייטן! — האָט גאַבוניאַ אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. — שנעלער! אַלעמען אויפן פינפטן פיקעט. גיך!

מיכאַ איז אַרויסגעלאָפן, און באַלד האָט גאַבוניאַ דערהערט אַ אייליק קלינגען און געשרייען. מיכאַ האָט געקלאַפּט מיט אַן אייזער-נעם שטעקן אין אַ בופער, וואָס האָט געדינט אָנשטאָט אַ גלאָק און געשריען אויף קולי-קולות:

— דער פינפטער פיקעט! דער פינפטער פיקעט!

אין אַ מינוט אַרום זענען די מינגרעלער-אַרבעטער, אַרויפוואַרפנ-דיק אויף די קעפּ זעק, געלאָפן פון די באַראַקן צו דעם קאַנאַל. די ליאַנעס האָבן געריסן און געפּליקט זייערע מלבושים און ווי שאַרפע גאָלמעסערס געשניטן זייערע שטיוול. די לאָפּעטעס האָבן געקלונגען אין די שטאַמען פון די ביימער.

גאַבוניאַ האָט אויסגעשעפּט אויף דער צונג די האַריקע כינין-קרישטאָלן, זיי פאַרטרונקען מיט וואַסער און פאַמעלעך אָנגעהויבן אָנצוטון דעם פאַרשטייפטן ברעזענטענעם מאַנטל. זיין געזיכט האָט געברענט.

ער האָט אַרויסגעקוקט פון פענסטער. אַ כמאַרע, ווי אַ שוואַרצע וואַנט, האָט זיך אָנגערוקט פון מערב-זייט און האָט שוין פאַרשטעלט די זון. דער ברעג פון דער כמאַרע האָט זיך געקרויזט. דער רויך האָט אויסגעזען ווי שטיקער שמוציקע וואַטע. די וועלדער האָבן גע-שוויגן. די בית-הקברות-שטילקייט האָט געקרישט אין גאַבוניאַס קאָפּ, ווי געדיכט און קלעפּיק בלוט. די שלייפן האָבן זיך געבלייכט.

„פונם כינין מסתמא?" — האָט גאַבוניאַ אַ טראַכט געטון און זיך געריבן דעם שטערן, כדי צו פאַרטרייבן די מידע מאַליאַריע-געדאַנקען. „וואָס טוט מען? די מענטשן וועלן נישט באַווייזן אָפּצוטון

אַפילו אַ העלפט פון דער אַרבעט. קיין געהילפן, אויסער מיכאַן, האָט ער נישט. אַבאַשידזע איז אַוועק מיט די אַרבעטער און מיט גוליאַן אויסצופאָרשן די זומפּן אויף די ברעגעס פונם טערקישן קאַנאַל נעדאַ-אַרד. אויב עס וועט זיי פּאַקן דער שלאַקסרעגן, זענען זיי פאַרפאַלן".

געבליבן זענען זיי זאַלבעצאַנד — ער און מיכאַ, מיכאַ איז אַ פּחדן. ער איז באַרימט געוואָרן אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט בשעת דער מלחמה געשאָסן פון אַ פאַרראָסטעטן „סמיט און וועסאָן" אויף דעם דייטשישן קרייצער „געבען". דער קרייצער „געבען" איז צוגעגאַנ-גען צום האַפן און אָנגעהויבן צו באַשיסן די שטאָט פון די שווערע האַרמאַטן. אויפן מאַרק, ווו מיכאַ האָט געהאַנדלט מיט טאַבאַק, איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק. דעמאָלט האָט מיכאַ אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָל-ווער און זיבן מאָל אויסגעשאָסן אויפן געפּאַנצערטן קרייצער. די קוילן האָבן אַפילו נישט דערגרייכט ביז צום קרייצער, — ער איז געשטאַנען וויט פון ברעג. מיכאַ איז פון די כּלים אַרויס פון שרעק. ער האָט געמיינט, אַז ער פאַרטיידיקט זיך.

גאַנץ צופעליק האָט דער קרייצער, גלייך נאָך מיכאַס שאָס, אָפּגעשטעלט דאָס באַשיסן די שטאָט און איז אָפּגעשוווּמען. פון דע-מאָלט אָן האָט גאַנץ פּאָטי געהאַלטן מיכאַן פאַר דעם אמתן העלד, אָבער גאַבוניאַ ווייסט, אַז ער איז אַ געפערלעכער פּחדן. פאַרלאָזן זיך אויף אים טאָר מען נישט. ער האָט פאַרגעלייגט צוצובינדן דעם גלאָק בלויז צוליב דעם, כּדי צו אַנטלויפן פון די וועלדער אויף אַ העכער אָרט. די סטאַציע וועט עס נישט פאַרפלייצן.

און דער דאָזיקער טייוולס-זון, דער געלער ענגלענדער, האָט, מסתּמא, זיך אָנגעשיכּורט אין שטאָט און נישט געבראַכט די נויטיקע טיילן פאַר דעם עקסקאַוואַטאָר.

„וואָס-זשע איז דאָס מיט מיר? — גאַבוניאַן איז קאַלט געוואָרן. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז עס איז שוין אַוועק אַ שעה צייט, כאָטש אין דערווירקלעכקייט זענען ערשט פאָראיבער צוויי מינוט. — מען דאַרף גיין אין וואַרשטאַט אַריין, מען דאַרף געפינען אַ שטיקל בראָנז".

אַ לאַנגער ווייטיק האָט צונויפגעדריקט די ביינער פון די פיס און מיט אַ דינעם ציטער דורכגעגאַנגען דורך דעם מאַרכביין. וואַקלענ-דיק זיך, איז גאַבוניאַ אַרויסגעגאַנגען אויף דעם גאַניקל.

ער האָט אַ קוק געטון אין מערב-זייט. אַ נישט דורכדרינגלעכער בעפל האָט זיך געקנוילט איבער די וועלדער. די וועלדער זענען בלייך

געוואָרן פון שרעק. די גרינגקייט פון דער אַלשינע איז געוואָרן איגגאַנצן העל. ווייט ווייט האָט געדרוישט און געציטערט די ערד. עס האָט זיך אַלץ דערנענטערט דער בייז-בשורהדיקער רעש, אָט אַזוי ווי אויף קאַלכידע וואָלטן זיך אָנגערוקט גאַנצע אָקעאַנען. אַ בלאַסער ווילדער בליץ האָט אַ פּאַטש געטון אין זומפּ.

ביי גאַבוניאַן האָבן די ציין אַ קלאַפּ געטון, און דער קאָפּ האָט זיך געגומען טרייסלען. אַן אייזיקע קעלט האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן צוצוקריכן אונטער דעם שאַרבן. פיבער! פאַר דעם האָט ער זיך מער פון אַלץ געשראָקן.

עס האָט שנעל אָנגעהויבן פינסטער צו ווערן, אָבער אין די באַראַקן-פענסטער האָט זיך נישט באַוויזן קיין איין פייערל. עמעצער האָט אים אַ רוף געטון. ער האָט זיך אומגעקוקט. די פינסטערניש איז געוואָרן געדיכטער. אינדערהייך האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווינט, וואָס האָט געטראָגן פּאַסמעס גרויע וואָלקנס און טרוקענע בלעטער.

גאַבוניאַ האָט צונויפגעדריקט דעם שטערן, כדי איינצושטילן דעם ציטער. ער האָט זיך איינגעקוקט און לייכטער אָפּגעאָטעמט. ער האָט דערקענט נעווסקאַיאַן. אירע שטיוול זענען געווען צעראַצט פון די ליאַנעס, דער מאַנטל צעריסן.

— איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל נישט באַוויזן צוצוקומען ביז צו דער סטאַציע, — האָט זי געזאָגט פאַרסאַפּעט, — איך קאָן נישט קוקן אַהין, — זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צו דעם וואָלקן. — עס פאַרנעמט מיר ביים האַרצן.

גאַבוניאַ האָט ווייטיקלעך אַ שמייכל געטון.

— גייט אַריין צו מיר. אָט אין דעם באַראַק, ווו עס איז די אַנטענע.

— איר האָט פיבער, — האָט נעווסקאַיאַ געזאָגט. — פאַרוואָס זעט מען אין ערגעץ נישט קיין לעבעדיקן מענטשן?

— אַלע זענען ביים קאַנאַל. עס זאָל הלילה נישט אונטערשווענקען די וואַלן. דער עקסקאַוואַטאָר שטייט. דער אידיאָט סיאָמאַ איז ערגעץ געבליבן שטעקן אין שטאָט מיט די נויטיקע טיילן. איך וועל באַלד צוריקקומען. נישט אין דער ריכטיקער צייט זענט איר געקומען צו פאָרן...

גאַבוניאַ האָט באַמערקט, ווי ביי נעווסקאַיאַן האָט אַ ציטער

געטון דאָס געזיכט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זי באַליידיקט. ווי עס קלעפּט זיך עפּעס אַלץ נישט, ווי נאַריש עס באַקומט זיך.

— גייט אַריין אין באַראַק! — האָט ער כמעט אַ געשריי געטון. — וואַרט אויף מיר. איך קום באַלד צוריק.

נעווסקאַיאַ האָט זיך אויסגעדרייט און זיך געלאָזט גיין צום באַראַק. אירע ברעמען זענען געווען צונויפגערוקט, די ליפּן האָבן געציטערט. נישט-זשע מיינט אָט דער לאַנגפיסיקער בחור, אַז זי קאָן נישט אַרבעטן אין אַ צייט פון געפאַר פונקט אַזוי ווי די איבעריקע? די אומגעלומפּערטע קאַווקאַזישע ריטערלעכקייט!

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן באַראַק און אַ קוק געטון אויפן קאַנאַל. ער האָט דורכגעשניטן די אוראַלטע וועלדער ווי אַ ברייטער טייך און זיך געצויגן פופציק קילאָמעטער. אין זיין וואַסער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער שווערער הימל און עס האָבן זיך אָנגעהויבן וואָלקנס.

עפּעס אַ פויגל איז דורכגעפלויגן נידעריק, כמעט איבער דער ערד מיט אַ וויינענדיקן געשריי און פאַרטשעפּעט נעווסקאַיאַן מיט אַ פליגל. דער פויגל איז געפלויגן פונם באַרג, אַנטלויפנדיק פונם געוויטער.

נעווסקאַיאַ איז אַריינגעגאַנגען אין באַראַק. אין גאַבוניאַס צימער האָט געברענט אַ ספּירט-מאַשינקע. זי האָט פאַרשפּרייט אַ בלויען שיין. נעווסקאַיאַ האָט באַטראַכט דאָס צימער. ביכער, באַראָמעטערס, שווערע זומפּ-שטיוול, מאַפּעס און נישט קיין גרויסער לענין-ביוסט אויף אַ הילצערנער, נישט אָפּגעהובלעוועטער פּאָליצע.

עס האָבן אַ קלאַפּ געטון די פענסטער-ראַמען. די וועלדער האָבן זיך אַ וויג געטון און שטיל זיך צערוישט. דער ווינט האָט אַרומגעשפּאַצירט איבער די שפּיצן און זיי אַראָפּגעבויגן ביז צו דער ערד.

גאַבוניאַ איז אַריינגעקומען. זיין ערדקאָלירנדיק געזיכט האָט נערוועז געציטערט. די אויגן האָבן טרוקן געגלאַנצט.

— הערט, — האָט ער שנעל און אומקלאָר אַ זאָג געטון. — בלויז הונדערט מינגרעלער — — — יאָ, בלויז הונדערט אַרבעטער, איך און איר מוזן אָפּראַטעווען פון פאַרפלייצונג די דאָזיקע גאַנצע טייל פון קאָלכידע. אַרום אויף צענדליקער קילאָמעטער... אפילו מער... איז קיין לעבעדיקער מענטש נישטאָ... דער עקסקאַוואַטאָר שטייט... מען וועט מוזן אַרבעטן מיט די הוילע הענט... קיין בראָנז איז נישטאָ. דער מאַטראָס וועט נישט קומען. אין צען מינוט אַרום וועט אַ גיס טון אַ גאַסרעגן. איר וועט קאָנען אויסהאַלטן?

— ווען נישט די מאַליאַריע, וואָלט איר מיר גאָר אַזאַ פראַגע נישט געשטעלט, — האָט נעוווסקאַיאַ ווייך געענטפערט. — ס'איז נישט געפערלעך. מיר וועלן אַלץ איבערקומען.

גאַבוניאַ האָט זיך בייז צעלאַכט.

— ס'איז נישט געפערלעך? — האָט ער איבערגעפרעגט. — איך האָב ליב אייער אַפלאָמב. אויף מיין וואָרט, אַז איך האָב אים ליב. נו, וויבאַלד אַזוי, קומט!

עס האָט אַ בליאַסק געטון אַ בליק, און אין דעם אויגנבליקלעכן שיין האָט גאַבוניאַ דערזען דעם לענין-ביוסט, אויף דער הילצערנער פּאָליצע. לענין האָט קוים-קוים געשמייכלט מיט דעם צוגעצושמורעטן אויג און אויספרווונדיק געקוקט אויף גאַבואַניאַן.

גאַבוניאַ האָט זיך פעסט אָנגעכאַפּט אין טיש. זיינע אויגן זענען געוואָרן מוטנע.

— בראָנז, — האָט ער שטיל אַ זאָג געטון און מיט אַזאַ כריפּען, אַז נעוווסקאַיאַ האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. — אָט איז בראָנז. ס'אַרא נאַר איך בין דאָס!

ער האָט גענומען דעם ביוסט און זיך צעלאַכט. נעוווסקאַיאַ האָט געקוקט אויף גאַבוניאַן מיט שרעק. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז גאַבוניאַ איז משוגע געוואָרן.

הינטערן פענסטער האָט זיך געוואָרפן דער געדיכטער פאַרנאַכט, וועלכער איז דורכגעהאַקט געוואָרן דורך אַ שיטערן רעגן. דער גאָס-רעגן איז אַלץ נישט אָנגעקומען.

— צעשמעלצן, אָפּגיסן אַ שטיק און עס אָפּטאָקן — דאָס אַלץ וועט צונעמען מער פון דריי שעה, קיין אַנדער ברירה איז אָבער נישטאָ, — האָט גאַבוניאַ לאַנגזאַם גערעדט, באַטראַכטנדיק דעם ביוסט.

— אויף מיין אָרט וואָלט ער אויך דאָס זעלביקע געטון.

— ווער? — האָט נעוווסקאַיאַ געפרעגט.

— לענין.

גאַבוניאַ איז שנעל אַרויסגעגאַנגען. ער איז אַריין אין דעם באַוועגלעכן וואַרשטאַט און האָט פאַרזיכטיק אַריינגעוואָרפן דעם בראָנזענעם ביוסט אין דעם ברענענדיקן שמעלץ-אויוון אַריין.

צוויי אַרבעטער-מינגרעלן האָבן צאָרנדיק אַ קוק געטון אויף גאַבוניאַן און זיך אָפּגעקערט. זיי האָבן אַלץ באַמערקט. נאָר זיי האָבן געשוויגן. דאָס פייער האָט באַלויכטן זייערע אָנגעכמורעטע פנימער.

גאבוניא האָט קורץ באַפוילן, מען זאָל צוגרייטן אַ שטיק שמעלץ, דאָס אַפּטאָקן און תיכּף עס צושטעלן צום עקסקאַוואַטאָר.

— האָ! — האָט דער אַלטער גיסער געענטפערט און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. — מיר וועלן אַלץ מאַכן, חבר. מעגסט זיין רויק.

און, ווי האָבנדיק דערוואַרט אויף די דאָזיקע ווערטער, האָט אַ בליאַס געטון דער גאַסרעגן. ער האָט געהודיעט און מיט גלייכע וואַסערפאַלן זיך געגאָסן פון הימל. אויף צוואַנציק שריט האָט מען גאָרנישט געזען.

פאַרכלינענדיק זיך פון דעם וואַרעמען, איבלדיקן וואַסער, איז גאַבוניאַ אַריין אין באַראַק נאָך נעווסקאַיאַן. ער האָט זיך אַלע ווײַלע אויסגעגליטשט און זיך געזידלט. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז דער שוואַרצער ים האָט זיך אויפגעהויבן צום הימל און וועט גיסן אויף דער ערד פערציק טעג און פערציק נעכט.

נעווסקאַיאַ האָט געוואַרט אויף גאַבוניאַן. דער גאָסרעגן האָט געקלאַפּט איבערן דאַך און ווי גלאַנציקע טינט געשטראָמט איבער די שויבן.

נעווסקאַיאַ האָט אָנגעצונדן דעם נאַפט-לאָמפּ. עס האָט אָנגעהויבן קלינגען דער טעלעפאָן. — אַן אויפגערעגט קול האָט געשריען אין טרייבל:

— מען רעדט פון קוואַלאַני! דאָס וואַסער שטראָמט מיט אַן אימפּעט פונם באַרג שאַליקאַ — עס כאַפּט אָן אַ שרעק צו קוקן. האָסטו מענטשן אויפן פינפטן פיקעט?

— פאַראַן! — האָט נעווסקאַיאַ מיט אַ געשריי געענטפערט. דאָס קול האָט זיך נישט אָפּגערופן.

זי האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל און פאַרשטאַנען, אַז פון דעם מאָמענט אָן איז זי, גאַבוניאַ און די אַרבעטער — דאָס נישטיקע הייפל מענטשן, וואָס געפינט זיך אין די זומפּן און וועלדער, — אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט. קיין הילף איז נישטאָ און קאָן נישט זיין.

דער גאָסרעגן האָט געווילדעוועט. ער האָט גענומען אַן אַלץ נידעריקערן טאָן און זיך קענטיק געשטאַרקט. פון מאָל צו מאָל האָבן די וואָלקנס אויפגעפלאַמט מיט אַ בייזן אָפּשיין פון בליצן, און, אָנקלאַפּנדיק זיך אין די בערג, האָבן אומגעלומפּערט געקנאַלט די דונערן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום זענען נעווסקאַיאַ און גאַבוניאַ צוגעקומען צו דעם פינפטן פיקעט.

אין דער נישטדורכדרינגלעכער פינסטערניש האָט געוועט דער גאַסרעגן און עס האָבן געריסן די העלזער די אַרבעטער. קיין לאַמטערנס זענען נישט געווען. דער איינציקער שיינוואַרפער איז געווען אויף דעם עקסקאַוואַטאָר, דער עקסקאַוואַטאָר האָט נישט געאַרבעט.

די מענטשן האָבן געגראָבן אויף טראַף, זיי האָבן כריפענדיק געאָטעמט, געשפיגן און געוואָרפן די ערד מיט אַזאַ אימפעט, גלייך ווי זיי וואָלטן געגראָבן שוץ-גראָבנס אונטער אַ הוראַגאַן-פייער. עס האָט זיך געדוכט, אַז אַרום איז נישטאָ נישט קיין ערד, נישט קיין וואַלד, נישט קיין הימל, נישט קיין לופט, בלויז אַ גליטשיקער אוראַלטער כאַאָס.

דער קאַנאַל האָט געדונערט. גאַבוניאַ האָט אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע קעשענע-לאַמטערנדל און דאָס אָנגעשטעלט אויף דעם וואַסער-מעסטער, וואָס איז געווען אַריינגעשטעקט אין דעק פונם קאַנאַל. דאָס וואַסער האָט זיך ווי אַ שמוציקער וואַל געטראָגן דורכן קאַנאַל, ווי דורך אַ רינע. עס האָט געשלעפט שטאַמען און צעבראָכענע ביימער.

— מיכאַ! — האָט גאַבוניאַ אַ געשריי געטון. — אויף וויפל קומט צו?

— צו צוויי צענטימעטער אין אַ מינוט, קאַצאַ, — האָט מיכאַ געענטפערט פון דער פינסטערניש און אַ בליץ געטון איבערן ברעג פונם קאַנאַל מיט דעם טונקעלן לאַמטערן. דאָס וואַסער איז געגאַנגען צוויי מעטער נידעריקער פון דעם ברעג-קאַנאַל.

גאַבוניאַ האָט באַרעכנט. נאָך אַנדערטהאַלבן שעה — און דאָס וואַסער וועט אויפן פינפטן פיקעט זיך אַריבערגיסן איבער די וואַלן, זיי אָפּשווענקען, אַ פלייץ טון איבער די וועלדער און מיט אַ שמוציקער אָזיערע פאַרטרינקען דעם גאַנצן טייל קאָלכידע, וואָס הייסט כאַרגאַ.

דער גאָסרעגן זאָל נאָר נישט גרעסער ווערן!

גאַבוניאַ האָט זיך אָנגעהויבן צו טרייסלען פון קעלט. דאָס וואַסער איז ריקעסווייז געראָנען פון זיין מאַנטל; די שטיוול האָבן געקוויטשעט. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט די קעפּע און זי אַ שליידער געטון אין דער בלאָטע. זי האָט זיך אָנגעווייקט און ווי אַ שווער שטיק אייזן געדריקט דעם קאָפּ.

וויפל צייט עס איז אריבער ביז עס האט מאָדנע אָנגעהויבן צו רוישן און שיפּען אינם קאַנאַל, האָט נעוווסקאַיאַ נישט באַמערקט. זי האָט געשליידערט די ערד מיט דער לאָפּעטע מיט דעם זעלבן אימפּעט און פאַרביסנקייט, ווי די ארבעטער-מינגרעלער. די האָר זענען איר געפאַלן אויפן געזיכט און איר געשטערט צו אָטעמען. זי האָט איבער זיי אַ פיר געטון מיט דער האַנט, וואָס איז געווען אויסגעשמירט מיט שיטער ליים. די האָר האָבן זיך צונויפגעקלעפּט. אויף אַ מינוט איז געוואָרן לייכטער.

נעוווסקאַיאַ האָט ארום זיך געהערט דאָס פייפנדיקע אָטעמען פון מענטשן, דאָס קלינגען פון די לאָפּעטעס, דאָס שווערע פּאַטשן פון דער נאַסער ערד, מיכאַס געשרייען און גאַבוניאַס שנעלע גאַרגלדיקע שטימע. צומאָל האָט דער גאָסרעגן און דער ווינט איר אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע. זי האָט זיך אויסגעגליטשט און אומגעפאַלן אין דער שיטערער בלאָטע.

די וואַלן האָבן זיך געזעצט, און די גאַנצע ארבעט האָט אויסגעזען צו זיין ארויסגעוואָרפן.

מיטאַמאָל האָט דאָס וואַסער בייז-בשורהדיק אָנגעהויבן צו זידן. גאַבוניאַ האָט מיטן לאָמטערנדל שנעל באַלויכטן דעם וואַסער-מעסטער. דאָס וואַסער לעבן אים האָט געשוימט און זיך מאָמענטאַל געהויבן.

— עס האָט פאַרשפּאַרט מיט ביימער! — האָט גאַבוניאַ געשריען. — אַ פּראָפּן!

ער האָט זיך אַ וואָרף געטון צו דעם הילצערנעם שיפל. ער האָט זיך בליץ-שנעל אַראָפּגעגליטשט אין דעם איבערן ליים, שטייענדיק אויף די פיס, אַזוי גליטשן זיך אויפן צפון די ווייסעחברההניקעס פון די אייז-בערג אַראָפּ. נאָך אים האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט מיכאַ און נאָך עטלעכע ארבעטער.

— העק! — האָט גאַבוניאַ געשריען.

די מינגרעלער האָבן נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן. דאָס שיפל האָט זיך אָפּגעריסן. עס האָט זיך אַ דריי געטון און איז פאַרשוווּנדן אין דער פינסטערניש.

— זיי זאָלן נאָר באַווייזן צו צענעמען דעם פּראָפּן, זיי זאָלן נאָר באַווייזן,—האָט נעוווסקאַיאַ געמורמלט און געשליידערט די לאָפּעטעס ערד.

דער קאַנאַל האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בערג וואַסער. עס האָט אַ קנאַל געטון אַ פאַרשפּעטיקטער דונער.

נעווסקאַיאַ האָט דערזען די גרויע אָקעאַנען וואַסער, וואָס האָבן זיך שיף געגאָסן פונם הימל, מענטשן, וואָס זענען באַקלעפּט מיט ליים און שטייען ביז איבער די קני אין וואַסער, ווילדע שטראָמען, וואָס האָבן געלעקט די שפּיצן פון די וואַלן. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אין אייניקע ערטער גיסט זיך שוין דאָס וואַסער אַריבער איבער די וואַלן.

אַ לאַנגדויערנדיקער דונער האָט זיך אַ קאָלער געטון פונם ים ביז צו די בערג און אויפגעטרייסלט דעם הימל — דער גאָסרעגן האָט זיך געשטאַרקט. ערגעץ ווייט האָבן אָנגעהויבן צו שרייען די אַרבעטער. אַ שוואַרצער שאָטן איז דורכגעלאָפן איבערן ליים און מיט אַ פאַרטויבנדיקן טיאַפּקען געשלעפּט די פיס. אַ בחורל, וואָס איז געשטאַנען לעבן נעווסקאַיאַן, האָט אַוועקגעשליידערט די לאָפּעטע און זיך יאָמערלעך צעוויינט.

— פאַרפאַלן! עס וועט גאָרנישט העלפן! — האָט אַ געשריי געטון אַ פאַרשטיקט קול.

אונטן אויפן קאַנאַל האָבן אָפּט און שנעל געקלאַפּט די העק, — דאָרטן האָבן גאַבוניאַ און די אַרבעטער אָפּגערייניקט דעם פאַרשטאָפּטן קאַנאַל.

— וואָס איז געשען? — האָט נעווסקאַיאַ אַ געשריי געטון.

— אַ מענטש איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער און עס האָט אים אַוועקגעטראָגן צו אַלדע רוחות, — האָט אַן אייליק קול געענטפערט אויף רוסיש. — אַרבעט, מויד, פלאַפּל נישט!

דאָס כריפּען פון די מענטשן איז געווען ענלעך צו אַ גסיסהכאָרכלען. די ערד האָט זיך געקלעפּט צו די לאָפּעטעס, ווי קליי. ביי נעווסקאַיאַן האָט זיך דער קאָפּ פאַרדרייט.

זי האָט געהערט גאַבוניאַס קול. ער איז צוריקגעקומען און האָט באַרויִקט די אַרבעטער און אַפילו געשפּאַסט. דער פּראָפּן איז באַזייטיקט געוואָרן, אָבער דאָס וואַסער האָט זיך אַלץ געהויבן.

גאַבוניאַ האָט זיך אויפגעהויבן אויפן וואַל. דאָס וואַסער איז געגאַנגען צוואַנציק צענטימעטער פונם ווינט. גאַבוניאַ האָט זיך צוגעהערט. ער האָט געוואָלט לויטן געהער פעסטשטעלן, צי דער גאָסרעגן ווערט נישט שוואַכער. דער גאָסרעגן האָט אָבער געהודיעט מיט דער ביזאיצטיקער קראַפט.

גאַבוניאַ האָט פאַמעלעך געשפּאַנט איבערן וואַל און זיך פאַר-

טשעפּעט אין אַ גראָבנדל. עס האָט אין דעם גערונען וואַסער. מיטן גאַנצן ווען האָט גאַבונאַ מיטאַמאָל פאַרשטאַנען, אַז טאַקע דאָ, אויף דעם אָרט, וועט דער וואַל דורכגעריסן ווערן.

— כּאַבּאַרדאַ! — האָט גאַבוניאַ אַ געשריי געטון. — מיכאַ! גיב אַהער אַרבעטער! שנעלער!

מיכאַ איז צוגעלאָפן און האָט אויסגעשאָסן אין דער לופטן — דאָס איז געווען אַן אָפּגערעדטער סיגנאַל פון אַלאַרם; די מענטשן האָבן אָנגעהויבן לויפן צו גאַבוניאַ, אָפּווערנדיק זיך מיט די לאָפּעטעס פון די ליאַנעס, ווי פון שטומע הינט.

גאַבוניאַ האָט זיך אויסגעדרייט צו דעם נישט געזעענעם ים, פון וואַנען עס האָט געכליאָפּעט דער גאָסרעגן, פאַרקריצט די ציין און אַ דראָ געטון אין דער פינסטערניש מיט דער פויסט.

— וועסט ביי מיר אויפהערן, ליידאַק! — האָט ער שטיל אַ זאָג געטון און זיך צעלאַכט. די מאַלאַריע האָט צעפּלאָנטערט זיינע געדאַנקען און אים דערפירט ביז היץ-רייד.

די אַרבעטער האָבן שנעל גענומען פאַרשיטן דעם גראָבן, מיכאַ האָט ווידער אויסגעשאָסן עטלעכע טריט ווייטער פון גאַבוניאַן. ער האָט געפונען נאָך אַ דורכריס, ווו דאָס וואַסער האָט זיך נאָך שטאַרקער דורכגעזאַפּט.

— אומזיסט די גאַנצע אַרבעט! — האָט גאַבוניאַ אַ שעפּטשע געטון און מיט מאַטערניש אַרויסגעשלעפּט די שטיוול פון דעם קלעפּיקן ליים. גיין האָט ער נישט געקאָנט. ער האָט זיך אַ וואַקל געטון און זיך צוגעזעצט אויף דער שיטערער בלאָטע, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די הענט אין דער ערד. די ערד איז זיך צעקראָכן. מיטן רעשט פּוחות האָט גאַבוניאַ זיך געפּרוּווט אויפהויבן פון דער ערד, די פיס האָבן אָבער נישט געפאָלגט. ער האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף דער ערד און זיך אויסגעזידלט. דער פיבער האָט אים געוואָרפן און געשליידערט, ווי דאָס וואַסער אינם קאַנאַל האָט געוואָרפן און געשליידערט די פוילע שטאַמען.

— מאַליאַריע... העלדן... — האָט גאַבוניאַ אַ שעפּטשע געטון און צוגעמאַכט די אויגן. — מיכאַ האָט נישט אונטערגעפירט.

גאַבוניאַ האָט דערהערט אַ דריטן שאָס. עמעצער האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אים און אַ געשריי געטון. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דאָס איז נעווסקאַיאַ. ער האָט געכריפּעט און אויסגעשפּיגן

שמוציק וואַסער און ליים. עמעצער האָט אים אויפגעהויבן און אָנידערגעזעצט.

דערנאָך האָט ער דערהערט אַ שרעקלעכן גוואַלד און דאָס שווערע טיאָפּקען פון מענטשן, וואָס זענען געלאָפן, און אַפּאַטיש אַ טראַכט געטון, אַז אַלע וואָלן זענען דורכגעריסן און עס וועט אים באַלד פאַרזונקען דאָס שיטערע ליים און פאַרטרונקען דאָס וואַסער.

ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און זיך אַ וואָרף געטון. אַ בלענדנדיקער ווייסער שטערן איז מיט אייזן-בריאַזג געקראָכן אויף אים פונם וואַלד.

אַ שײַנוואַרפער!

גאַבוניאַ האָט זיך אויפגעהויבן. ער האָט נישט באַמערקט, ווי עמעצער האָט אים פאַרזיכטיק אונטערגעהאַלטן ביי די פּלייצעס. ער האָט געקוקט אויף דעם שטערן און געוויינט. די מאַליאַריע און די ווילדע נאַכט האָבן אים דערפירט ביז אויסגעשעפּקייט. און ווער האָט דאָס געקאָנט באַמערקן זיינע טרערן אויף דעם מיט ליים אויסגעשמירטן געזיכט?...

דער עקסקאַוואַטאָר האָט זיך פאַרקערעוועט אויף די בערג-ליים, בריאַזגנדיק מיט די קייטן, האָט ער געדונערט, אַזוי ווי אַ באַטאַרייע האַרמאַטן און איז שנעל געקראָכן צו דעם פינפטן פּיקעט. אויפן שפּיץ האָט ער געטראָגן אַ בלענדן שײַנוואַרפער.

דער עקסקאַוואַטאָר האָט געפייפט מיטן דאַמף און געהודיעט פון דער מעכטיקער אָנשטרענגונג.

די אַרבעטער זענען אָפּגעטראָטן און געמאַכט אַ וואַרע, און דער עקסקאַוואַטאָר האָט אין איין אויגנבליק דורכגעטראָגן איבער זייערע קעפּ אַ ריזיקן שעפל מיט נאַס ליים, שווער דאָס אַראָפּגעוואָרפן אין דעם לאָך, וואָס דאָס וואַסער האָט דורכגעשווענקט און אים פאַרשטאָפּט.

דאָס פריידיקע געשריי פון די מענטשן האָט, דוכט זיך, אָפּגעשטעלט דעם גאַסרעגן.

גאַבוניאַ האָט געזען אויפגעהויבענע הענט, בלאַסע פּנימער, צעריסענע מאַנטלען. ער האָט געזען, ווי אַן אַלטער מינגרעל האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט צו דער מאַשין. ער האָט דערזען סיאָמאַן אַ נאַקעטן ביז איבערן גאַרטל מיט צונויפגעקריצטע ציין. די דריי טונקעלע פלעקן אויף דער ברוסט האָט דורכגעשניטן אַ בלוטיקער שטרייף

סיאָמאַ האָט מיטן גאַנצן כּח געדרייט די קאָלבעס און זיין געזיכט האָט מען נישט געקאָנט דערקענען; די מוסקולן האָבן אַרומגעטאַנצט אונטער דער בלאַסער הויט, און די אויגן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין שמאָלינקע שפּעלטעלעך.

בלויז אויף איין רגע האָט ער זיך אָפּגעריסן פון די קאָלבעס, אויפגעהויבן די הענט, און אַ געשריי געטון אויף ענגליש אָן אַ מינדסטן סימן פון אַ שמייכל:

— האַלאָ! מיר לעבן ווידער, ליידיס און דזשענטלמענס!

די אַרבעטער האָבן אַ קלונג געטון מיט די לאָפּעטעס. די אַרבעט איז אָוועק מיט אַ פרישן טעמפּאָ.

דער מינגרעל, דער גיסער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונם עקסקאַוואַטאָר און איז צוגעגאַנגען צו גאַבוניאַן.

— זעסט, דער ענגלענדער האָט אונז איבערגעיאָגט, ער איז אַזוי ווי אַ שאַקאַל, אַרויסגעשפּרונגען פון וואַלד און אָוועקגעפירט די מאַשין. ווי אַזוי ער איז אַהערגעקומען פון דער סטאַציע, הויב איך נישט אָן צו פאַרשטיין! איינגאַנצן אַ נאַקעטער און אַ צעבלוטיקטער!

גאַבוניאַ האָט אַ שמייכל געטון און פּלוצים דערהערט אַ שטילקייט. ער האָט זי דערשפּירט נאָך אַ סך פריער, איידער ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז געשען.

דער גאָסרעגן האָט פּלוצים אויפגעהערט. אָן אומגעהייערע שטילקייט פון די אַרומגעוואַשענע וועלדער האָט זיך אויסגעשפּרייט אַרום און אַרום.

גאַבוניאַ האָט זיך אַ וואַקל געטון און איז געפאַלן אין חלשות.

די לעצטע באַרפּלייצונג

אין דער קאַמער פון דער האַפן-ראַדיאָ-סטאַציע האָבן געברענט אַ מילך-ווייסע לאָמפּן. דער ראַדיאָ האָט געגרילצט ווי אַ גריל. דער ראַדיסט האָט ברוגזלעך געקוועטש מיט די פּלייצעס און מיט כּעס איבערגעגעבן די טעלעגראַמע פונם האַפן-קאָמענדאַנט:

„דער ריאָן און די קאַפּאַרטשע זענען אַרויס פון די ברעגעס. זייערע וואַסערן האָבן זיך פאַרייניקט און אַ פּלייץ געטון אויף דער שטאָט. בלויז דער האַפן געפינט זיך אויסער דער זאָנע פון דער

פאַרפלייצונג. דאָס וואַסער שטייגט. די גאַסן זענען פאַרגאָסן כמעט אויף אַ מעטער. שיקט גלייך אַרויס דאַמפּערס און שווים-מכשירים אויף צו ראַטעווען די איינוווינער”.

טשאָפּ האָט אַ הויב געטון די אַקסלען. הינטער די ווענט האָט געווילדעווט אַ שטאָרעם פון עלף באַלן. שוואַרצע כוואַליעס זענען אַריבערגעפלויגן איבערן מאָל און מיט דער גאַנצער קראַפט געקלאַפּט אין דער גריכישער שיף, וואָס האָט זיך אַ פאַראַנקערטע געוואָרפן אינם האַפן. דער גאָסרעגן האָט געקנאַקט ווי אַ קוילנוואַרפער איבער די האַפן-סקלאַדעס, וואָס זענען באַדעקט מיט בלעך.

וועלכע שיפן וועלן דאָס וואַגן צו גיין פון באַטום קיין פּאָטי און וועגן וועלכע שווים-מכשירים דענקט דאָס דער האַפן-קאָמענדאַנט? אין אַזאַ וועטער וועט אַפילו אַן אָקעאַן-שיף נישט וואַגן אַרויסגיין אויפן אָפענעם ים.

טשאָפּ האָט זיך געברוגזט. אַן אומגעלומפּערטער טאָג. פון אינ-דערפרי אָן איז כריסטאָפּאָרידי פאַרשוווּנדן, און יאַלאָטשקאַ איז גע-בליבן איינע אַליין. טשאָפּ האָט איר געגעבן אַ מעשה-ביכל, ער האָט אָבער גאַנץ גוט געוווּסט, אַז יאַלאָטשקאַ וועט נישט לייענען, האָט מורא און וויינט. דערמאָנענדיק זיך אין דעם, האָט זיך דער קאַפּיטאַן אַזש פאַרקרומט: און ווי אַזוי קאָן מען דאָס נישט מורא האָבן, אַז הינטער די פענסטער טוט זיך חושך: די כוואַליעס זעצן גלייך אין די ווענט אַריין.

„נו, וואַרט צו, דו פאַרשיווּעץ, וועסט מיר אַריינפאַלן אין די הענט!” — האָט דער קאַפּיטאַן געטראַכט וועגן כריסטאָפּאָרידין און אַ געשריי געטון: אַ טייוולאָנישער טאָג! גייענדיק צו דער ראַדיאָ-סטאַ-ציע האָט ער צוויי מאָל אָנגעטראָטן אויף שלענג. ראַטעווענדיק זיך פון דער פאַרפלייצונג זענען זיי געקראָכן אין האַפן און זיך באַהאַלטן אין די קופּעס שטיינער.

טשאָפּ האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן נישט קיין שלענג, נישט קיין זשאַבעס. ער האָט אַפילו נישט געקאָנט קוקן אויף מאַרינירטע מינאָגעס. עס האָט נאָך געפעלט, אַז אין האַפן אַריין זאָלן אָנלויפן ווילדע חזירים.

דער ראַדיסט האָט געענדיקט אויפגעבן די טעלעגראַמע און געפרעגט:

— נו, וואָס האַפן-קאָמענדאַנט? דער עק ציטערט?

— עט, — האָט טשאָפּ געענטפערט, — ער בלאָזט זיך.

טשאָפּ האָט נאָך געהאַט אַ דריטע אומאַנגענעמלעכקייט. בייטאָג איז ביים מאַסיוו צעקלאַפּט געוואָרן אַ שיפל מיט מאַנדרינקעס. אויף דעם שיפל איז בלויז געווען איין אַלטער טערק. אים האָט מען ארויסגעשלעפּט.

אָט דער דאָזיקער בייזער און איינגעגעסענער זקן איז ווילד געוואָרן פון רציחה און געפּאָדערט, אַז טשאָפּ זאָל אַרויסשיקן אַ שיפל אויפצוקלייבן די מאַנדארינקעס. זיי האָבן זיך געוויגט אויף די כוואַליעס איבערן גאַנצן האַפן. דער טערק האָט זיך געשווירן, אַז ער וועט אָנקלאָגן טשאָפּן אין געריכט. טשאָפּ האָט אים געשיקט צו אַלדע טייוול.

די מאַטראָסן פון דער גריכישער שיף, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ שווימענדיקער שענק, — אויף אַזויפיל איז זי געווען שמוציק און געשטונקען מיט שאָפּן-פלייש און קאַווע, — האָבן געפּרווט כאַפּן די מאַנדארינקעס מיט עמערס אויף לאַנגע שטריק. די שיף האָט עס געוואָרפן און זי האָט אַלע ווײַלע באַוויזן איר קלאָגעדיקן דעק, אַ געלן און אַן אָפּגעריבענעם.

טשאָפּ האָט נישט שטאַרק געהאַלטן פון די גריכישע שיפן פאַר זייער שמוץ און פאַר דער ליידנשאַפט פון די גריכישע ים-לייט צו דער געשמאַקלאָזער באַפּאַרבונג פון זייערע שיפן. אויף דעם העל-בלויען קוימען האָבן זיי אויסגעמאָלט אַ ריזיקע העליש-רויטע רויז, אָדער אַ גאַנצן רויזן-קראַנץ. בכלל האָבן די קוימענס פון די גריכישע דאַמפערס, וועלכע זענען געווען באַמאָלט מיט פאַרשידענע בלומען, שטאַרק אויפגעבראָכט טשאָפּן. אויך מיר מאַטראָסן! ציטרין-פּירער!

עס האָט אַ קלונג געטון דער טעלעפאָן. טשאָפּ האָט גענומען דאָס טרייבל. פון דעם האַפן האָט מען געקלונגען, אַז אויפן ברעג פונם מאָל, ווו די כוואַליעס האָבן זיך אַריבערגעוואָרפן איבערן מאַסיוו מיט דער לייכטקייט פון ווילד-געוואָרענע קעץ, איז פאַרלאָשן געוואָרן דער בליץ-לאַמטערן.

טשאָפּ האָט אָנגעטון דעם שווארצן אוניפאָרם-מאַנטל און איז אַרויסגעגאַנגען. נאָר דאָס האָט געפעלט! פלוצים וועט זיך עפּעס אַ דאַמפּער פאַרגלוסטן זיך אויסצובאַהאַלטן פונם שטאָרם אין האַפן, אָן דעם לאַמטערן וועט ער נישט געפונען דעם אַריינגאַנג און אַרויפפליען אויף די שטיינער.

פאַרריכטן דעם לאָמטערן איז כמעט אוממעגלעך: די כוואַליעס וועלן נישט לאָזן צו גיין צום מאַל. אין איין מינוט וועלן זיי אָנגיסן אַ טאָן פינף וואַסער.

טשאָפּ איז צוגעגאַנגען ביזן ברעג פונם האַפן. דער בליק-לאָמטערן האָט געברענט. טשאָפּ האָט לאַנג געקוקט אויף אים, דער בליק-לאָמטערן איז ווידער פאַרלאָשן געוואָרן אויף גאַנצע פינף מינוט. דאָס ליכט האָט זיך געדאַרפט באַווייזן אַלע צען סעקונדעס איינס נאָכן אַנדערן. עס איז קלאָר: דער מעכאַניזם איז קאַליע געוואָרן.

דערנאָך האָט דער בליק-לאָמטערן אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן גאַנץ רעגעלמעסיק און איז פונסניי פאַרלאָשן געוואָרן. וואָס איז דאָס פאַרא שלאַק!

טשאָפּ האָט צוגעטראָגן צו די אויגן דעם שפּאַקטיוו און דערזען אַ מענטשן, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון די כוואַליעס אויפן גאַניקל פונם בליק-לאָמטערן.

טשאָפּ איז אויף אַן אמתן געוואָרן אויסער זיך פון כעס. אַן אמתער סקאַנדאַל, וואָס עס טוט זיך דאָס אָפּ אין האַפן! ווי אַזוי האָט דאָס דער מענטש געקענט אַרויפגיין אויפן בליק-לאָמטערן? דערקלערן האָט מען דאָס געקענט בלויז אויף אַזאַ אופן. דער מענטש איז צוגעגאַנגען ביזן ברעג פונם מאַל, מיט עפּעס זיך פאַרכאַפּט („אינטערעסאַנט, — האָט טשאָפּ אַ טראַכט געטון, — מיט וואָס אַ שטייגער קאָן זיך אַ מענטש אַזוי פאַראינטערעסירן אויפן מאַל אין דער צייט פון אַ שטורם?“) און האָט נישט באַמערקט, ווי די כוואַליעס ווערן שטאַרקער און האַסטיקער. אַז ער האָט זיך אומגעקוקט, האָבן זיך שוין די כוואַליעס אַריבערגעגאָסן איבערן מאַל, און דער וועג צו דער יבשה איז שוין געווען אָפּגעשניטן. כדי זיך צו ראַטעווען פון די כוואַליעס, איז דער מענטש אַרויפגעקראָכן אויף דעם גאַניקל פונם בליק-לאָמטערן, — אַגב, איז דאָרטן געשטאַנען אַן אייזערן לייטערל, ביז צום גאַניקל האָבן די כוואַליעס נישט דערגרייכט. דער מענטש איז געווען אַ קלייניקער, ווי אַ קאַרליקל.

— טשעקאַווע צו וויסן, ווער איז דאָס דער ליידאַק? — האָט טשאָפּ אַ וואָרטשע געטון. — צוליב אַזאַ פּאַרשוין קאָן אַ דאַמפּער אַרויף אויפן מאַסיוו און צעקלאַפּט ווערן. אַ סקאַנדאַל!

אָבער ווי די מעשה זאָל נישט זיין, האָט מען דעם מענטשן געמוזט אַראָפּנעמען פונם בליק-לאָמטערן.

אין האַפן זענען געבליבן צוויי שיפלעך. די איבעריקע זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין שטאָט אַריין צו ראַטעווען די איינוווינער. טשאָפּ האָט זיך אויף איינס פון זיי אַוועקגעלאָזט צום בליק-לאַמטערן. ער האָט מיט זיך גענומען צוויי מאַטראָסן. ער האָט מיט טויט-קללות געשאָלטן דעם „פאַרפלוכטן קאַווקאַז" מיט זיינע גאַסרעגנס און אומרויִקער דינסט.

מיט גרויס מי איז דאָס שיפל צוגעקומען צו די שטיינערנע טרעפּ פונם בליק-לאַמטערן, און טשאָפּ האָט, שעלטנדיק אַלץ אין דער וועלט, אַראָפּגעשלעפּט פונם בליק-לאַמטערן דעם פאַרפרוירענעם און וויינענדיקן כריסטאָפאָרידין.

—נו, ביסטו דאָס אַ פּאַסקודניאַק,—האָט ער געזאָגט צו כריסטאָרידין, — דערהרגענען דיך איז ווייניק. האָסט ווידער געכאַפּט פיש?

כריאָסטאָפאָרידי האָט געציטערט און געוויינט. דער קאַפּיטאַן האָט אים געבראַכט צו זיך אַהיים, אים געגעבן איבערצוטון זיך און אַריינגעגאָסן אין זיין מויל אַ גלעזעלע בראָנפן. דערנאָך האָט ער געהייסן כריסטאָפאָרידין שטעלן דעם סאַמאָוואַר און איז אַוועק.

כריסטאָפאָרידי האָט געכליפּעט. ער איז אָפּגעזעסן אויפן בליק-לאַמטערן אַכט שעה. דאָס דערמאָנען זיך אין דעם איז געווען דאָס סאַמע שרעקלעכסטע אין זיין לעבן.

אינדערפרי איז ער געגאַנגען כאַפּן פיש. די סטאַוורידקע האָט זיך געפאַנגען ווי מען דאַרף בעסער נישט. אויפן מאָל פון דער ברעג-זייט איז געווען שטיל, אָבער הינטער כריסטאָפאָרידיס פּלייצע האָט געדונערט דער ים. דערנאָך האָט דער ים אים אָנגעהויבן באַשפּריצן מיט וואַסער. ער האָט זיך אויפגעהויבן און דערזען, אַז אויף יענעם אָרט, וווּ דער מאָל פאַרקערצוועט זיך צום ברעג-צו, גיסן זיך אַזוי ווי וואַסערפאַלן די כוואַליעס. ראַטעווען זיך האָט מען נישט געקענט. כריסטאָפאָרידי איז געווען אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט.

עס איז אים באַפאַלן אַ שרעק. עס האָט אים געשראָקן דאָס רעווען פון די כוואַליעס, זייער ווילדע רציחה. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז זיי וועלן אַראָפּשווענקען דעם מאָל און אים צערייבן אויף שטויב.

כריסטאָפאָרידי איז אַרויפגעקראָכן אויפן בליק-לאַמטערן — ער האָט אים באַשיצט פון די וואַסער-שפּריצן. ער איז פאַרטויבט געוואָרן

פונם רעש. ער האָט זיך גאָר קיינמאָל נישט פאַרגעשטעלט, אַז דער ים קאָן אויפהויבן אַזאַ פאַרטויבנדיקן און גוואַלדיקן טומל.

טשאָפּ האָט אָפּגעפירט כריסטאָפאָרידין אַהיים, זיך צוריק אומגעקערט אין האַפן און אין עטלעכע מינוט אַרום זיך געלאָזט אויף אַ מאָטאָר-קאַטער אין שטאָט אַריין.

דאָס וואַסער איז געשטיגן. די עלעקטרישע סטאַציע האָט זיך אָפּגעשטעלט, און די שטאָט איז פאַרזונקען געוואָרן אין פינסטערניש. בלויז דער האַפן האָט געלויכטן מיט די גרינע פייערן, זיי האָבן באַלויכטן די פוסטע צופּאָרן, וואָס זענען געווען באַוואַקסן מיט גראָז און פאַרגאָסן מיט געזאַלצענע קאַלוזשעס.

דער קאַטער איז מיט גרויס מאַטערניש אַריבערגעשפּרונגען איבער דעם הויפּטפאַרוואַטער פונם ריאָן, ווו דאָס וואַסער איז געווען הויך ווי אַ באַרג, אָט פּונקט אַזוי ווי אונטערן וואַסער איז איבער דער גאַנצער לענג פון טייך געשוווּמען אַ גיגאַנטישער שלאַנג, און זיך מיט אַ טראַסק און אַ סאָפּען דורכגעריסן אין די פאַרפלייצטע גאַסן.

נישט געקוקט אויף דער פאַרפלייצונג, איז אין שטאָט געווען שטיל. כמעט אַלע הייזער זענען געשטאַנען אויף סוואַיעס. בלויז פון עטלעכע הייזער האָט מען געמוזט אַריבערפירן די איינוווינער אין דעם סאָבאָר — דער איינציקער אין גאַנץ אייראָפּע סאָבאָר, וואָס איז געווען געבויט פון אייזן-בעטאָן, וועלכע עס האָבן נאָך פאַר דער וועלט-מלחמה אויסגעבויט דייטשע אינזשינערן. ער איז געווען אַ קאָפּיע פון דער אַיאַ-סאָפיאַ פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

די גרעסטע צרה איז געווען די בהמות. די קי און פערד האָט מען געמוזט אַרויפשלעפּן אויף די העכערע שטאָקן, און די דאָזיקע ריזיקאַלישע אַרבעט איז באַגלייט געוואָרן דורך יללות פון די פרויען און זידלערייען פון די מאַטראָסן.

דער גאָסרעגן איז געוואָרן שטילער. איבער די גאַסן זענען געשוווּמען פּורן. דאָס וואַסער איז געשטאַנען אויף איין אָרט, באַשאָטן מיט בלעטער און בלעטער. די פרעש האָבן געקוואָקעט אויף די פענסטער פון די הייזער און אויף די שפּיצן פון די פאַרקאַנעס. בשעת דאָס מאָטאָר-שיפל איז מיט אַן אימפּעט אַריינגעפלויגן, צעפליעסקנדיק דאָס וואַסער, אין די ברייטע פאַרפלייצטע גאַסן, האָבן זיי זיך אַזוי ווי אַרבעס אַ שאָט געטון אין וואַסער אַריין.

לעבן דעם דוכאַן „וועסט געפונען וואָס צוצובייסן" איז פון

וואַסער אַרויסגעשפּרונגען אַ פעטער סאַזאַן. דעם קאַפּיטאַן האָט באַנג געטון, וואָס כריסטאָפאָרידי איז געבליבן אין האַפן: אָט ווו ער וואָלט זיך געקענט צעפירן די הענט! מען וואָלט געקאָנט כאַפּן פיש דורכן פענסטער פונעם אייגענעם צימער.

די שטאָט האָט אויסגעזען אויסטערליש. דאָס מאָטאָר-שיפל איז געפלויגן באַלייכטנדיק שטאַרק די גאַסן, וואָס זענען געווען פאַרגאָסן מיט וואַסער. אין וואַסער זענען געשווומען פיש, איבערן וואַסער האָבן געבליט רויזן, און די לייכטע כוואַליעס האָבן געפּאַטשט אין די שויבן פון די פענסטער.

קאַכיאַני האָט אַ רוף געטון טשאָפּן דורכן פענסטער. ער האָט געבעטן, זיי זאָלן אָפּזוכן פּאַכאָמאָוון. ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרפלייצונג, איז דער אַלטער אַוועק צום קאָלמאַטאַציע-פּונקט.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום קאָלמאַטאַציע-פּונקט האָט שוין שאַריעט אויף טאָג. דער פּונקט איז געשטאַנען, אַזוי ווי אַ פעסטונג, וואָס איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט וואַסער. די שליוזן זענען געווען אויפגעמאַכט. די וואַלן האָבן אַרויסגעשטאַרצט איבערן וואַסער בסך-הכל אויף עטלעכע צענטימעטער. זיי זענען אָבער געווען גאַנץ.

פּאַכאָמאָוו איז מיט די אַרבעטער געשטאַנען ביים ערשטן שליוז. ער האָט געקוקט אויף דער אומגעהייערער מוטנער אָזיערע, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט ביזן האָריזאָנט, אויפן לאַנד, וואָס איז פאַרפלייצט דורכן גאָסרעגן און געשמייכלט. אין דעם פאַרטאָגיקן נעפּל האָט פּאַכאָמאָווס געזיכט אויסגעזען גרוי.

— פון וואָס שמייכלט איר? — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט און אַ טראַכט געטון: „געפונען אַ צייט צו שמייכלען. אָט דער טשודאַק"!

— די וואַלן האָבן אויסגעהאַלטן, — האָט פּאַכאָמאָוו געענטפערט.

— דער פּונקט איז גאַנץ געבליבן. אָבער ס'אַרא גרויל עס איז דאָרט ביי גאַבוניאַן, אין טשאַלאַדידע, דאָרט איז דער שטראָם געווען אַ געפערלעכער.

— יאָ, גאָרנישט פריילעך, — האָט דער קאַפּיטאַן אַ בורטשע געטון און זיך אָנגעהויבן עפּעס צו באַאומרויִקן, דערמאָנענדיק זיך אין די קינדער, וועלכע זענען איינע אַליין געבליבן אינדערהיים.

פּאַכאָמאָוו האָט נישט געוואָלט פאָרן אַהיים. ער האָט אָנגעוויזן טשאָפּן אויף דער פאַרנעפּלטער זון, וואָס איז לאַנגזאַם אויפגעגאַנגען,

דאָס גאַנצע לאַנד האָט אַ בליאַסק געטון אונטער איר מיט אַ ווײַסן אויגנבליקלעכן שײַן, דאָס לאַנד, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָזיערע.

— אַ שאָד, — האָט פּאַכאָמאָוו געזאָגט, — ס׳אַראַ לאַנדשאַפט! אין אַ חודש אַרום וועלן מיר דורכפירן דעם קאַנאַל דורך די דיוניעס, און די פאַרפלייצונג וועט אויף שטענדיק פאַרשווינדן פון די כראָניקעס פון דעם דאָזיקן לאַנד. איר זעט איצט די לעצטע פאַרפלייצונג. פאַרשרײַבט דאָס אײַך.

— נו, ווײַבאַלד אַזוי, איז דאַנקען גאָט, — האָט טשאָפּ אַ זאָג געטון, — רודערט אָפּ, חברה!

יאַלאָטשקאַ האָט לאַנג נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. זי איז געזעסן אויפן בעט און געלייענט די מעשהלעך, וואָס טשאָפּ האָט איר איבערגעלאָזט. כריסטאָפאָרידי איז געשלאָפן אין קיך. ער האָט אויף זיך אַרויפגעוואָרפן דעם קאַפּיטאַנס אַלטן מאַנטל און אַ קאָלדרע, זיך דערוואַרעמט און שרעקלעך געכראָפּעט.

יאַלאָטשקאַ האָט געלייענט, ווי אַ יונג מיידל איז אַרײַנגעקומען אין צימער צו דעם גרויען מייסטער, וואָס האָט געמאַכט שפּילעכלעך. דאָס צימער איז געווען אַזוי קליין, אַז דער שלעפּ פון דעם פּרעכטיקן יום-טובדיקן קלייד, וואָס דאָס מיידל האָט געטראָגן, האָט אַהין נישט געקאָנט אַרײַן.

דער מייסטער איז געווען אַ בלינדער. ער האָט בלינדערהייט געשניצט פון האָלץ פיגורן פון רויטע אַרמייער און פּיאָנערן. ער האָט זיך אָנגערופן צום מיידל:

— איך פיל, ווי איר שמייכלט און ווייס, אַז אײַך דערוואַרט גליק. איך באַדויער, וואָס איך בין בלינד און קאָן נישט הנאה האָבן צו זען אײַערע גליקלעכע אויגן.

אין האַפן האָט מיט אַ קוויטש זיך צעזונגען די סירענע פון דעם גריכישן דאַמפער. יאַלאָטשקאַ האָט אַ ציטער געטון און זיך צעוויינט. די מאַמע איז נאָך נעכטן אַוועקגעפאָרן. טשאָפּ איז נישטאָ. און חוץ דעם האָט איר דאָס האַרץ וויי געטון איבער דעם בלינדן מייסטער פון די שפּילעכלעך. פאַרוואָס איז ער בלינד געוואָרן?

יאַלאָטשקאַ האָט פאַרשטעקט דעם קאָפּ אין קישן און לאַנג געוויינט. דערנאָך איז זי אײַנגעשלאָפן און עס האָט זיך איר געחלומט, אַז די זון איז אַרײַן אין צימער. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן,

אַז דאָס איז גאָרנישט די זון, נאָר דאָס יונגע מיידל אין פּרעכטיקן קלייד, און דער שלעפּ פון דעם דאָזיקן קלייד האָט בשום-אופן נישט געקענט אַריין אינעם צימער און האָט געראַשט מיטן זיידנס הינטער דער אָפענער טיר. דאָס מיידל האָט זיך אָנגערופן מיט דעם באַקאַנטן קול פון דער מאַמען:

— איך דאַנק אייך זייער, טשאַפּ, וואָס איר האָט אַכטונג געגעבן אויף יאַלאָטשקאַן. איר זענט אַ זעלטענער מענטש.

דער ים האָט געראַשט הינטער דער אויפגעמאַכטער טיר און האָט געשפּילט מיט דעם עטוואָס גרינעם שלעפּ, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ פּאַווע פעדער.

אַ רעה פאַר אַ רעה

דעם אַספּיראַנט פון רויכוואַרג-אינסטיטוט וואַנאַ אַכמעטעלי האָט קיינער נישט געקאָנט באַשולדיקן, אַז ער איז אַ פּחדן און נישט אַנטשלאָסענער מענטש. דעריבער טאַקע, אַז ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער טאָפּאָגראַף אַבאַשידזע איז מיט די אַרבעטער אַוועק צום אַלטן טערקישן קאַנאַל נעדאָאַרד צונויפצושטעלן אַ מאַפּע פון אָט דער געגנט, האָט וואַנאַ באַשלאָסן אויך אַהינצוגיין.

לעבן נעדאָאַרד, לעבן דעם סאַמע געפערלעכסטן און נישט צוטרעטלעכסטן אָרט אין דער דזשונגל, האָט זיך גיכער פון אַלץ געקאָנט פּרוכפּערן די נוטריאַ. דאָס אָרט איז געווען געדיכט פאַרוואַקסן מיט וואַלדיקע רור-געוויקסן און איריסן — די באַליבסטע שפּייזן פון דער נוטריאַ.

וואַנאַ איז נאָך קיין איין מאָל נישט געווען אויף דעם נעדאָאַרד און דאָס געהאַלטן אַלס אַ דורכלאָז אין זיין אַמטירן: דער סאַמע רייכסטער פאַר דער נוטריאַ ראַיאָן, און אין זיינע באַריכטן האָט ער נאָך קיין איינציק וואָרט וועגן אים נישט אָנגעשריבן.

ער האָט באַשלאָסן צו גיין צום קאַנאַל פון דער אייזנבאַן-ליניע זייט, ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט דורך דאָרטן צוקומען, ווייל דער פען האָט אויסגעטרוקנט די ערד.

פון דער שטאָט איז ער אַרויסגעגאַנגען צופוס מיט אַ קאָמפּאַס, אַ ביקס און מיט אַן אַליין-אָנגעצייכנטער מאַפּע. אין דעם רוקזאַק האָט וואַנאַ מיטגענומען עסנוואַרג אויף פיר טעג.

הינטער דער שטאָט האָט וואַנאָן אָנגעיאָגט דער געלער ענגלישער מאַטראָס סיאָמאַ. זיי זענען עטלעכע קילאָמעטער געגאַנגען צוזאַמען און זיך צונויפגערעדט אויף שטום-לשון. דערנאָך האָט זיך דער מאַטראָס פאַרקערעוועט קיין טשאַלאַדידע.

סיאָמאַ האָט געוויזן וואַנאָן מעשענע טיילן פון אַ דאַמפמאַשין; ער האָט געפייפט, געקנאַקט מיט דער צונג און געוואָלט נאָכמאַכן די אַרבעט פונם עקסקאַוואַטאָר. וואַנאָ האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מאַטראָס אַרבעט אַלס עקסקאַוואַטאָרשטשיק ביי גאַבוניאַן.

„אַ מאָדנער טיפ, — האָט וואַנאָ געטראַכט. — צוליב וואָס גייט ער פינפאונדרייסיק קילאָמעטער צופוס, אַז מאָרגן אינדערפרי וועט ער האָבן אַ צוג?"

געזעגנט האָבן זיי זיך אַלס גוטע פריינד.

וואַנאָ איז מיט אַ שיפל אַריבערגעשווומען דעם ריאָן און אַוועק טיף אין דער דזשונגל.

די דושנעקייט איז געהאָנגען, פאַרפלאָנטערנדיק זיך אין די צווייגן. דער זומפּ האָט געשמעקט זויער און איבלדיק. די ערד האָט זיך געוואַקלט אונטער די פיס. וואַנאָ האָט זיך געשראָקן, בשעת פון זיינע טריט האָבן אויפגעציטערט ביז די סאַמע שפּיצן די הויכע הראַבענעס. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז אָט-אָט וועלן זיי אומפאַלן אויף זיין קאָפּ.

— דאָס אַלץ וועסטו אויסוואָרצלען און פאַרברענען, — האָט וואַנאָ געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו דעם נישט געזעענעם גאַבוניאַן.

אַ מענטש, וואָס בלייבט איינער אַליין אין וואַלד, רעדט געוויינלעך צו זיך אַליין, אָדער ער פייפט, אָדער ער זינגט, אָדער ער קלאַפּט אַראָפּ טרוקענע צווייגן מיטן שטעקן. עס דוכט זיך אים, אַז דורך דעם דאַזיקן גערויש שאַפט ער אַרום זיך אַ ברייטע שוץ-זאָנע.

וואַנאָ האָט אין די זומפּן געפונען אַ קוים מערקלעך שטעגעלע. ער איז געגאַנגען איבער דעם, פון מאָל צו מאָל אַריינפאַלנדיק אין דעם שליים. ער האָט זיך שטרענג געהאַלטן ביי דעם כּלל, וואָס עס האָבן אים געלערנט די אַלטע יעגער: נישט אָפּצוטרעטן פון דעם שטעגעלע אַפילו אויף איין שריט. ביי די זייטן האָבן גיפטיק געגרינט די זומפּן.

אַלעמאָל האָבן די ליאַנעס פעסט אָנגעכאַפּט וואַנאָן פאַרן רוקזאַק. ער האָט געמוזט אים אַראָפּנעמען און אָפּשניידן מיט אַ מעסער-

די פֿאַרבויגענע גרויסע שטעכעלקעס פֿון די ליאַנעס. אָפּברעכן זיי מיט די הענט איז פּשוט געווען אוממעגלעך.

פֿאַרנאַכט איז וואַנאָ אַרויסגעקומען צום ברעג פֿונם קאַנאַל און האָט פֿריילעך אָנגעהויבן צו פֿייפֿן. צוצוגיין צו דעם אָרט, ווו דער קאַנאַל איז געוואָרן ברייטער און זיך צעגאָסן ווי אַן אָזיערע, און ווו עס האָט זיך אויפֿגעהאַלטן די נוטריאַ, איז געבליבן בערך דריי קילאָמעטער.

וואַנאָ האָט באַשלאָסן זיך אָפּצורוען. די דושנעקייט אין די וועלדער האָט זיך אָנגעצויגן ווי טיי. די לופֿט האָט מען געמוזט מיטן גאַנצן כּוח איינזאַפּן אין די לונגען.

וואַנאָ האָט אַראָפּגענומען דעם רוקזאַק און איז פֿאַרגליווערט געוואָרן. פֿון מערבֿ-זייט האָט אַ קנאַל געטון אַ האַרמאַטן-שאָס. וואַנאָ האָט אַ קוק געטון אויפֿן הימל: קיין וואָלקנס האָבן זיך נישט געזען. דער קנאַל האָט זיך איבערגעחזרט מיט אַ נייער קראַפֿט, און ביי וואַנאָן האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן דאָס האַרץ. ער האָט צו זיך געזאָגט: „פּחדן!" און איז אַרויפֿגעקראָכן אויף דער דערבייאיקער אָלשענע.

דאָס וואָס ער האָט דערזען פֿון שפּיץ בוים האָט אים שטאַרק צעטומלט. אַ הויכער וואָלקן איז געוואַקסן פֿון דער ים-זייט. ער איז געווען צעשניטן דורך דינע בליצן. אַזוי איז דער שוואַרצער מירמל-שטיין דורכגעריזלט מיט זילבערנע אָדערלעך. פֿון דעם וואָלקן האָט אַן אָטעם געטון מיט רעגן-קילקייט.

וואַנאָ איז אַראָפּגעקראָכן פֿונם בוים. וואָס טוט מען? זאָל ער גיין צוריק, איז נישט כּדאַי. ער וועט סיי-ווי נישט צוקומען היזן נאָענטסטן דאָרף. גאַבוניאַ האָט אים געהאַט דערציילט, אַז אויפֿן נע-דאָארד זענען פֿאַראַן רויִנעס פֿון אַן אַלטער רוימישער פֿעסטונג. דאָרטן וואָלט מען זיך געקאָנט ראַטעווען פֿון דער פֿאַרפֿלייצונג.

די פֿאַרפֿלייצונג איז געווען אומפֿאַרמיידלעך. דער גאַסרעגן דאַרף נאָר דערגרייכן ביז צו די בערג, און אויף קאָלכידע וועלן זיך אַ לאָז טון טויזנטער שטראָמען מוטנע וואַסער.

וואַנאָ האָט באַשלאָסן צו גיין ווייטער, כאָטש ער האָט נישט געוווּסט, ווו די פֿעסטונג געפֿינט זיך. שטיין אויף איין אָרט האָט מען נישט געטאָרט. פֿון שרעק האָט געקלעמט אונטערן האַרצן.

וואַנאָ איז געגאַנגען ווייטער. די אָפּטע בליצן האָבן באַלויכטן דאָס שטעגל. דער וואָלקן איז געקראָכן איבערן הימל פּאַמעלעך און

גרויזאַם. פון מאָל צו מאָל האָט ער געוואָרטשעט מיט פּאַרדומפּטע און לאַנגדויערנדיקע דונערן. דעמאָלט האָט זיך געדוכט, אַז אין דער דזשונגל באַהאַלטן זיך און ריטשען ריזיקע טיגערס.

קיין איין מאָל אין זיין לעבן האָט וואַנאָ נישט איבערגעלעבט אַזאַ געפיל פון הילפלאָזיקייט פאַר די געפערלעכע און מאַיעסטעטישע זאַכן, וועלכע טוען זיך אָפּ אויפן הימל.

ער האָט זיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט און געקוקט אויפן וואָלקן. ער האָט געהאָפט, אַז ער וועט פאַרבייגיין, ער האָט זיך אָבער אַלע ווײַלע מיט שרעק איבערצייגט, אַז דער וואָלקן רוקט זיך דווקא אָן אויף דעם קאַנאַל נעדאַארד.

דער קאַליר פונם וואָלקן איז געווען אַ פינסטערער, אַ שוואַרצער. ער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזן פּאַסמעס רויך, שטויב און רעגן. ביים האָריזאָנט איז ער געוואָרן געדיכטער און האָט אויסגעזען ווי אַ נישט דורכדרינגלעכע קאָסמישע נאַכט.

יעדער שאַרפער בליאַסק פון אַ בליץ האָט אויפגעשוידערט וואַנאָס גאַנץ וועזן. זאָל שוין וואָס גיכער אַ כלינע טון דער גאָסרעגן! צווישן די געוויקסן האָבן געוויינט און געלאַכט די שאַקאַלן.

וואַנאָ האָט דערזען אַ ווייסן פייערדיקן באַלאָן, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן איבער די שפּיצן פון דיביימער. די ביימער האָבן זיך אַזוי ווי אָנגעהויבן צו רויכערן.

ער האָט זיך צוגעפּרעסט צו אַ שטאַם פון אַן אָלשענע און אָנגעהויבן צו שרייען. דער דונער האָט צעשפּאָלטן דעם הימל אויף צוויי העלפטן. אַ געשריי טוענדיק, האָט וואַנאָ דערהערט זיין קול, און דאָס האָט אים באַרויִקט. ער האָט באַשלאָסן נאָך אַמאָל אַ געשריי צו טון.

ער האָט אַ געשריי געטון, עס האָט אים אָפּגעענטפערט אַ פאַר-דומפּן מענטשן-קול. וואַנאָ האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַן עכאָ. ער האָט ווידער אַ געשריי געטון און עס האָט אים ווידער אָפּגעענטפערט אַ באַקאַנט קול. וואַנאָן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס שרייט אַבאַשידזע.

ער האָט זיך שנעל געלאָזט גיין איבערן שטעגל און די גאַנצע צייט זיך איבערגערופן מיט דעם מענטשן, וואָס האָט זיך אַלץ מער דערנעענטערט צו אים.

עס איז געוואָרן פינסטער. דער גאָסרעגן האָט זיך ערשט אָנ-געהויבן, בלויז איינצלנע גרויסע טראָפּנס האָבן שווער געשאָרכעט

צווישן די בלעטער. וואַנאַ האָט געשריען און געפייפט; זיין שרעק איז אינגאַנצן אַוועק.

פּלוצים האָט זיך דאָס קול פון דעם מענטשן דערהערט עטלעכע טריט פאָרויס. וואַנאַ האָט דערזען אַ שוואַרצע מענטשלעכע פיגור. עס האָט אַ בליץ געטון, און וואַנאַ האָט דערקענט גוליאַן.

— אַ-אַ-אַ, — האָט גוליאַ בייז געזאָגט, — דאָס ביסטו, ראַצן-זועכטער!

וואַנאַ האָט געשוויגן.

גוליאַ איז צוגעגאַנגען האַרט צו אים.

— וואָס זשע שווייגסטו? קאָנסט נישט רעדן? אין געריכט איז די צונג ביי דיר געשפּרונגען, ווי אַ פייגעלע אין שטייגל.

— וואָס ווילסטו? — האָט וואַנאָ שטיל געפרעגט. ער האָט זיך געוואָלט נעמען צו דער ביקס, ער האָט זיך אָבער געכאַפּט, אַז די דאָזיקע באַוועגונג קאָן אים אומברענגען.

— אַלטע לייט זאָגן: אַ רעה פאַר אַ רעה, — האָט גוליאַ הייזעריק אַ זאָג געטון. — אַלטע לייט לערנען אונז ריכטיק צו לעבן. ווי מיינסטו, בחורעץ?

עס האָט ווידער אַ בליץ און אַ דונער געטון. וואַנאַ האָט דער-זען גוליאַס מאָגער און שאַרף געזיכט. זיינע אויגן האָבן אַ פינקל געטון מיט שפּאָט.

— גוליאַ, — וואַנאָ האָט נעבעכדיק אַ שמייכל געטון. — וואָס ווילסטו פון מיר, גוליאַ? עס זענען געקומען די אינזשיניערן און אונז ביידן וועט זיין שלעכט. די וועלדער וועט מען אויסהאַקן. דו וועסט נישט האָבן ביי וואָס צו פאַרדינען — דו ביסט אַ יעגער. און ביי מיר וועט די גאַנצע אַרבעט צונישט ווערן. דריי יאָר דורכאַנאַנד האָב איך זיך געפּאָרעט מיט דער דאָזיקער טייוולאָנישער חיה. מיר טאָרן נישט בייז זיין איינער אויפן אַנדערן, קאַצאַ.

גוליאַ האָט געשוויגן. ביי וואַנאַן האָט שטאַרק געקלאַפּט דאָס האַרץ.

— פאַרוואָס זאָל אַ חכם פאַראיבל האָבן אויף אַ נאַר? — האָט גוליאַ שטיל געזאָגט. — דו ביסט אַ נאַר. שפּייען ווילט זיך מיר אויף די פולע וועלדער. איך בין שוין נישט קיין יעגער. איך בין אַן אַרבעטער. די אַלטע לייט לערנען אונז ריכטיק צו לעבן. און די יונגע אויך. אָבער נישט אַזעלכע, ווי דו. וואָס ציטערסטו, קאַצאַ? דו

האָסט מיך געוואָלט איינזעצן אין טורמע, און גאַבוניאַ האָט מיר גע-געבן אַרבעט. דו האָסט געהאַנדלט, ווי אַ נאַר, און ער, ווי אַ חכם.

גוליאַ האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס ציטערסטו, קאַצאַ? האָסט מורא? איך וועל דיך נישט דערהרגענען. קום.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק פאַרויס.

אין עטלעכע מינוט אַרום זענען זיי צוגעקומען צו די רויִנען פון דער פעסטונג. אַבאַשידזע האָט זיי הויך באַגריסט.

שוין מער פון אַ מעת-לעת זענען זיי אָפּגעזעסן אין אַ געצעלט, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט אויף אַ רויִנע פון אַ וואַנט. עס האָט געגאָסן דער גאָסרעגן. דאָס וואַסער איז געשטאַנען אַרום און אַרום, ווי אַ ים.

וואַנאָ האָט געפלאַמט פון בושה. ער האָט נישט געקאָנט קוקן גוליאַן אין די אויגן — דער ווילדער יעגער האָט זיך אַרויסגעוויזן קלוגער פון אים. ער האָט געזאָגט: „שפּייען ווילט זיך מיר אויף די פוילע וועלדער", און ער איז פולקום גערעכט.

וואַנאָ האָט נישט באַמערקט, ווי די צייט איז אַוועק, און ער איז מיט גלייכגילט אַוועק מיט אַלעמען צוזאַמען פון דעם נעדאָאַרד, צום ריאָן.

זיי זענען געגאַנגען אַ גאַנצן טאָג, אַריינפאַלנדיק אַלע ווײַלע אין וואַסער. די אַרבעטער האָבן געשלעפּט די שווערע מעסט-אינסטרומענטן. אין די וועלדער איז געווען פּוסט און שטיל. זיי האָבן נישט געהערט קיין קול פון קיין פויגל. אַלץ וואָס האָט געלעבט איז אַוועק פון דער דזשונגל. עס האָבן אַפילו נישט געוואָיעט די שאַקאַלן. בלויז די פרעש זענען געשפּרונגען פון אונטער די פיס אַפיר, און פון די זומפּן האָבן געוויינט, אויפהויבנדיק די קעפּ, די פעטע וואַסער-שלאַנגען.

„אַ פאַרשאָלטן אָרט", האָט וואַנאָ אַ טראַכט געטון, און ווי אַזוי האָט ער זיך גאָר געקענט אַמפּערן און קעמפן, אַז מען זאָל אויפהיטן אָט די גאַנצע וועלט פון מיאַזמען, זומפּן, פוילנדיקע וועלדער, די וועלט פון פיבער און פאַרפלייצונגען, פון קוקורוזע און טאָרף!

צום טייוול! איין מאַראַנץ האָט מער די ווערט פון הונדערט פּאַסקודנע שאַקאַלן.

קאַביאַניס באַריכט

די באַריכטן האָבן זיך זייער שווער איינגעגעבן קאַביאַנין, דער-פאַר אָבער האָבן זיי זיך אויסגעצייכנט מיט זייער מאַטעמאַטישער גענויקייט.

„אַ שטאַרקער דרום-מערבדיקער שטורעם פון עלף באַלן, — האָט קאַביאַני געשריבן, — האָט אָנגעשווענקט אין דער לעפצונג פון דעם טייך קאַפּאַרטשע, וואָס געפינט זיך דריי קילאָמעטער ווייט פון פּאָטי, אַ ריזיקן וואַל פון זאַמד און פאַרשטאָפּט דעם דאָזיקן טייך. איינציייטיק האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאָסרעגן. ער האָט געדויערט אי-בער זעקס שעה.

די טייכן ריאָן, קאַפּאַרטשע, ציווע און כאָפּי, נישט רעכענענדיק צענדליקער קליינע טייכלעך, זענען ראַש אַרויס פון די ברעגעס און פאַרפלייצט די גאַנצע ברעג-טייל פון קאָלכידע.

אויף די גאַסן פון דער שטאָט האָט דאָס וואַסער דערגרייכט ביז דעם צווייטן שטאָק. די חיות, איבערגעשראָקענע פון דער פאַר-פלייצונג, האָבן זיך אַ לאָז געטון אין שטאָט אַריין און אויף דעם אינזל, ווו עס איז דער האַפן. דער האַפן איז נישט געווען פאַרפלייצט. דערהויפּט זענען אָנגעקראָכן אַ סך שלאַנגען.

די פאַרפלייצונג האָט געבראַכט אַ סך שאָדן אונזערע מעליאָראַ-ציע-אַרבעטן, פונדעסטוועגן איז דער שאָדן נישט אַזוי גרויס, ווי מען האָט זיך געקאָנט ריכטן לויט דעם פאַרנעם און קראַפט פונם גאָסרעגן.

אויף דעם מאַגיסטראַלן קאַנאַל אין טשאַלאַדידע האָט דאָס וואַ-סער באַדראָט אָפּצושווענקען די וואַלן און דערפירן ביז זעראָ די דריי-יאָריקע אָנגעשטרענגטע אַרבעט. אַדאַנק דעם העראָיִזם פון די אַרבע-טער און דעם אינזשעניער גאַבוניאַ איז די קאַטאַסטראָפע אויסגעמיטן געוואָרן.

די אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרן ביינאַכט, מיט די הילע הענט. דער איינציקער עקסקאַוואַטאָר האָט נישט געאַרבעט, מחמת עס האָבן אין אים געפעלט טיילן. דער פּרווו אָפּצוגיסן די דאָזיקע טיילן אין דעם באַוועגלעכן וואַרשטאַט, האָט זיך נישט איינגעגעבן צוליב מאַנגל אין צייט. די לאַגע האָט געראַטעוועט דער עקסקאַוואַטאָרשטשיק, דער ענגלענדער דזשים בירלינג, וועלכער האָט צופוס, ביינאַכט, אין

שרעקלעכן גאָסרעגן, געבראַכט די נויטיקע טיילן פון דער סטאַציע טשאַלאַדידע.

ער האָט זיך דורכגעריסן דורכן וואַלד, ער איז געווען צעקאַלעטשעט פון די ליאַנעס און פאַרלוירן אַ סך בלוט, אָבער, נישט קוקנדיק דערויף, האָט ער צו דער צייט צוגעפירט די מאַשין צום אַוואַריע-פונקט, און מיט אַ מוסטערהאַפטער קאַלטבלוטיקייט געאַרבעט ביים ליקווידירן די צעשווענקטע וואַלן.

דער אינזשינער גאַבוניאַ האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט, נישט געקוקט אויף דעם שווערן אַטאַק פון דער טראָפּישער מאַליאַריע. ער האָט זיך שטאַרק צוגעקילט און ליגט איצט מיט אַ לונגען-אָנצינדונג אין פּאָטיער שפּיטאָל. בשעת דער נאַכט-אַרבעט אין טשאַלאַדידע איז אומגעקומען דער אַרבעטער יעפרעם טשאַנטוריאַ.

דער קאָלמאַטאַציע-פונקט האָט מיט כבוד אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. סיי די וואַלן, סיי די שליוזן האָבן אויף אַ האָר נישט געליטן. דער אינזשינער פאַכאָמאָוו האָט כמעט אַ גאַנצן מעת-לעת נישט פאַרלאָזט דעם פונקט און אָנגעפירט מיט די אַרבעטן אויף צו באַשיצן אים פון אַ קאַטאַסטראָפע.

די טאָפּאָגראַפישע פּאַרטיע בראש מיט אַבאַשידזען, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין ראַיאָן פונם קאַנאַל נעדאָאַרד, האָט מען אין משך פון דריי טעג געהאַלטן פאַר אַ פאַרלוירענע. די אַלע אַרומזוכענישן האָבן נישט געגעבן קיין שום רעזולטאַט, ווייל צוצוקומען צום קאַנאַל אָן אַ געניטן פירער איז אוממעגלעך. דער איינציקער קענער פון די דאָזיקע מקומות, גוליאַ, איז אַוועק צוזאַמען מיט דער פּאַרטיע. נעכטן איז די פּאַרטיע צוריקגעקומען קיין טשאַלאַדידע און מיט זיך געבראַכט דעם אַספּיראַנט פון דעם רויכוואַרג-אינסטיטוט וואַנאַ אַכמעטעלי, וועלכן אונזערע אַרבעטער האָבן אָפּגעראַטעוועט אין די וועלדער.

לויט די ידיעות פון דעם הויפּט-באָטאַניקער לאַפשין, האָבן די פּלאַנטאַציעס כמעט גאָרנישט געליטן.

„איצט בין איך צוגעטרעטן צו די אַרבעטן אויף אָפּצורייניקן די זאַמד-פּראָפּנס אין די לעפצונגען פון די טייכן, וואָס זענען איינע פון די הויפּט-סיבות פון דער פאַרפלייצונג".

קאַכיאַני האָט אַוועקגעשטעלט אַ פּונקט און זיך פאַרקרומט. דער באַריכט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, איז צו פּאָעטיש. ער האָט זיך פאַרטראַכט און אויסגעשטראָכן די ווערטער: „די טייכן זענען ראַש

אַרויס פּו די ברעגעס״, און „אין שרעקלעכן גאָסרעגן״, אָבער קיין אַנדערע פּאָעטישע ווערטער האָט ער נישט געפינען.

— דער רוח ווייס עס, — האָט קאַכיאַני געזאָגט, — וואָס פאַראַ אָנשטעקנדיקע קרענק די דאָזיקע פּאָעזיע איז!

געשפּרעך וועגן פאַרזיכערונג-געזעלשאַפט

גאַבוניאַ איז לאַנגזאַם געקומען צו זיך. די ערשטע טעג איז ער געלעגן אין שפּיטאָל באַוווסטלאָז. ער האָט זייער שוואַך געדענקט די שטעכיקע וואָנסן פונם דאָקטאָר, וואָס האָבן באַרירט די ברוסט, אַ קאַלטע האַנט אויף זיין שטערן, אַ כריפּעדיק שעפּטשען פונם קאַפּיטאַן און גאַנצע שיירות מיט שטערן. זיי זענען אָן אַן אויפהער געפלויגן הינטער די פענסטער צו די בערג צו.

אין היץ האָט גאַבוניאַ זיך געפּרווט פאָרשטעלן, וואָס איז דאָ געשען. די שטערן זענען, אַפּנים, געפאַלן אין די בערג, ווי אַ גאָס-רעגן, און אין קאָלכידע איז אַלע נאַכט געוואָרן אַן אויסטערלישע פאַרפלייצונג. אָנשטאָט וואַסער איז דאָס לאַנד פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ ווייסן פלאַם. ער איז צוגעקומען ביז צו דער ברוסט, און אין דעם דאָזיקן פלאַם איז מיט אַן אומגעהייערן ווייטיק פאַרברענט געוואָרן דאָס האַרץ.

— כאַבאַרדאַ! — האָט גאַבוניאַ געשריען. — אַלע מענטשן אויפן פינפטן פּיקעט, קאַצאָ!

דער דאָקטאָר האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. די היץ-רייד זענען אים נישט געפעלן.

דערנאָך האָט זיך גאַבוניאַן אויסגעדוכט, אַז ער גייט צוזאַמען מיט טשאָפּן איבער דער דזשונגל אַנטקעגן אַ בלוי פאַסיקל פונם קאַיאָר. דער פאַרטאָגיקער ווינט קילט זיין געזיכט און די האָר. זיי גייען ביידע און זוכן סיאַמאַן. און ער איז אַלץ נישטאָ.

דעמאָלט נעמט טשאָפּ אַרויס פון קעשענע אַ קליינגל פון אַ „זשי-לעטקע״. און זאָגט: „אָט דאָ וועלן מיר אים נישט געפונען, מען דאַרף ענדערן דעם לאַנדשאַפט״. ער שטעקט אַריין דאָס קליינגל אין דעם קאַיאָר פאַסיקל צווישן הימל און ערד, דרייט איבער דאָס ראַזיר-מעסערל, אַזוי ווי אַ שליסל אין אַ שלאָס, דער הימל טוט מיט אַ קלינג אַ

שפּרונג אָפּ אויף צוריק, און עס אַנטפּלעקט זיך אַ נייער לאַנדשאַפט. זיי גייען שוין נישט איבער דער דזשונגל, נאָר אויף דעם ברעג פון דער נעווע. די ווייסע נאַכט גלאַנצט אין דעם שוואַרצן וואַסער. די טשערעמעכע ציטערט פון קעלט, אַראָפּהענגענדיק פון די אייזערנע שטאַכעטן.

טשאָפּ גיט ווידער אַ דריי אין דעם הימל, און זיי שווימען שוין אין אַ דאַמפּער איבערן וואַסער, וואָס איז גרעל פון די פיל פייערן. פונדערווייטנס הויפנט זיך אויפן ברעג אַ שטאָט. זי איז ענלעך צו אַ באַרג אַלט גלאָז. זי גלאַנצט און פינקלט, און טשאָפּ שעפּטשעט גאַבוניאַן אין אויער, אַז דאָס איז ווענעציע און דאָ קאָן מען קויפן ביי די קאָנטראַבאַנדיסטן מאַראַנצן-זוימען, וואָס זענען גרויס ווי אַ קירביס און זיי אַוועקשענקען לאַפּשינען.

— צום טייוול לאַפּשינען! — האָט גאַבוניאַ געשריען און קרעכצנדיק, געקומען צו זיך.

ער האָט געוווּסט, אַז די דאָזיקע היץ-רייד וועלן זיך אין פאַר-לויף פון דער נאַכט איבערחזרן עטלעכע מאָל. דאָס האָט אים שוין פאַרמאַטערט. ער האָט שוין געפּרוווט אַנטלויפן, אַראָפּגעשפּרונגען פונם בעטל, און די פלעגערינס האָבן מיט גרויס מאַטערניש אים צוריק אַריינגעלעגט אין בעט אַריין.

דער כינין האָט גערוישט אין קאָפּ, אַזוי ווי אַ שטורם. גאַבוניאַן האָט זיך געדוכט, אַז אויפן ים הערשט אַן אומאויפהערלעכער שטורם-ווינט. ער האָט אָן געדאַנקען געקוקט אויפן פיאָלעט-הימל דורכן פענסטער, און זיך געכאַפּט, ווי אַזוי קאָן דאָס געמאָלט זיין אַ שטורם, אַז די זון לייכט און ברענט אים ביז ווייטיק די אויגן.

נאָך דעם קריזיס זענען געקומען שווערע טעג. דאָס איינציקע, וואָס גאַבוניאַ האָט געשפּירט, איז געווען מידקייט, אַ שטאַרקע אומ-געהייערע מידקייט, ווען ער איז מיד געוואָרן פון דעם אייגענעם שעפּ-טשען און פון דער מינדסטער האַנט-באַוועגונג.

דערנאָך איז ער עטלעכע טעג געשלאָפן און זיך כמעט נישט אויפגעכאַפּט.

אויפגעוועקט האָבן אים שווערע טריט. איידער ער האָט נאָך אויפגעמאַכט די אויגן, האָט גאַבוניאַ זיך אָנגעשטויסן, אַז דער מענטש גייט, אַפּנים, דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן אויף די שפּיץ-פינגער. ער האָט געשטעלט אַ פוס, די פּאָדלאָגע האָט געסקריפּעט, דער

מענטש איז פאַרשטאַרט געוואָרן, שווער געסאָפּעט און פאָרזיכטיק גע־שטעלט דעם צווייטן פוס.

גאַבוניאַ האָט געעפנט די אויגן און דערזען אין דער טיר סיאָ־מאַס ברייטע פּלייצע. סיאָמאַ איז אַוועקגעגאַנגען. ער האָט באַלאַנסירט אויף דער פּאָדלאָגע, און זיין קאַרק איז רויט געוואָרן פון אָנשטרענגונג.

אויפן טישל ביים בעט איז געשטאַנען אַן אָנגעהויבן בלוי־בלעכן שאַכטל מיט פּייקע־טאַבאַק. די איינציקע און טייערסטע זאַך, וואָס סיאָמאַ האָט פאַרמאָגט. גאַבוניאַ האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי סיאָמאַ האָט אָפּגעהיט און געשפּאָרט דעם דאָזיקן טאַבאַק און אים געררויכערט בלויז איין מאָל אין טאָג. אַזוי האָט ער אָנגעשטופּט די פּייקע מיט פּשוטער מאַכאָרקע.

גאַבוניאַ האָט נישט צוריקגערופן סיאָמאַן. די ספּאַזמע האָט אים צונויפגעדריקט דעם האַלז.

דעם צווייטן טאָג איז געקומען נעווסקאַיאַ. זי האָט געבראַכט גאַבוניאַן נייע פּרוכטן, וואָס זענען אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין דער עקספּערימענטאַלער סטאַציע. געהייסן האָבן זיי פייכאָאַ. זיי זענען גע־ווען העל־גרינע, מאַטע און אָוואַלע.

גאַבוניאַ האָט זיי פאַרזוכט. די פּרוכטן האָבן געהאַט אַ טעם פון אַנאַנאַסן און פּאָזיעמקעס.

— עס שמעקט מיט טראָפּיקעס, — האָט גאַבוניאַ אַ שעפּטשע געטון. — אויסגעצייכנט!

די פייכאָאַ האָט געשמעקט מיט יענער לייכטער זומער־לופט, מיט וועלכער עס שמעקט דער ים־פרימאָרגן און די סעדער נאָך אַ קילן רעגן.

— דאָס איז אַ זעלטענע פּרוכט, — האָט נעווסקאַיאַ געזאָגט. — אין איר געפינט זיך זייער פיל יאָדינע. מיט דער פייכאָאַ קאָן מען היילן מענטשן פון סקלעראָז.

זי האָט צעשטרייט גערעדט וועגן געוויקסן און אויפמערקזאַם געקוקט אויף גאַבוניאַן. אויבן, אַפּנים ביים דאָקטאָר, האָט מען גע־שפּילט אויף אַ קלאַוויר. נעווסקאַיאַ האָט זיך צוגעהערט.

גאַבוניאַ האָט פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט דערקענט דעם מאָ־טיוו. דאָס איז לייזאַס אַריע פון דער „דאַמע פּיק״

„דער וואָלקן איז איז געקומען,
דעם דונער געבראַכט״...

נעווסקאַיאַ האָט זיך שנעל אויפגעהויבן, אַ גלעט געטון גאַבוניאַס

פּייכטע האָר און איז אַוועקגעגאַנגען. ביי דער טיר האָט זי זיך אויס-געדרייט און אים, שווייגנדיק, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

אויף צומאָרגנס איז אין שפּיטאָל פאָרגעקומען עפּעס ענלעכס צו אַ סקאַנדאַל. עס זענען געקומען טשאָפּ מיט סיאָמאַן. סיאָמאַ האָט אויסגעזען ווי אַ באַליידיקטער. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער דאָזיקער ריז וועט זיך באַלד צעוויינען. ער האָט געפינטלט מיט די אויגן און געסאָפּעט. ער איז געווען אויפגעבראַכט.

גאַבוניאַ האָט שוואַך געקאָנט ענגליש, אָבער פון די עטלעכע בילנדיקע פראַזעס, וואָס סיאָמאַ האָט אַרויסגערעדט, האָט ער פאַר-שטאַנען, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן דער פאַרזיכערונגס-קאַסע, בכלל האָט סיאָמאַ געהאַקט עפּעס אַ טשייניק און געזידלט מיכאַן מיט די געמיינסטע ווערטער.

טשאָפּ האָט דאָס איבערגעזעצט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סיאָמאַ האָט נאָך דער פאַרפּלייצונג עטלעכע טעג נישט געקענט אַרבעטן. בשעת ער האָט זיך ביינאַכט דורכגעריסן דורך דעם וואַלד קיין טשאַלאַדידע, האָבן די ליאַנעס אים צעדראַפּעט די ברוסט און די הענט. די ראַנען זענען געשוואָלן געוואָרן און זיך אָנגעהויבן צו יאָטערן. פינף טעג האָט סיאָמאַ פאַרבראַכט אין שטאָט און זיך גע-היילט אין דער אַמבולאַטאָריע.

אַז ער איז צוריקגעקומען אויפן קאַנאַל, האָט אים מיכאַ געזאָגט, אַז פאַר אָט די פינף טעג וועט ער באַקומען אויסגעצאָלט פון דער פאַרזיכערונגס-קאַסע, ווייל ער איז איצט פאַרזיכערט. סיאָמאַ האָט אויסגעזידלט מיכאַן, געזאָגט, אַז ער איז אַ באַנדיט, אים געוואָלט שלאָגן, געשריען, אַז דאָ איז נישט ענגלאַנד, און ווער עס וועט דאָ וועלן איינפירן די נבזהדיקע ענגלישע אָרדענונגען, וועט ער פון זיין פּנים מאַכן אַ בעפשטיק.

מיכאַ האָט זיך דערשראָקן און איז אַנטלאָפן. סיאָמאַ האָט גע-שריען, אַז קיינער האָט קיין רעכט נישט צו פאַרזיכערן דזשים ביר-לינגן אָן זיין הסכם, און אַז יעדע פאַרזיכערונג איז בלויז אַ שאַנ-טאַזש און אָפּנאַרעריי.

— דער יונג איז אַפּנים געווען בגילופין, — האָט טשאָפּ צוגע-געבן. — ער האָט אויסגעטרונקען אַ האַלבן ליטער בראָנפן.

סיאָמאַ האָט דאָס פאַרשטאַנען. ער האָט נאָך פון זיין אַמאָליקן שיף-דינסט געוווסט, וואָס עס הייסט אַזוינס „בראָנפן". ער איז רויט

געוואָרן און אַ געשריי געטאָן: „נאַ, נאָ!" און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. דערנאָך האָט ער אַראָפּגעצויגן דאָס לייבל און אַ טייטל געטאָן אויף די דריי בלויע צייכנס אויף דער ברוסט און זיך אָנגערופן צו טשאָפּן:

— אָט וואָס איך האָב פאַרדינט פון אייערע פאַרזיכערונגס געזעלשאַפטן. עס קלעקט פאַר מיר. איך קאָן שוין מער נישט האָבן קיין עסקים מיט קיין איין פאַרזיכערונג-געזעלשאַפט אויף גאָר דער וועלט.

סיאָמאַ האָט דערציילט די געשיכטע פון די בלויע צייכנס.

פאַר דעם קריג האָט סיאָמאַ געדינט אַלס שטייערמאַן אויף דער שיף „קאָנדאַיק". דער דאַמפער איז געגאַנגען פון ליווערפּאָל קיין ניופאַונדלענד, ווו עס זענען, ווי עס איז באַקאַנט, שטענדיקע שטורעמס, נעפּלען און אייזבערג.

אויפן ניופאַונדלענד איז פאַראַן אַ לייכט-טורעם לייטוועסט, וועלכער איז פונדערווייטנס ענלעך צו אַ זעגל-שיף, וואָס שווימט אַנטקעגן. דער דאָזיקער לייכטטורעם האָט אַ ברייטן פונדאַמענט און אַ נידריקן, צוגעפּלעטשטן ווייסן טורעם.

— דערדאָזיקער לייכטטורעם איז געווען אַ זעלטן גוט אָרט פאַר אַוואַריעס. די קאַפּיטאַנען זענען געגאַנגען גלייך אויף אים, אַרויפגעשפּרונגען אויף די אונטערוואַסער-שטיינער און דערנאָך פאַרשריבן אין די פאַלשע שיף-זשורנאַלן: „די אַוואַריע איז געשען צוליב דעם, וואָס אין דעם נעפּל האָט דער וואַכטע-מאַטראָס געמיינט, אַז דער לייכט-טורעם לייטוועסט איז אַ זעגל-שיף, וואָס שווימט אַנטקעגן".

אין דער ווירקלעכקייט איז דאָס געווען הוילע שקר. אַלע קאַפּיטאַנען האָבן אויסגעצייכנט געקאַנט דעם כאַראַקטער פון דעם לייכט-טורעם לייטוועסט און דאָס אויסגענוצט, כּדי דאָ צו מאַכן די אַוואַריע, און אַזוי אַרום פּטור ווערן פון געריכט. איר פרעגט, פאַרוואָס זיי טוען דאָס? דערפאַר, וואָס אין מערב-אייראָפּע איז אַ מנהג צו פאַרזיכערן די ערגסטע שיפן, אָנלאָדן זיי מיט מיסט און אָפּפאַל, דערנאָך זיי דערטרינקען און באַקומען די פאַרזיכערונג.

דער קאַפּיטאַן פון „קאָנדאַיק", מיט דער צונעמעניש „מיסט-זשוק" (מען האָט אים אַזוי גערופן צוליב זיינע שמוציקע מלבושים: ער האָט קיין איין מאָל אין זיין לעבן נישט גערייניקט זיינע הויזן, און אַז עמעצער האָט אים פריינטלעך אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף,

האָט ער געענטפערט: „וואָס בין איך, אַ נעגער, צי וואָס איך זאָל רייניקן מיינע הויזן?״) האָט אַרויפגעזעצט די שיף „קאָנדאַיק״ אויף די שטיינער ביים לייכט-טורעם לייטוועסט און שוין געמיינט, אַז ער האָט דורכגעפירט די אַוואַריע, ווי אַ יונגער גאָט.

ער האָט אַ געשריי געטון צום ראַדיסט, יענער זאָל געבן דעם סיגנאַל „ס.אָ.ס.״, דאָ איז אָבער געשען אַן אומגליק. דער ראַדיאָ איז קאַליע געוואָרן, און וויפל דער ראַדיסט האָט נישט געשוויצט, האָט ער גאָרנישט געקענט אויפטון. דער „מיסט-זשוק״ איז גרוי געוואָרן.

און ווי אויף צו להכעיס איז פונם אָקעאַן געגאַנגען אַ שטורעם. דעם צווייטן טאָג האָט עס אונז אַדורכגענומען מיט אַזאַ ווינט, אַז עס האָבן אַ וואָיע געטון נישט בלויז די שיף-איינריכטונגען, נאָר אויך די פאַנען אין דער קיך. דער „מיסט-זשוק״ האָט דערזען, אַז ער איז אַריינגעפאַלן, און איז שוואַרץ געוואָרן, ווי אַן אמתער נעגער, וואָס זאָג איך, נאָך ערגער פון אַ נעגער.

אויפן דריטן טאָג איז דער ראַדיסט געהאָלפן געוואָרן, ער האָט צורעכט געמאַכט דעם אַפּאַראַט און אָנגעהויבן צו געבן סיגנאַלן „ס.אָ.ס.״ אויפן פערטן טאָג האָט עס אונז אָנגעהויבן צו פאַרגיסן און עס האָט געכאַפּט אַ שרעקלעכער פראָסט.

פאַרנאַכט איז פון אונז געוואָרן איין שטיק אייז, און דער שטורעם האָט זיך אַלץ געשטאַרקט.

פאַרטאָג איז צוגעקומען אַ דאַמפער. מיר זענען אַלע אַרויס אויפן דעק און זיך צוגעבונדן מיט שטריק, ווייל איינעם האָט זיך איינגעגעבן, כדי די כוואַליעס זאָלן אונז נישט אַראָפּשווענקען.

דער דאַמפער האָט זיך אַ שטיקל צייט געדרייט אַרום אונז, געזען, אַז ער וועט זיך מיט אונז קיין עצה נישט געבן און איז אָפּגעשוווּמען. דעמאָלט האָט זיך דער „מיסט-זשוק״, אַ מענטש, אַ גאָטס-פאָרכטיקער, פאַר אונז מודה געווען, אַז ער האָט אומישנע אַרויפגעזעצט די שיף אויף די שטיינער, געזידלט דעם אַרמאַטאָר מיט די געמיינסטע ווערטער און געבעטן ביי אונז מחילה.

מיר האָבן אַפילו קיין כוח נישט געהאַט אים צו צעפּאַטשן, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

איך האָב זיך צוגעבונדן צום רודער-ראָד אין דעם שטורוואַלן ביידל, און פון דאָרטן האָט מען מיך ערשט אויפן דריטן טאָג אַראָפּגענומען, בשעת „קאָנדאַיק״ איז שוין ביז איבערן דעק געווען אין

וואַסער. די דריי הענטלעך פונם ראָד זענען צוגעפרוירן געוואָרן צו מיין ברוסט. מען האָט זיי אָפּגעריסן פון מיר צוזאַמען מיט מיין איי־גענער הויט.

איך מוז אייך זאָגן, אַז דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל פון אַן אַוואַריע ביים לייטוועסט, פאַר וועלכער דער אַרמאַטאָר האָט באַקומען אָנשטאָט די פאַרזיכערונג אַ פייג אין עסיק. אין געריכט האָט דער „מיסט-זשוק״ באַשטעטיקט אַלץ, וואָס ער האָט אונז געזאָגט. ער האָט זיך נישט געהאַט ווו אַהינצוטון.

איצט האָט ער שוין געטוישט זיין פּראָפעסיע. ער אַרבעט ביים פּאַרטיליקן און אויסראָטן די ראַצן אין לאָנדאָנער האַפן. ער גייט אַרום מיט אַ קיישל און וואַרפט אין די מייזן-לעכער דאַר ברויט מיט סם.

אָט! און איר מיינט, אַז נאָך דעם אַלעמען וועל איך עמעצן גלויבן אין דער ערלעכקייט פון די פאַרזיכערונג-געזעלשאַפטן? נאָך דע־מאָלט, אין שפּיטאָל, האָב איך צו זיך אַזוי געזאָגט: „נו, דזשים ביר־לינג, אויב דו וועסט פאַרזיכערן דיין לעבן אַפילו אויף טויזנט פונט, וועסטו זיין דער גרעסטער טיפּש אויף דער גאַנצער אַלטער און נייער וועלט. גענוג!״

סיאָמאַ האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער האַנט איבערן טיש. טשאָפּ האָט אויף אים אָנגעשטעלט די אויגן און אויסגעשאָסן אַ גע־לעכטער. גאַבוניאַ האָט צום ערשטן מאָל, זינט ער ליגט קראַנק, זיך צעלאַכט.

טשאָפּ האָט לאַנג איינגעטענהט און געגעבן צו פאַרשטיין סיאָמאַן דעם חי׳וק צווישן דער פאַרזיכערונג אין ענגלאַנד און אינם ראַטנ־פאַרבאַנד. סיאָמאַ האָט ענדלעך פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט זיך פאָרט נישט געוואָלט אונטערגעבן. ער האָט אַ וואָרטשע געטון, אַז מען טאָר נישט אָנרופן פאַרשידענע זאַכן מיט איין און דעם זעלבן נאָמען, עס מוז זיך אַדאַנק דעם אומבאַדינגט באַקומען אַ פּלאָנטער.

סיאָמאַ איז געווען שטאַרק צעטומלט מיט דער מעשה פאַרזיכע־רונג און איז באַלד אַוועקגעגאַנגען. טשאָפּ איז נאָך געבליבן.

אַדאַנק גאַבוניאַס קרענק האָט טשאָפּ געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דער מאַליאַריע.

— אין די צאַרישע צייטן איז דער פּאָטיער גאַרניזאָן אַלע דריי יאָר אויסגעשטאָרבן פון מאַליאַריע. פיין? פון דעם נעמט זיך

טאָקע דאָס סאָלדאַטן-ליד וועגן „דעם פאַרשאָלטענעם קאַווקאַז”. דער געלער, — דער קאַפּיטאַן האָט גערופן דעם דאָקטאָר „דער געלער”, — זאָגט, אַז דאָ טרעפט מען אַ באַזונדערן אַרט פיבער. ער הייסט זומפּן-פיבער. אַ העלפט פון אייערע מינגרעלן-אַרבעטער ליידן פון אָט דער קרענק. איך געדענק, מיכאַ האָט זיך שטענדיק געוווּנדערט: „קיין היץ האָבן זיי נישט, און שלעפן קוים די פיס”. ביי אָט דער קרענק איז די טעמפּעראַטור נידעריקער פון דער נאָרמע. איר האָט נישט קיין זומפּן-פיבער, נאָר אַן אמתן פּאָטיער. און עס איז פאַרשטענדלעך: אַרום און אַרום איז בלויז פּוילעניש, וואַסער און וואָרעמקייט, ווי אין מערב-אַפריקע.

— און איר זענט דאָרטן געווען?

— עס פלעגט טרעפן, — האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט. — די נעגערס, אַגב, ליידן קיינמאָל נישט פון דער מאַליאַריע. די מאַלאַריער קרענקען יאָ, אַלע איבעריקע טראָפּישע פעלקער קרענקען, בלויז די נעגערס ווייסן נישט פון אָט דער קרענק. ווונדערלעך! איך האָב גע-פרעגט דעם געלן, פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? ווייזט זיך אַרויס, אַז דער דאָזיקער מאַליאַריע-פּלאַזמאָדיום אַנטוויקלט זיך אין אונזער קערפּער דורך דער ווירקונג פון די אולטראַפיאָלעטע שטראַלן. און ביים נעגער איז די הויט אַ שוואַרצע, און די דאָזיקע שטראַלן קאָנען דורך איר נישט דורכדרינגען.

— איר טראַכט שוין ווידער אויס, טשאָפּ, — האָט גאַבוניאַ געזאָגט. — איך האָב ליב אייערע מעשות.

טשאָפּ האָט שאַלקהאַפטיק אַ קוק געטון אויף גאַבוניאַן.

— איך טראַכט אויס? אָט פרעגט דעם געלן. רעכענענדיק זיך מיט אייער שלאַפקייט, באַליידיק איך זיך נישט.

— און וואָס נאָך?

— וואָס נאָך? ווייטער איז נאָך אינטערעסאַנטער. בשעת דער מלחמה אין מעקסיקע האָט דאָס ווייסע מיליטער באַלאַגערט עפּעס אַ שטאָט, — איך האָב פאַרגעסן וועלכע, — און האָבן זי אַזוי לאַנג באַלאַגערט, ביז זיי זענען אַלע אויסגעשטאָרבן פון פיבער. דעמאָלט האָט מען די באַלאַגערונג איבערגעגעבן דעם שוואַרצן מיליטער, און די שטאָט האָט מען איינגענומען. אַזעלכע ביישפּילן האָט מיר דער געלער געבראַכט אין די צענדליקער.

טשאָפּ האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער כינין זעצט זיך אָפּ אויף די ווענטלעך פון די אינגעווייזן, ווי אַ דין הייטעלע און ווערט אַ לאַנגע צייט נישט פונאַנדערגעלאָזט. דער כינין לאָזט נישט דורך די אולטראַ-פיאָלעט-שטראַלן. ער האַקט זיי איבער און לאָזט זיי נישט צו. די שטראַלן קאָנען נישט אַריינדרינגען אין דעם אָרגאַניזם, און דער מאַלאַריע-פּלאַזמאָדיום קומט אום. אָט אין דעם באַשטייט די קראַפט פונם כינין. איך האָב דאָך אויך געקרענקט אויף געלן פיבער.

— ווו ?

— אויף די אינזלען פון שטילן אָקעאַן. און שטעלט אייך פאָר, אַז דער איינדרוק פון די דאָזיקע אינזלען איז ביי מיר געבליבן אַ מין כינין-איינדרוק. איך האָב געגעסן דעם כינין מיט טיי-לעפעלעך. איך בין געווען געווירט פון זינען, טויב געוואָרן און זיך געוואַקלט, ווי אַ שיכור. איך עס באַנאַנעס — ביטער, טרינק וואַסער — ביטער. די הענט זענען בלוי. אויפהויבן זיך פון בעטל און דורכגיין די קאַבינע ביזן טיש איז אַ גאַנץ געשעעניש. און די דאָרטיקע היץ, האָט זיך מיר געדוכט, איז אַ פאַרמעלע אָפּנאַרעריי. מיטן קאָפּ פאַרשטייסטו, אַז די לופט איז אַ הייסע, אַן אָנגעגליטע, און דוכטן, דוכט זיך דיר, אַז דאָס איז נישט קיין לופט, נאָר אייז.

מיאַזמען, ריחות, פּרעכטיקע רייכקייט... בכלל זענען דאָס גע-פערלעכע ערטער. דעגענעראַציע. מענטשן גייען און וואַקלען זיך מיט גלעזערנע אויגן. פיבערן און קרעכצן.

אומזין !

עס איז זייער גוט, וואָס איר פאַרטיליקט אינגאַנצן די דאָזיקע מאַלאַריע-געגנט, און שאַפט אויף איר אָרט אַ נייע.

פריער האָט מען זיך דאָ אָפּגעגעבן מיט קלייניקייטן, מיט נאַרישקייטן. אויף דער מאַלאַריע-סטאַנציע שטעלט מען אַרויס אַרום דעם הויז שויבן, וואָס זענען באַדעקט מיט קליי, און מען קוקט, אויף וועלכער שויב עס קלעפּן זיך צו מער קאָמאַרעס. אויב אויף דער צפונדיקער — הייסט עס, אַז דער קאָמאַר פליט פון צפון-זייט, אויב אויף דער מזרחדיקער — הייסט עס, אַז פון מזרח-זייט. דערנאָך האָט מען גענומען באַלאָנעס און געגאַנגען אַהין, פון וואַנען דער קאָמאַר איז געפלויגן און באַשפּריצט דעם זומפּ מיט נאַפט. אָט דאָס איז אַלץ. אַ קינדער-שפּיל.

— נו, איך דאַרף שוין גיין, — האָט זיך דער קאַפּיטאַן גע-

כאַפּט. — זיך צעפּלוידערט. אַט ס'אַראַ נאַר איך בין, איר גוויטיקט זיך דאָך אין רו.

גאַבוניאַ האָט נישט געוואָלט זיך געזעגנט מיטן קאַפּיטאַן. אין דער צייט פון זיין קרענק האָט ער שעהנוויז געקאָנט הערן זיינע פּלוי־דערייען און זיך נאָכפרעגן, וואָס עס הערט זיך אויף דער „פריי", הינטער די ווענט פון דעם שפּיטאָל.

דער האַר פון די זומפּן

גוליאַ האָט זיך אָפּגעבעטן ביי אַבאַשידזען אויף יאַגד. אַבאַ־שידזע האָט מיט פאַרדאַכט אַ קוק געטון אויף אים און אָנגעהויבן צו פּויקן מיט די פינגער איבער דער צייכן־ברעט.

— די טשיקאַלקע ציט ווידער אין זומפּ אַריין? — האָט ער מיט אַ חוזק־שמייכל געפרעגט.

גוליאַ האָט אַ צעטומלטער געדרייט דעם פּילצענעם קאַפּעלוש אין דער האַנט.

— דאָס לעצטע מאָל, קאַצאַ, זאָג איך דיר, ווי ביים שטאַרבן. דאָס לעצטע מאָל. איך מוז דאָס טון. זייער אַ וויכטיקער ענין, קאַצאַ.

— וואָס פאַראַ ענין?

— ווערסט זיך אינגיכן דערוויסן.

— נו, גיי! — האָט אַבאַשידזע געזאָגט. — אין צוויי טעג אַרום מוזטו אָבער אומבאַדינגט צוריקקומען. מיר וועלן גיין מעסטן די זומפּן ביים טייך כאָפּי.

גוליאַ איז אַריינגעגאַנגען אין דעם באַוועגלעכן וואַרשטאַט. ער האָט געגעבן דעם שלאָסער צו פאַריכטן דאָס צינגל פון דער ביקס. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן שלאָסער און לאַנג געקוקט, ווי די פייל שפּאַצירט דאָס אַרום איבערן זילבערנעם שטאָל.

דער גלאַנציקער, זילבערנער שטויב האָט זיך געבאָדן אין די זונען־שטראַלן. די שטראַלן זענען געפאַלן דורך אַ שפּאַרונע אין דער וואַנט, און דורך דער דאַזיקער שפּאַרונע האָט גוליאַ געזען די פרישע דאַמבע פונם קאַנאַל און די וועלדער, וועלכע זענען מיד פון דער היץ. זיי האָבן אַראָפּגעבויגן ביז צו דער ערד די פאַרוועלקטע דינע צווייגן.

— וואָ, פריינט! — האָט דער שלאָסער זיך אָנגערופן. — וואָס

עס האָט זיך דאָ אָפּגעטון, בשעת דאָס וואַסער האָט אַ פלייץ געטון פון די בערג אַראָפּ! דער אינזשינער גאַבוניאַ האָט געבראַכט אַ מע־שענעם בוסט, אים אַרייַנגעוואָרפן אין שמעלץ־איוון און געהייסן מאַכן פון דעם דאָזיקן מעש אַ טייל צום עקסקאַוואַטאָר.

— אַ בוסט? — האָט גוליאַ מיט פאַרווונדערונג איבערגעפרעגט.

— לענינס בוסט, — האָט דער שלאָסער געזאָגט מיט אַ גע־היימניספולן שעפּטשען. — מען זאָגט, אַז ער האָט אים געפירט מיט זיך פון לענינגראַד קיין טיפליס, און פון דאָרטן אַהער. און ער טוט אים זייער באַנג.

— וואָס איז דאָס אַזוינס אַ בוסט? — האָט גוליאַ ווידער געפרעגט.

— אָט אַזאַ קליינער דענקמאָל הייסט אַ ביוסט.

גוליאַ האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ: נו, יאָ, ער ווייסט, ער האָט געזען בוסטן. גוליאַ האָט זיך דערמאָנט אין דער סטאַטוע פון דער רוימישער פרוי. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם געפרעגט:

— עס האָט אים שטאַרק באַנג געטון?

— זייער, קאַצאָ.

גוליאַ האָט גענומען די ביקס, געגעבן דעם שלאָסער אָקאָנטאָ אַ פּעקל טרוקענע טאַבאַק־בלעטער און איז אַוועקגעגאַנגען.

צוויי טעג האָט ער אַרומגעבלאָנקעט איבער די זומפּן. דעם דריטן טאָג איז ער געקומען קיין פאָטי אין דעם דוכאַן „וועסט גע־פינען וואָס צוצובייסן" און לאַנג זיך געסודעט מיטן באַלעבאָס. ער האָט מיט זיך געבראַכט אַ שווערן זאַק.

עס איז געווען אַ זוניקער פרימאָרגן. דער דוכאַן האָט אויסגע־זען יום־טובדיק. בעטשאַס בילד האָט געגלאַנצט מיט פרישער פאַרב. די בלויע און געלע אָפּשיינען האָבן געגלאַנצט אין גוליאַס און דעם באַלעבאָס' אויגן. אַדאַנק דעם האָט זייער געשפּרעך אויסגעזען זייער פרייליך און כיטרע.

דער באַלעבאָס האָט געסאָפּעט און זיך דענערווירט. ער האָט לאַנג געטאַפּט דעם זאַק און געשאָקלט מיטן קאָפּ. דערנאָך האָט ער צוזאַמען מיט גוליאַן אַרייַנגעטראָגן דעם זאַק אין דער שפּיזיאַרניע.

פאַרנאַכט איז גוליאַ געקומען אין שפּיטאָל אַריין מבקר חולה זיין גאַבוניאַן. דער אינזשינער איז שוין אַרומגעגאַנגען איבער דער פּאַלאַטע, אָנהאַלטנדיק זיך ביי די שטולן און ביי די ווענט.

גוליאַ איז אַריינגעגאַנגען ווייך, ווי אַ קאַץ. זיין געזיכט איז געווען זייער ערנסט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער טיר און זיך טיף פאַרנויגט פאַר גאַבוניאַן. זיין געשווירענער קאָפּ האָט זיך געזילבערט פון די האַרטע, טרוקענע, גרויע האָר.

— גאַמאַרדזשאָבאַ, חבר, — האָט ער געזאָגט צו גאַבוניאַן און אַרויסגענומען פון אונטער דער טשערקעסקע אַ גרויס פּעקל. — נעם צו פון אַ פּשוטן מענטשן די-אָ מתנה. עס און זאָל דיר וויל באַקומען.

גאַבוניאַ האָט אויפגעמאַכט דאָס שווערע פּעקל. דאָרט איז געלעגן אַ געריכערט שענקל פון אַ ווילדן חזיר, וואָס איז געווען באַדעקט מיט גאָלדיקן פעטס. דאָס פלייש האָט זיך עטוואָס געשפּירט מיט סמאָלע.

— אַ דאַנק דיר, פריינט! — גאַבוניאַ האָט אויסגעשטרעקט גוליאַן די האַנט. — האָסט נאָך נישט אַוועקגעוואָרפן דיין יעגעריי?

גוליאַ האָט זיך אויסגעגלייכט.

— ניין, איך האָב דאָס שוין אַוועקגעוואָרפן. דאָס איז דער לעצטער ווילדער חזיר. ווען דו האָסט מיך אָפּגעראַטעוועט אין געריכט, האָב איך צו מיר אַזוי געזאָגט: „דעם לעצטן ווילדן-חזיר, וועלכן דו וועסט דערהרגענען אין די זומפּן, וועסטו אַוועקשענקען דעם אינזשי-ניער גאַבוניאַ, דעם זון פון דעם אַלטן מאַשיניסט פון סאַנטרעדי. ער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ לייט“. דאָס איז דער לעצטער ווילדער חזיר. עס איז געקומען דער טויט צו די זומפּן און אַ ניי לעבן—פאַר די מענטשן. און איך האָב דיר נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן. דו האָסט אַריינגעוואָרפן דאָס פיגורל, וואָס האָסט געהאַט ביי זיך אין דער-היים, אין פייער אַריין. טוט עס דיר שטאַרק באַנג?

— געוויס, קאַצאָ.

— דער שלאָסער האָט דאָס מיר אויך געזאָגט. נעם זיך נישט צום האַרצן. אַז דו וועסט שוין קאָנען גיין און האָבן פרייע צייט, וועלן מיר מיט דיר אַוועקגיין אין די זומפּן אויף אַ גאַנצן טאָג, און איך וועל דיר ווייזן אַ זעלטענע זאַך. דער זומפּ באַהאַלט זי אויס פון מענטשן. נאָר איך אַליין האָב זי געזען.

— וואָס פאַר אַ זאַך.

— אייל זיך נישט. וועסט שוין זען. זי ליגט אין זומפּ שוין טויזנטער יאָרן.

גוליאַ האָט זיך צעלאַכט.

— איך בין געווען דער האָר פון די זומפן, פונקט אַזוי ווי אַמאָל דער פירשט דאַדיאַני איבער מינגרעליע. איך בין געווען דער האָר פון די זומפן. אַלץ, וואָס איך האָב געפונען אין די זומפן, איז געווען מיינס. און די דאָזיקע זאַך איז אויך מיינע. איך וועל זי דיר אָוועקשענקען, אויב דו האָסט אַזוי ליב פיגורן.

נישט געקוקט אויף גאַבוניאַס פראַגן און בקשות, האָט גוליאַ נישט געוואָלט זאָגן, וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַך, וואָס ליגט באַהאַלטן אין די זומפן. ער האָט בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ.

דערנאָך איז ער אַוועק אין דוכאַן. דאָרט האָבן אין דעם אָוונט אַרטעם קאַרקיאַ, בעטשאַ און נאָך עטלעכע פריינט זיך משמח געווען לכבוד דעם סאַמע העלדישסטן מענטשן אין גאַנץ פאָטי — דעם פּראָ-ראַב מיכאַ. די קלאַנגען וועגן מיכאַס העלדישקייט בשעת דער לעצטער פאַרפלייצונג זענען געגאַנגען פון מויל צו מויל.

בשעת גוליאַ איז אַריינגעקומען, האָט אַרטעם קאַרקיאַ אויפגע-הויבן צום באַלקן דעם יאַמשענעם שטעקן און אויסגעשריען:

— וואָס האָב איך געהערט? דו האָסט שוין פאַרקויפט דיין יאַגד-הונט, קאַצאַ?

— היינט פאַרקויף איך מיין ביקס, אַלטער פלוידערזאַק, — האָט גוליאַ זיך אָנגערופן און זיך געזעצט ביים טיש. — וואָס דאַרף אַן אַרבעטער אַ ביקס? ער דאַרף האָבן קלוגע הענט.

דאָס אַנטלויפן

מיט אַ האַלב יאָר צוריק האָט זיך לאַפשין געשפּאַרט מיט נעוו-סקאַיאַן וועגן דעם, ווו עס איז בעסער צו פאַרזעצן דעם נייעם סאָרט טיי „וויסע האָר", צי אויף די שיפּועס פון די בערגלעך, צי אין דער נידער. לאַפשין איז דורכויס באַשטאַנען, אַז מען זאָל די שטרויכן פאַרזעצן אין דער נידער, כּדי זיי זאָלן זיין באשיצט פונם ווינט. נעווסקאַיאַ האָט ווידער געפאָדערט, מען זאָל פאַרזעצן די טיי אויף די שיפּועס פון די בערגלעך. זי האָט געטענהט, אַז אין דער נידער קאָן די טיי ליידן פון דער קעלט.

די פראָבע-פלאַנצונגען האָט מען געמאַכט סיי אין דער נידער, סיי אויף די שיפּועס פון די בערגלעך, און מען האָט אייפערדיק אָנגעהויבן נאָכצוקוקן דעם וווּקס פון די שטרויכן.

דער קאָנקורס פון די טיי-שטרויכן האָט זיך אָנגעהויבן ביי אַן אַלגעמיינעם אַלץ-מער שטייגנדיקן אינטערעס.

אָבער דאָ איז אומגעריכט געשען דער קאָנפליקט צווישן לאַפּשינען און דעם אינזשיניער גאַבוניאַ.

לאַפּשין האָט באַשלאָסן צו פאַרפלאַנצן אויף די שטחים, וועלכע זענען מעליאָריזירט געוואָרן דורך דעם קאַנאַל, ציטרינען-ביימער. גאַבוניאַ האָט קאַטעגאָריש זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם. לויט זיין מיינונג, איז דער באָדן לענג-אויס דעם קאַנאַל מער צוגעפּאַסט פאַר ראַמי.

אין דעם וויכוח האָט זיך אַריינגעמישט קאָכיאַני און אַוועקגעשיקט וועגן דעם אַ באַריכט קיין מאָסקווע. מאָסקווע האָט געענטפערט, אַז מען זאָל פאַרפלאַנצן ראַמי.

נאָך דעם פאַל האָט נעווסקאַיאַ געזאָגט, אַז עס וואָלט נישט געשאַדט, לאַפּשין זאָל פאָרן אויף די צוגאָב-קורסן פון באָטאַניקער. לאַפּשין האָט זיך באַליידיקט און מיט איר אויפגעהערט צו רעדן. די זיכערקייט פון דער דאָזיקער פרוי האָט אים אָנגעהויבן רייצן. ער האָט שטענדיק געזוכט די געלעגנהייט, ער זאָל עפּעס קאָנען אַריינזאָגן דער דאָזיקער חוצפהדיקער פרוי. אינגיכן האָט זיך אַזאַ געלעגנהייט געמאַכט.

פון דער קאָנסערוואַטאָריע איז אָנגעקומען אַן אָנפראַגע וועגן פּראָוואַנסאַלער רורגעוויקס. די קאָנסערוואַטאָריע האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי וואַקסט נישט דאָס דאָזיקע רורגעוויקס אין אַ ווילדן צושטאַנד אין קאָלכידע און צי וואָלט מען נישט געקאָנט לעבן פאָטי מאַכן די ערשטע פּלאַנטאַציע פון דעם דאָזיקן געוויקס. לאַפּשין האָט איבערגעלייענט דעם דאָזיקן בריוו און אַ הויב געטון די פּלייצעס: צוואָס דאַרף דאָס האָבן די קאָנסערוואַטאָריע דעם דאָזיקן רורגעוויקס? ער האָט אָנגעשריבן אויפן ברעג פונם בריוו מיט קליינע אותיות:

„ענטפערן: קיין שום פּראָוואַנסאַלער רורגעוויקס איז אין קאָלכידע נישטאָ און איז נישט געווען."

דער בריוו איז גראָד אַריינגעפאַלן צו נעווסקאַיאַן אין די הענט. זי איז אַוועק צו לאַפּשינען, אַוועקגעלייגט פאַר אים אויפן טיש דעם בריוו און אַ קיילעכדיק טרוקן שטענגל פון אַ רור-געוויקס און געזאָגט:

— איר האָט געהאַט אַ טעות, דאָס דאָזיקע רור-געוויקס וואַקסט דאָ אין אַ ווילדן צושטאַנד. אָט האָט איר אַ מוסטער פון דעם.

— יאָ, אָבער נאָך וואָס דאַרפן זיי אים?

— וואָס הייסט נאָך וואָס? מען מאַכט פון דעם פּלייטן, פאַגאָטן און אַלפּישע האָרנס.

— מיר האָבן פאַר זיך אַ סך וויכטיקערע און ערנסטערע אויפגאַבן, ווי צו פאַרנעמען זיך מיט די פייפעלעך.

— און די מוזיק איז נישט קיין ערנסטער ענין?

— צופיל טומל צוליב נאַרישקייטן, — האָט לאַפּשין געענטפערט. — אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איך קאָן זאָגן וועגן מוזיק.

נעוווסקאַיאַ איז רויט געוואָרן. ווי אַזוי קאָן דאָס אַ מענטש, וואָס באַטייליקט זיך אין דעם שאַפן אַ נייע נאַטור אין קאָלכידע, וואָס האָט אַ שייכות צו אָט דער גראַנדיעזער דערשיינונג, וואָס וואָלט געקאָנט דינען אַלס טעמע פאַר דער מעכטיקסטער סימפאָניע בעטהאָווענס, רעדן אַזעלכע ווילדע זאַכן?

שפּעט אינאָוונט איז לאַפּשין געקומען אין דוכאַן „וועסט געפונען וואָס צוצובייסן". די גאָרקיך האָט מען נאָך אַלץ גערופן דוכאַן מחמת דער אַלטער געוווינהייט, דער דוכאַן איז שוין לאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָאָפּעראַטיווער גאָרקיך.

לאַפּשין האָט אָנגעהויבן צו ליידן פון שלאָפלאָזיקייט. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס נעמט זיך ביי אים פון דעם קאָלכידער באָד-קלימאַט און פון נעוווסקאַיאַס חוצפּה, וועלכע האָבן ביי אים אַרויסגערופן, לויט זיינע רייד, „נערוועזע בייזקייט". ער איז אַריינגעגאַנגען אין דוכאַן אויסצוטרינקען אַ פלאַש וויין, האָפנדיק, אַז ער וועט נאָך דעם קאָנען איינשלאָפן.

אין דוכאַן איז געווען פּוסט. דער באַלעבאָס האָט געדרימלט הינטער דער טובאַנק, ווי אַ גרויע סאָווע. די טונקעלע לעמפלעך האָבן באַלויכטן בעטשאַס בילד.

לאַפּשין האָט זיך איינגעקוקט אין דעם. ווי אַלץ איז דאָ איבערגעטריבן! צי דען האָבן די ראָדאָדענדראָנען אַזעלכע בלעטער? פאַרוואָס פאַרדרייען שטענדיק די קינסטלער דיווירקלעכקייט אויף זייער שטייגער, און ווער דאַרף דאָס?

ביי אַ וויים טיש האָט לאַפּשין באַמערקט גאַבוניאַן און נעווסקאַיאַן. גאַבוניאַ האָט צוגערופן לאַפּשינען און אים דערלאַנגט אַ שטול. לאַפּשין האָט זיך נישט גערן געזעצט. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן נעוווסקאַיאַס געזעלשאַפט.

כדי אָנצוהויבן דאָס געשפּרעך, האָט זיך לאַפּשין אָנגערופן מיט אַ שמייכעלע:

— וואָס מער איך קוק אויף דעם דאָזיקן בילד, אַלץ מער ווער איך אויפגעבראַכט. נו, זאָגט אַליין, זענען דאָס דען ציטרינען? ביר-פלעשער! און די בלעטער? דאָס זענען דאָך שערבלעך פון גרין געפעס, און די שיפן זענען דאָך קיינמאָל נישט אַריינגעשווומען אין דעם ריאָן, ווייל דער טייך איז אַ פּלאַכער, און די געוויקסן-רייכקייט אין קאָלכידע, וועט גאָרנישט זיין אַזוי פאַרשידנאַרטיק, ווי דאָ אויפן בילד. איך פאַר-שטיי נישט, פאַרוואָס מען דערלויבט דאָס די קינסטלער צו מאָלן און פאַרענדערן אַלץ, ווי עס פאַלט זיי איין.

גאַבוניאַ האָט אַ שמייכל געטון. לאַפּשין איז געוואָרן אָפיציעל, קאַלט.

— וואָס-זשע פאַרשטייט איר אין דעם, דערלויבט מיר אייך צו פרעגן? — האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ קול, וואָס האָט אים אַליין געשיינט צו זיין דערווידערלעך. — וואָס געפינט איר אין אָט דעם שמירעכץ?

— די צוקונפט,— האָט גאַבוניאַ געענטפערט, — יאָ, לעניגען און פיסאַרעוון האָט איר געלייענט?

— זייער ווייניק.

— וועל איך אייך דערמאָנען, — גאַבוניאַ האָט גערעדט לאַנג-זאַם און אָן חשק.—לענין האָט געזאָגט, אַז אין דער סאַמע עלעמענטאַר-סטער אַלגעמיינער אידעע איז פאַראַן אַ שטיקעלע פאַנטאַזיע. ער האָט געזאָגט, אַז עס איז אַן אומזין אָפּצולייקענען די ראָל פון דער פאַנ-טאַזיע אין דער סאַמע שטרענגסטער וויסנשאַפט. ווען עס זאָל נישט זיין קיין פאַנטאַזיע, וואָלט נישט געווען דער קאָלמאַטאַזש, ווי עס וואָלטן אויך נישט געווען קיין עקאַליפּטן-וועלדער אין קאָלכידע.

לענין האָט זיך פאַררופן אויף פיסאַרעוון. פיסאַרעוו האָט בערך אַזוי געשריבן: „ווען אַ מענטש וואָלט נישט געקאָנט פאַרלויפן אויף פאָרויס און זען אין זיין כוח-הדמיון אין אַ פאַרענדיקט בילד דאָס ווערק, וואָס הויבט זיך ערשט אָן צו שאַפן אונטער זיינע הענט, — וואָלט איך זיך בשום-אופן נישט פאָרשטעלן, וואָס אַזוינס עס וואָלט געקאָנט צווינגען דעם מענטשן פאָרצונעמען און דערפירן ביז צום סוף די אומגעהייערע און פאַרמאַטערנדיקע אַרבעטן אויפן געביט פון קונסט, וויסנשאַפט און פּראַקטישן לעבן". איר זעט, איך ציטיר פון

אויסנווייניק, און איך האָב זיך געשראָקן, אַז די מאַליאַריע האָט מיר אַוועקגעהרגעט דעם זכרון. אָט האָט איר אייך אַן ענטפער אויף אייער פראַגע. אויף בעטשאָס בילד האָט איר די צוקונפט פון קאַלכידע. איך קוק אויף דעם דאָזיקן בילד, און מיר ווילט זיך לעבן אין יענעם לאַנד, וואָס בעטשאָ האָט אויסגעמאָלט. און איך וועל אין דעם לעבן.

— אויסגעצייכנט, — האָט לאַפּשין געזאָגט, ווערנדיק בלייך. — מיט דעם מוז מען מסכים זיין. מיט וואָס וועט איר אָבער פאַרענט-פערן דאָס, וואָס דאָס אויסגעמאָלטע אויף דער וואַנט איז לחלוטין נישט ענלעך צו דעם, וואָס מיר זעען אין דער ווירקלעכקייט?

נעווסקאַיאַ האָט אויפגעהויבן די אויגן און אַ קוק געטון אויף לאַפּשינען.

— מיט וואָס? — האָט זי געפרעגט. — מיט דעם, וואָס יעדע שעפערישקייט, אַריינגערעכנט די וויסנשאַפטלעכע, הויבט זיך אָן דאָרט, ווו עס ענדיקט זיך דאָס נאַרישע און הוילע קאָפּירן פון דער אַרו-מיקער וועלט. די נאַטור פּראָדוצירט, אָבער שאַפט נישט. שאַפן שאַפט בלויז מענטש.

לאַפּשין האָט געשוויגן. ער האָט שלעכט פאַרשטאַנען, וואָס נעווסקאַיאַ האָט געזאָגט.

אין מיטן הייסן וויכוח זענען אין דוכאַן אַריינגעקומען צוויי מוזיקער פון דעם שטאָט-גאָרטן. זיי האָבן געשוויגן. זיי זענען גע-זעסן ביי אַ ליידיק טישל און פאָרזיכטיק איבערגעקליבן די סטרונעס פון זייערע פידלען.

די איידעלע קלאַנגען האָבן זיך אַ שאָט געטון, פונקט אַזוי ווי אין די פידלען וואָלטן זיך אַ קייקל געטון קרישטאָלענע קייקעלעך.

איבערראשט פון לאַפּשינס שווייגן און זיין מידן אויסזען, האָט נעווסקאַיאַ באַשלאָסן, אַז זיי אַטאַקירן אים צו שאַרף, און זי האָט זיך אָנגערופן מיט אַ מילדן שמייכל:

— אָט איר האָט, למשל, נישט אַזוי שטאַרק ליב מוזיק, נישט וואָר? באַלד וועלן זיי אייך שפּילן אַן אַריע, איר געדענקט, די זעלבע, — נעווסקאַיאַ האָט זיך אויסגעדרייט צו גאַבוניאַן, — און איר וועט זען, אויף וויפיל איר זענט זיך טועה.

זי איז צוגעגאַנגען צו די מוזיקער און זיי געבעטן שפּילן ליזאַס אַריע פון „דאַמע פּיק": „דער וואָלקן איז געקומען"

גאבוניא האט צוגעטראגן די מוזיקער א פלאש ווײַן.

די מוזיקער האבן זיך א סודע געטון און מיט א זיכערער באַוועגונג אויפגעהויבן די פידלען צו די אַקסלען. די אומרויִקע מעלאָדיע האט אויפגעוועקט דעם באלעבאס. ער האט אויסגעריבן די אויגן, א גענעץ געטון און געקוקט אויף די פידלער. אויף זײַן אָנגעבלאָזן געזיכט פון א דיקן מאן, וואס איז זײַן גאַנץ לעבן אָפּגעזעסן הינטער דער טובאַנק, האט זיך באוויזן א שמייכל.

די פידלען האבן געוויינט, פונקט אזוי ווי עס וואלט זיי געפּייניקט זייער אייגן קול. דערנאך זענען זיי מיטאמאל אַנטשוויגן געוואָרן. דער באַלעבאָס פון דעם דוכאַן האט טיף אָפּגעזיפצט.

— נו, וואס? — האט נעווסקאַיא געפרעגט לאַפּשינען.

— גאָרנישט. — לאפשין האט זיך אויפגעהויבן, — איך האַלט, אַז מוזיק קאָן בלויז אינטערעסירן פארליבטע, און די, וואס אינטערעסירן זיך מיט מוזיק, דאַרפן זיך אויך, נאַטירלעך, אינטערעסירן מיט אַלץ, וואס האט א שייכות צו מוזיק, ווי למשל, לאָמיר זאָגן, די פּראַוואָנסאַלער רור-געוויקסן.

נעווסקאַיא איז אויפגעשפּרונגען.

— וואס ווילט איר דערמיט זאָגן?

— בלויז דאס, אַז איר זענט סענטימענטאַל.

— נאַריש! — האט נעווסקאַיא געזאָגט און זיך אָפּגעקערט.

עס איז געוואָרן אומהיימלעך. אַלע האָבן געשוויגן. לאַפּשין האט אָפּגעצאָלט. ער איז אַרויסגעגאַנגען פונם דוכאַן. דער באַלעבאָס האט אַ קראַץ געטון די האָריקע ברוסט און אַ כריפּע געטון, אַ ווונקטועדיק מיט די אויגן צו דער טיר, פון וועלכער לאַפּשין איז אַרויסגעגאַנגען:

— נישט קיין סימפּאַטישער!

אינגיכן האט לאַפּשין אָפּגעהאַלטן נאָך אַ ניצחון. די שטרויכן „ווייסע האָר" האָבן זיך אַלצייַנס אָנגענומען סיי אויף די שיפּועס פון די בערגלעך, סיי אין דער נידער. אייניקע, צווישן זיי אויך קאַכיאַני, האָבן געהאַלטן, אַז די שטרויכן, וועלכע מען האט געפלאַנצט אין דער נידער, זענען אַפילו בעסער: זיי האָבן געהאַט מער בלעטער, און זענען פעסטער. נעווסקאַיא האט זיך מודה געווען, אַז זי האט געהאַט אַ טעות, און זיך אַנטשולדיקט פאַר לאַפּשינען.

פון ביידע פלאַנצונגען האָט מען אָפּגעקליבן די סאַמע יינגסטע

און נאָך קלעפּיקע בלעטלעך און זיי אָוועקגעשיקט אין דער טיי־פאַב־ריק: מען האָט געדאַרפט אויספּרובירן דעם טעם פון דער טיי.

די פאַבריק האָט אויסגעאַרבעט ביידע סאָרטן טיי און זיי צוריק אָפּגעשיקט. נעווסקאַיאַ האָט געבראַכט אַהיים די מוסטערן פון דער טיי און איז ווידער אַוועקגעגאַנגען אין דער עקספּערימענטאַלער סטאַציע.

טשאָפּ האָט פאַרבריט ביידע סאָרטן טיי. ער האָט זיך דערמאָנט אין יענער צייט, ווען אויפן קליפּער האָבן די מאַטראָסן געגנבעט די דאָזיקע טיי און געטרונקען דעם מערקווירדיק אַראָמאַטישן געטראַנק, וואָס האָט געהאַט אַ גרינבלעכן קאָליר.

ווען נעווסקאַיאַ איז שפּעט אין אָוונט צוריקגעקומען, האָט זי גע־טראָפן טשאָפּן אַ שטאַרק אויפגערעגטן. ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער און עמעצן געזידלט מיט די געפּערלעכסטע ווערטער. נעווסקאַיאַ האָט געמיינט, אַז כריסטאָפאָרידי האָט שוין ווידער עפּעס אָפּגעטון און זיך שוין געוואָלט אָננעמען פאַר דעם ייִנגעלע, אָבער ווי נאָר דער קאַפּיטאַן האָט זי דערזען, האָט ער אַ געשריי געטון:

— איר האָט אָפּגעווישט די נאָז דעם דאָזיקן דאַרן כראָנדיעק! איך גראַטוליר אייך. איך האָב געטרונקען זיין טיי און עס נודעט מיך. אַן אויסגעפּאַרעטער בעזעם, פאַרזוכט אַליין.

ער האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי און זי דערלאַנגט נעווסקאַיאַן. די טיי האָט ווירקלעך געשמעקט מיט קופּער־זייער.

— דער דאָזיקער מענטש דיסקרעדיטירט די סאָוועטישע סוב־טראָפּיקעס,—האָט טשאָפּ פייערלעך אַ זאָג געטון. — און איצט פאַרזוכט אָט די טיי, דאָס איז אייערע.

נעווסקאַיאַ האָט פאַרזוכט. דער טערפּקער טעם פון דער דאָזי־קער טיי, האָט זיך געדוכט, געהער גאָר צו אַן אַנדער סאָרט טיי.

— און דער סאָרט איז איין און דער זעלביקער! — האָט דער קאַפּיטאַן געשריען.— דער סאָרט איז דער זעלביקער! ביידע זענען — „ווייסע האָר״!

נעווסקאַיאַ האָט געטראַכט: פון וואַנעט נעמט זיך אָט דער אונ־טערשייד אין טעם און אין ריח. אפשר פון דעם, ווייל אויף די שיפּועס פון די בערגלעך איז וואַרעמער און טרוקענער, אין דער נידער אָבער זעצט זיך אָפּ די קאַלטע לופט.

זי האָט שוין געמאַכט אַ סך עקספּערימענטן און אַלעמאָל איז אין די נידערונגען, דערהויפּט ווינטער־צייט, די לופט געווען קעלטער

וי אויף די בערגלעך מיט פינף גראַד. דער עקספּערימענט מיט דער טיי האָט באַוויזן, מיט וואָס פאַרא אומגעוויינלעכער זאָרגפעליקייט מען האָט געדאַרפט דורכפירן די פלאַנצונגען פון די טראָפּישע געוויקסן אין קאָלכידע, ווו עס איז אַזוי שאַרף דער מיקראָסקאָפּישער קלימאַט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז פון טשאַקווע אָנגעקומען דער אַנאַליז פוןביידע סאָרטן טיי. לאַפּשינס טיי איז אָנערקענט געוואָרן אַלס מיטלמעסיק, און נעוווסקאַיאַס טיי אַלס דער העכסטער סאָרט. אין דעם זעלבן טאָג האָט לאַפּשין געבעטן ביי קאַכיאַנין אַן ערלויבעניש אויף אורלויב. ער האָט זיך לאַנג געאַמפּערט מיט דעם היציקן קאַכיאַנין. קאַכיאַני האָט געהויבן די אַקסל און נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין.

די מענטשן זענען, לויט זיין מיינונג, אינגאַנצן פון זיבען אַראָפּ. וואָס וויל ער? זיך אָפּרוען? אָפּרוען זיך קאָן מען אויך דאָ, און דערביי וויטער טון זיין אַרבעט. זון? זון איז דאָ פאַראַן איבערגענוג. ים איז דאָ אויך פאַראַן וויפל דאָס האַרץ גלוסט. די לופט איז דאָ אין קאָלכידע אויך אַן אויסגעצייכנטע. שטילקייט? נו, אין פּאָטי, דערהויפּט אויף דער פאָרשטאָט, ווו לאַפּשין וווינט, איז אַזוי שטיל, אַז מען הערט אַפילו נישט דאָס בילן פון קיין הינט. עס איז נישט קיין לאַנד, נאָר הוילע פּאַעזיע. לאַפּשין האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט, און קאַכיאַני האָט זיך סוף-כל-סוף אונטערגעגעבן. דערווידערט האָט ער מער צוליבן פּרינציפּ. אַז לאַפּשין איז אַרויסגעגאַנגען, האָט קאַכיאַני אַ וואָרטשע געטון:

— ווען אַ פרוי וואָלט מיך איבערגעיאָגט, מיך, דעם אַלטן אינזשיניער, וואָלט איך איר צו די פיס געפאַלן. וואָס זאָגסטו צו דעם: זיך באַליידיקט! וואָס זאָגסטו צו אים! ער וויל דורכויס אורלויב. מען קאָן מיינען: ווער ווייס, וואָס פאַרא קאָמפּליצירטע נאַטור! אייגנליבע האָט יעדערער, אָבער מען דאַרף דאָך וויסן, ווען זי צו באַהאַלטן טיף אין קעשענע, און ווען זי אַרויסנעמען פון דער קעשענע, קאַצאָ!

אַרטעם קאָרקיאַס רעדע

כריסטאָפאָרידי האָט מיט ברען געפּוצט די שיך פון דעם קליינעם מינגרעלער פּיאָנער. דער פּיאָנער האָט געהייסן סאַסאָ.

סאַסאָ האָט געזען אין די גלאַנציקע נעז פון די שיך זיין ברייט, שמייכלענדיק געזיכט און דעם נייעם רויטן שניפּס.

אַרטעם קאָרקיאַ — סאַסאָס זיידע — איז געשטאָנען דערנעבן.

אָנגעשפּאַרט אויפֿן שטעקן. ער האָט אַכטונג געגעבן און געוואָרטשעט אויף כריסטאָפּאָרידין. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז דאָס פּיפּיקע גריכל גיט ווייניק פּאַסטע. כריסטאָפּאָרידי האָט מיט פֿאַראַכטונג אים אָפּגע-ענטפֿערט: וואָס ווייניקער פּאַסטע, אַלץ בעסער באַקומט זיך דער גלאַנץ. וואָס האָט ער זיך צוגעטשעפּעט, דער אַלטער תּרח!

קיינמאָל נאָך האָט אַרטעם קאָרקיאַ נישט איבערגעלעבט אַזאַ פֿייערלעכן מאָמענט. זיין אייניקל, דאָס קליינע יינגעלע, איז געוואָרן אַ פּיאָנער. דעם דאָזיקן טיטול האָט קאָרקיאַ געהאַלטן פֿאַרן ערשטן שטאַפּל, כּדי צו ווערן אַזאַ אינזשינער ווי, למשל, שאַלוואַ גאַבוניאַ.

אָבער דאָס איז נאָך גאָרנישט. דער פּיאָנערישער אָפּטייל האָט באַפֿולמעכטיקט סאַסאָן צו באַגריסן די געלערנטע מענטשן פֿאַר זייער אַרבעט אין קאָלכידע.

— ווּ וועסטו האַלטן דיין רעדע, גאָלדן יינגעלע? — האָט כריס-טאָפּאָרידי געפֿרעגט סאַסאָן.

סאַסאָ האָט זיך שוין געוואָלט באַליידיקן. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז אין דער דאָזיקער פֿראַגע שטעקט חוזק. ער האָט אָבער מורא געהאַט פֿאַר דעם היציקן שטיוולפּוצער. ער האָט געוווּסט, אַז כריסטאָפּאָרידי האָט אין קעשענע אַ ראָגאַטקע-ביקסל און באַשלאָסן אָפּצושווייגן.

אַרום סאַסאָן האָט זיך אָנגעהויבן צו זאַמלען אַן עולם. עס איז צוגעקומען גוליאַ, אָנגעטון אין אַ בלויער קורטקע און אין בלויע הויזן, וועלכע עס טראָגן מאַטראָסן. עס איז צוגעגאַנגען די אַלטע וועשין פֿון דעם גרויסן אינזל. צום סוף איז אויך צוגעקומען דער מיליציאָנער גרישאַ.

קאָרקיאַ האָט אָנגעהויבן צו שרייען, ער האָט נישט געקענט רעדן שטיל.

ער האָט געשריען, אַז די געלערנטע עפּענען אין פּאָטי אַן אויסשטעלונג, ווּ מען וועט ווייזן נייע פֿרוכטן, אויבסן און פֿאַרשיי-דענע טייערע געוויקסן. אויף דער דערעפֿענונג פֿון דער אויסשטעלונג וועט סאַסאָ האַלטן אַ רעדע. אַזאַ רעדע, וואָס וועסט אַפֿילו נישט געפֿונען אין דער „פּראַוודאַ“.

— עס כאַפּט מיר אַזש אָן אַ געלעכטער, אַז איך הער דעם דאָזיקן אַלטן באַרימער, — האָט זיך גרישאַ אָנגערופֿן. — ער איז

דאָך אַן אַמאָרעץ, ער האָט גאָר קיינמאָל נישט געלייענט די „פּראַוודאַ״.

קאָרקיאַ איז צעטומלט געוואָרן:

— ס׳איז אַ חרפּה, אַז מען זאָל אַזוי רעדן צו אַן אַלטן מאַן. איך קאָן טאַקע נישט לייענען, אָבער דאָס דאָזיקע קליינע יינגעלע קאָן בעסער לייענען פון אַלע מיליציאָנערן פון פּאָטי ביז קוטאַיס.

מען האָט זיך אָנגעהויבן אַמפּערן. און אַז דאָס געשריי איז דערעסן געוואָרן כריסטאָפאָרידין, האָט ער אָנגעהויבן געפּערלעך צו קלאַפּן מיט די בערשטלעך איבערן קעסטל. די, וואָס האָבן זיך געקריגט, זענען שטיל געוואָרן. כריסטאָפאָרידי האָט נישט געוואָלט נעמען קיין געלט פאַרן פּוצן. „פּיאָנערן אָן געצאָלטס״, האָט ער שטיל אַ זאָג געטון, און זיין האַרץ האָט זיך אָנגעפילט מיט שטאָלץ פאַר זיין פיינער האַנדלונג.

קאָרקיאַ איז אַוועקגעגאַנגען, האַלטנדיק פאַר דער האַנט זיין איינקל. ער האָט געשפּירט דעם דאָזיקן טאָג, וואָס איז געווען אַרום־געוואַשן פונם רעגן, אַלס יום־טוב. ער איז אויפגעגאַנגען אויף זיין זיך אויסלעשנדיקן לעבן, ווי אַ נייע זון.

קאָרקיאַ האָט צוגעקלערט אומקלאָרע און פּרעכטיקע ווערטער, וועלכע ער וואָלט געקאָנט זאָגן אויף דער דערעפענונג פון דער אויסשטעלונג. אויב עס וועט זיך איינגעבן, וועט ער, געוויינלעך, זיי זאָגן, אַלס עלטסטער איינוווינער, פון כאָרגאַ, ווו מען וועט די טעג עפענען דעם הויפּט־קאַנאַל.

אַ גאַנצן אָוונט און אַ גאַנצע נאַכט פאַר דער עפענונג האָט נעווסקאַיאַ פאַרבראַכט אויף דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג.

אויסער איר און טשאָפּן איז אין זאַל קיינער נישט געווען. טשאָפּ האָט געפּרוווט צו פאַרפירן מיט איר אַ געשפּרעך, אָבער נעווסקאַיאַ האָט געענטפערט נישט גערן און נישט צו דער זאַך. זי האָט נישט געוואָלט רעדן. טשאָפּ האָט דאָס באַמערקט און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

נעווסקאַיאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר די פאַרשידענע געוויקסן און פרוכטן און זיי באַטראַכט זייער אויפמערקזאַם, גלייך ווי זי וואָלט זיי געזען דאָס ערשטע מאָל.

די עלעקטרישע לאָמפּן זענען געהאָנגען צווישן די געוויקסן און

זענען געווען ענלעך צו בלענדנד-ווייסע זשוקעס. די בלעטער האָבן פאַרשטעלט זייער ליכט.

נעוווסקאַיאַ האָט זיך צוגעהערט. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי הערט אַ קוים-קוים פאַרנעמלעכן רויש פון די בלעטער, אַ קנאַקן פון די צווייגן און אַ שאָרכען פון דער ערד, וואָס זאַפּט איין אין זיך דאָס וואַסער.

זי האָט געקאָנט די אַלע געוויקסן, זיי געליבט, שוין געווען צוגעוווינט צו אַלע זייערע קאַפּריזן און שוואַכקייטן, זיי טייער גע-האַלטן צוליב זייערע אָפענע און פאַרבאָרגענע רייכע מעלות. די דאָ-זיקע שטום-שווייגנדיקע וועזנס האָבן אין זיך פאַרמאָגט אַ שלל ווערט-פולע זאַפטן, וועלכע האָבן זיך געפונען ערגעץ-ווו אין זייערע וואָרצ-לען, אין די שטאַמען, אין דער קאָרע, אין די בלומען און אין די קנאָספּן.

די דאָזיקע זאַפטן זענען געווען פאַרשידנאַרטיקע און שטאַרקע, ווי אַלטער און שמעקנדיקער וויין. עס זענען געווען הייל-זאַפטן, אַראָמאַטישע, נאַרהאַפּטע זאַפטן, וועלכע האָבן פאַרהיט פון פוילעניש, פאַרשיכּורנדיקע, אויסניכטערנדיקע זאַפטן, וועלכע האָבן זיך געצויגן אַזוי ווי גומי, שיטערע, פעטע און אַזעלכע, וואָס האָבן געשטילט דעם דורשט.

דער קאָמפּליצירטער און מערקווירדיקער פּראָצעס פון דער כע-מישער איבערשטאַלטונג איז פאַרגעקומען אינעווייניק, אין די געפעסן פון די געוויקסן. די זון, די לופט, דאָס וואַסער, דער ריאַנער שליים און די פינסטערניש, — יאָ, די פינסטעניש, ווייל אָן דער נאַכט-פינ-סטערניש קאָנען די געוויקסן נישט לעבן, — דאָס אַלץ האָט געשאַפן פּרוכטן מיט ממש קאָפּשווינדלערישע ריחות.

נעוווסקאַיאַ איז אַרומגעגאַנגען און באַזוכט אַלע געוויקסן און אַ פּרעכטיקע וועלט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אירע אויגן. די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט, איר מאַטעריעלע קולטור, די גאַנצע געאָגראַפיע זענען געלעגן אין די רויִקע שטאַמען פון דיביימער.

דאָ זענען געווען באַמבוקן און עקאַליפּטן, די ראָזע באַטאַטן, מעליקע און זיסע, און יאַפּאַנישער רעטאַך, וואָס האָט געוויגן אַכט קילאָ.

די גרויע אָראַנזשעווע באַלאָנען פון די גרייפּפרוכטן, וועלכע האָבן מיט זייער געשמאַק דערמאָנט ציטרינען און מאַראַנצן.

אין די פּאָמעראַנץ-פּרוכטן—אין די ציטרינען, מאַראַנצן, קינקאַ-

נעס און מאַנדאַרינען — געפינט זיך דער געהיימניספולער וויטאַמין "C". ווען מען זאָל אים נישט אַריינפירן אין דער שפייז, וועט זיך גלייך באַווייזן די צינגע, דער סקאָרבוט, — די קרענק פון די פּאָלאַר-עקספּעדיציעס, ווען פון די יאַסלעס גיסט זיך פויל בלוט, מענטשן שלעפן אַרויס פונם מויל די שוואַך-געוואָרענע ציין און דעם מינדסטן ווייטיק און יעדע באַוועגונג זעט אויס ווי אַ מין קאַטאָרגע-אַרבעט.

נעווסקאַיאַ האָט שוין באַנג געטון, פאַרוואָס זי האָט אָנגעשראָקן טשאָפּן און אים געצוווּנגען אָנטשווייגן צו ווערן. טשאָפּ וואָלט דאָ גלייך אויפן אָרט, נישט קלערנדיק קיין סך, דערציילט עטלעכע מעשיות וועגן דעם אומקום פון די פּאָלאַר-עקספּעדיציעס, וועגן דער שוידערלעכער קעלט, וועגן סקאָרבוט, וועגן אַמונדסענען, סקאָטן, ראָסן, און טשאָפּ וואָלט שוין געוויס געהאַקט אַ טשייניק.

די דאָזיקע געוויקסן זענען געווען די אמתע קינדער-פריינט. נישט אומזיסט זעען אויס די בלעטער פון די יאַפּאַנישע מאַנדאַרינקעס "אונשנו" אַזוי ווי קינדערשע הענטלעך. נעווסקאַיאַ האָט זיי אָנגע-רירט: אויף די בלעטלעך איז געווען אַ גלאַנציקע אָנשווילעכץ פּונקט אַזוי ווי אויף די הענטלעך פון אַ פּיצל-קינד. די קליינע ביימלעך פון אָט די מאַנדאַרינקעס ברענגען יעדעס יאָר ביז פיר טויזנט פּירות. בשעת זיי בליען, זעט מען צוליב דער בליעכץ כמעט קיין בלעטער נישט אויף זיי.

נעווסקאַיאַ האָט באַטראַכט די מאַראַנצן. אָט זענען די ריזער — די גרעסטע. יעדן האַרבסט ברענגען זיי די טערקן אויף זייערע זעגל-שיפן פון טראַפּעזונד. די זעגל-שיפן וויגן זיך אין דעם האַפן מיט גאַנצע פּיראַמידעס נישט-צייטיקע פּירות, און די שיפערס פאַרקויפן זיי אויפן זאַק.

אָט איז דער קאַליפאָרניער מאַראַנץ "וואַשינגטאָן נעוול" מיט אַ שאַרפן ווײַן-טעם. אָט זענען די קליינע מאַראַנצן — די גרויס פון אַ ניס — די קינקאַנעס.

די ציטרינען, קאַלטע, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען פאַרגאָסן מיט דעם געלן ליכט פונם מאָרגנשטערן, זענען געלעגן אויף דעם אונטער-שפּרייטעכץ פון גראָז. נעווסקאַיאַ האָט גענומען אין האַנט די אַמע-ריקאַנער ציטרין "ליאַ מקוואַט". זי איז געווען דורכזיכטיק. דורך דער דינער שאָל האָבן זיך געזען די קערנדלעך. די דאָזיקע ציטרין קאָן אַריבערטראָגן די גרעסטע קעלטן.

נעווסקאַיאַ איז געווען זיכער, אַז אַלע סובטראָפּישע געוויקסן קאָנען אויסגעצייכנט פאַרטראָגן דעם קאַלכידער קלימאַט מיט די זעלטענע שניי-ווינטערן. מען דאַרף בלויז האָבן אַ קליינע באַשיצונג. די אַלטע איינוווינער האָבן דערציילט, אַז די צאַרטע געוויקסן קומען אום נישט אַזוי פונם פראָסט, ווי פונם שניי; אונטער דער משא פונם שניי צעברעכן זיך די צווייגלעך.

אין פאָטי פאַלט זעלטן אַ שניי. דער דאָזיקער סובטראָפּישער שניי אונטערשיידט זיך שטאַרק פונם צפונדיקן: ער איז זייער אַ פוכיקער, אַ שווערער און אַ גרויסער.

נעווסקאַיאַ האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער. עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. זי האָט געבעטן טשאָפּן, ער זאָל אויף איר נישט וואַרטן און גיין אַהיים. טשאָפּ איז אַוועקגעגאַנגען.

נעווסקאַיאַ האָט לאַנג געשמעקט די פּירות פון די ביטערע מאַראַנצן. זייערע בלומען — די באַרימטע פלער-ד׳אָראַנזש — די באַפּוצונג פון די אַלטמאָדישע חתונות, — האָט מען געברויכט פאַר דער סאַמע איידלסטע לויטן ריח עסענץ — די עסענץ נעראָלי.

צו די פּרוכטן פון די יאַפּאַנישע כורמע, אַ קאַרמין-פאַרביקע, באַדעקט מיט אַ גרוי-בלויען שוויס, האָט מען זיך נישט געטאָרט צורירן, זיי זענען פון דעם קאַליע געוואָרן. דאָס זענען געווען אומגעהייער גרויסע פּרוכטן און האָבן געוויגן כמעט צוויי קילאָ. מען האָט פון זיי געמאַכט צוקער און ווײַן.

לעבן די כמורעס איז געלעגן די באַשיידענע מושמאַלע, וואָס היילט נירן-שלאַפקייטן. אונטער אַ דראָט-נעץ איז געשטאַנען דער כינעזישער לאַק-בוים און עס זענען געלעגן מוסטערן פון דעם טולפּן-בוים. די ווערטיקאַלע שיכטן פונם האָלץ זענען ביי אָט דעם בוים נישט געווען פּאַראַלעל איינע צו דער אַנדערער, ווי ביי אַלע נאָרמאַלעביימער, נאָר זענען געווען קאָמפּליצירט פאַרבונדן אין קניפּן און אויזאָרן. דאָס האָט אים צוגעגעבן בויגעוודיקייט און פעסטקייט. דעם טולפּן-בוים האָט מען געפּלאַנצט אויף צו מאַכן פון אים פּראָפּעלערן פאַר די עראָפּלאַנען.

נעווסקאַיאַ האָט ליב געהאַט די אַבריקאָסן פון אַלע שאַטירונגען, פון ראָזע ביז געלע. זיי האָבן דערמאָנט די פוכיקע קינדערשע בעקעלעך. דער זאַפט פון איין אַבריקאָס האָט געקאָנט אָנפילן אַ גאַנצע גלאָז.

נעווסקאַיאַ איז איבערגעגאַנגען אין דער אָפּטיילונג פון די

בוימוואָל-געוויקסן. דאָרט איז געשטאַנען די שלאַנקע און נישט-אָנזעעוו־דיקע כינעזישע קראָפּעווע—ראַמי.

גרויסע פּלאַנטאַציעס פון ראַמי זענען שוין געווען פאַרפּלאַנצט אין צפון-זייט פונם הויפּט-קאַנאַל. די ראַמי האָט מען געשניטן צוויי מאָל אין יאָר. פון יעדן העקטאַר האָט די דאָזיקע פשוטע קראָפּעווע־געגעבן אַכט הונדערט קילאָ געלבלעכן בוימוואָל, וואָס איז געווען גלאַנציק און שטאַרק אַזוי ווי זיידנס.

דאָ דאַנעבן האָבן אַרויסגעשטאַרצט די שאַרפע בלעטער פון דער דראַצענע. אַפילו די סאַמע שטאַרקסטע האַפן-אָנלאָדער האָבן זיי נישט געקענט צערייסן; זיי האָבן זיך בלויז צעשניטן די הענט און געשוויצט.

און ענדלעך איז דאָ אויך געוואַקסן די מתנה פון דעם אַלטן ים-רייזנדן, קאַפּיטאַן דזשעמס קוק: דער ניי-זעלאַנדער לײַן.

נעווסקאַיאַ האָט זיך דערמאָנט אין טשאַפּס דערציילונג וועגן קוקן, אין אַלע פאַכן און פּראָפעסיעס קאָן מען געפונען די מאַכט פון אַלטע טראַדיציעס. די דאָזיקע טראַדיציעס פלעגן אויפפלאַמען ביי טשאַפּן מיט אַ באַזונדערער קראַפט, ווען ער האָט דערמאָנט די נעמען פון די שטרענגע און פשוטע קאַפּיטאַנען, וועלכע האָבן אין זיך פאַ־רייניקט פאַרשטאַנד און געוואַגטקייט, באַשיידנקייט און מסירת-נפש.

טשאַפּ האָט געקאָנט זייערע ביאָגראַפיעס און געקאָנט דער־ציילן וועגן זיי שעהנווייז. נעווסקאַיאַ האָט זיך, וואָס ווייטער אַלץ מער איבערצייגט, אַז דער דאָזיקער מענטש טראָגט אין זיין זכרון שפּליטערס פון סאַמע אינטערעסאַנטסטן וויסן.

וועגן קוקן האָט טשאַפּ דערציילט נאָך דעם פּען. ער האָט זיך דערמאָנט אין לאַפּשינס אויפפירעכץ און זיך אָנגערופן:

— לאַפּשין איז אַ געלערנטער. איך בין אַ פּראָפאַן. דעם קאַפּי־טאַן קוק האָט מען די גאַנצע צייט פון זיין לעבן געהאַלטן פאַר אַן אַמאָרעץ. די געלערטע האָבן אים גערולדעט אַלס געניטן ים-רייזנדן און עקספּעדיציע-אָנפירער, אָבער אַלס פאָרשער וואָלטן זיי פאַר אים קיין גראָשן נישט געגעבן. וואָס האָט מען, משטיינס געזאָגט, גאָר גע־קענט דערוואַרטן פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַפילו נישט געקאָנט ווי עס באַדאַרף צו זיין אַרויסזאָגן זיינע געדאַנקען? קוק האָט דאָס גע־ווּוסט, און דערפאַר טאַקע האָט ער, דער ים-מענטש, וועלכער האָט נישט מורא געהאַט נישט פאַר קיין טייפון, נישט פאַר קיין אייז,

נישט פאַר גאָט, נישט פאַרן טייוול, שטאַרק מורא געהאַט פאַר די געלערטע, געשטאַמלט פאַר זיי און זעלטן־זעלטן ווען פאַרשריבן אין זיין טאָג־בוך דאָס, וועגן וואָס ער האָט געדענקט. ער האָט זיך אַפילו געשראָקן צו געטרויען דעם פּאַפּיר זיינע געדאַנקען, אויף אַזויפיל האָט ער זיי געהאַלטן פאַר אומגעלומפּערט.

אָבער צומאָל טרעפן זיך ביי קוקן צווישן די אַלע פאַרנאָטירונגען וועגן די ווינטן, פּראָוואַלקנטקייט, לענגען אוןברייטן און וועגן אַרומרויכערן די שיפן מיט שוועבל אומדערוואַרטע פּרעכטיקע שורות. בשעת קוק האָט זיך דערשלאָגן צו אַנטאַרקטיק, זיך דורכגעשלאָגן, ווי אַ דונער, דורכן אייז און שטורעמס, בשעת די קאָמאַנדע האָט נישט דערקענט איר שטילן קאַפּיטאַן, האָט זיך אין טאָג־בוך באַוויזן אַט אַזאַ שורה:

„די שיינקייט פון אַט די מקומות האָט אָנגעפילט מיין נשמה מיט אַנטציקונג און שרעק".

נעווסקאַיאַ האָט זיך פאַרטראַכט וועגן קוקן. וויפיל געוויקסן זענען דאָס פאַרבונדן מיט קוקס נאָמען! לאָמיר כאָטש נעמען אַט די אויסטראַלישע אַקאַציע.

נאָך די בוימוואָל־געוויקסן איז נעווסקאַיאַ פאַרבייגעגאַנגען לעבן די טונג־ביימער, וועלכע געבן אַ זעלטענעם בוימל, און איז צוגעקומען צו די געראַניעס.

זי האָט צעריבן אין דער האַנט די בלעטער, און דער שאַרפער ריח פונם געראַניע־בוימל האָט איר דערמאָנט די פאַרשלאָפענע פּראָווינץ, די זומער־טעג און בלומענטעפּ מיט געראַניע הינטער די סיצענע פאָרהענגלעך.

אין די אַלטע צייטן האָט מען די געראַניע גערופן די בלום פון די באַלעבעסלעך און בירגער. אין דער ווירקלעכקייט אָבער איז דאָס געווען די בלום פון די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, די איינציקע בלום — דער גאַסט פון די זון־לענדער, וואָס האָט באַשיינט דאָס שוידערלעכע לעבן פון דער הינטערשטאָטישער אָרעמקייט. די בלום האָט נישט טייער געקאָסט און זייער שיין געוואַקסן אַפילו אין די פאַרויכערטסטע קעלער־שטובן. דערפאַר טאַקע האָט נעווסקאַיאַ אַזוי ליב געהאַט די געראַניע.

זי האָט זיך צוגערירט צו דעם אומזיסט און אומנישט פאַרשעמטן שטרויך געראַניע. ער האָט אַרויסגעוואָרפן די הויכע פיילן פון

די שטענגעלעך מיט קיילעכדיקע פּעכעראַרטיקע רויטע בלימען. די קריפּטאָמעריעס האָבן איבער זיי אויסגעשפּרייט זייערע האָריקע צווייגן. אויף די דאָזיקע צווייגן זענען, אַזוי ווי הענגלעך פון שוואַרצע־יאַגדעס, געהאַנגען קליינע צונויפגעפּרעסטע שישקעס.

די אויבסן האָבן געשמעקט מיט רויער ערד. די טרוקענע סיגאַר־טאַבאַקן מיט זיסן שטויב. די יאַפּאַנישע רייז און דאָס אינדישע ווייץ זענען געלעגן גאַנצע בערג מיט שווערע קערנער.

נעווסקאַיאַ האָט זיך צוגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע לעבן די קאַנפער־לאָרבער־בלעטער. פון איבערגעמאַטערטקייט האָט איר אָנגעהויבן ווײ צו טון דער קאָפּ. און דער קאַנפער־ריח האָט איינגעשטילט דעם ווייטיק. זי האָט אַ טאַפּ געטון די פּרוכט פון דעם כינעזישן חלב־בוים, וועלכע זענען געווען באַדעקט מיט אַ דיקן שיכט פון שטייפן פעטס. פון דעם דאָזיקן פעטס מאַכט מען אין כינע זעלטן־גוטע ליכט און זייף.

נעווסקאַיאַ האָט געוווּסט, אַז אין קאָלכידע קאָן מען אויסהאָדעווען פופצן טויזנט טראָפּישע און סובטראָפּישע געוויקסן. די אַלע רייכטימער, וועלכע זענען דאָ אויסגעשטעלט, זענען אין אירע אויגן בלויז געווען אַן אָנצוהערעניש אויף דער צוקונפט פון דעם דאָזיקן לאַנד.

זי האָט איינגעדרימלט. אויפגעוועקט האָט איר דער ווינט. ער האָט געבלאָזן דורכן אָפענעם פענסטער, געשפּילט מיט די בלעטער, און געטריבן איבערן באַלקן „זון־העזעלעך" פון די קאַלוזשעס.

דער ווינט האָט צעפּאַטלט נעווסקאַיאַס האָר, איר אַ קיצל געטון די אויגן און אַראָפּגעבלאָזן אויף דער ערד די גראַניע־בלעטעלעך.

נעווסקאַיאַ איז אַרויס אינדרויסן. די פייכטע ברוקן האָבן געשמעקט מיט ים. בופלאַקסן האָבן געשלעפּט אַן אַרבע מיט רעטאַכלעך. זיי האָבן געקוקט אויף נעווסקאַיאַן מיט בלויע, טרויעריקע אויגן. דער פורמאַן איז געשלאָפן. פון די רעטאַכלעך האָט געטריפט וואַסער.

די גאַסן זענען געווען פוסט. בלויז איין גרישאַ איז געשטאַנען אויפן ראָג און געריכערט. ער האָט באַגריסט נעווסקאַיאַן און אויפגעהויבן די האַנט צום דאַשעק.

די זון איז לאַנגזאַם אויפגעגאַנגען.

נעווסקאַיאַ איז אַוועק אין האַפן און זיך אויסגעבאָדן ביים מאַסיוו. זעלטן האָט זיך פון איין ברעג מאָל צום אַנדערן דורכגע־

קאָלערט אַ טרויעריק געוויש, — דאָס האָט זיך פון שלאָף אָנגעקלאַפּט אין שטיין אַ כוואַליע.

דאָס וואַסער איז געווען זייער קאַלט און האָט באַלד פאַרטריבן די מידקייט. בשעת נעווסקאַיאַ האָט זיך אָנגעטון, האָט די זון אַלכסוניק פאַרגאָסן דעם האַפן, דאָס שטילע וואַסער אין די צופּאָרן און די פאַרראָסטעטע זייטן פון דער גריכישער שיף מיט דעם מאָדנעם נאָמען: „זאַמבעזאָס".

איבער דעם דעק פון דער שיף האָט זיך אויפגעהויבן אַ לייכט רויכעלע. די מאַטראָסן האָבן זיך געוואַשן, געלאַכט, געשטויסן איינער דעם אַנדערן אין דער פלייצע און געגאָסן וואַסער הינטערן קאָלנער.

אַ טשאַטע סטאַווורידקעס איז פאַרזיכטיק צוגעשווומען צו די וואַסערגעוויקסן, זיך אַ הוידע געטון לעבן זיי אין דעם דורכזיכטיקן וואַסער און מיט זילבער-שפּריצן זיך אַ וואָרף געטון אין אַלע זייטן. פון צווישן די וואַסערגעוויקסן איז אַרויסגעשפּרונגען און גענומען לויפן מיט דער זייט איבער די שטיינער אַ בייזער קראַב מיט אויסגעשטאַלפּעטע אויגן.

נעווסקאַיאַ איז געקומען אהיים און האָט אויפגעוועקט יאַלאָטשקאַן מיט טשאַפּן. מען האָט זיך שוין געדאַרפט קלייבן גיין צו דער דערעפענונג פון דער אויסשטעלונג.

די אויסשטעלונג האָט זיך געעפנט צוועלף אַזייגער בייטאָג. עס זענען זיך צונויפגעפאָרן אַ סך קאָלווירטלער פון כאַרגאַ, סופּסי, סעבאַקי און אַנאַקליי. עס זענען געקומען צופאָרן גאַבוניאַ מיט מיכאַן. עס איז אויך געקומען פאַכאָמאָוו.

די אויסשטעלונג האָט געעפנט קאַכיאַני מיט אַ רעדע.

— חברים, — האָט קאַכיאַני געזאָגט און שטרענג אַ קוק געטון אויף די פאַרזאַמלטע. — איך וויל אייך שטעלן אַ קליינינקע פראַגע: ווער פון אייך האָט געליטן אויף מאַליאַריע? איך בעט אויפהויבן די הענט. גוט! אַלע האָבן געקרענקט, בלויז אָט דער דאַזיקער ביטשאָ, דאָס קליינע יינגעלע מיטן רויטן שניפּס, האָט נישט געקרענקט אויף דער דאָזיקער אומאָנגענעמער קרענק.

וואָס איז דאָס אַזוינס מאַליאַריע? דאָס איז דלות, חברים! אונזער לאַנד איז געווען אָרעם צוליב דער מאַליאַריע, און איר ווייסט

אַליין גאַנץ גוט, וויפל אויסגעשטאָרבענע און פאַרלאָזטע דערפער עס זענען דאָ אין די זומפּן.

און קאָלכידע איז אין דערווירקלעכקייט דאָס סאַמע רייכסטע לאַנד אינם ראַטנפאַרבאַנד, דאָס סאַמע וואַרעמסטע, פּרוכטבאַרע און זוניקע לאַנד, ווי עס האָבן זיך אויסגעדריקט אַזעלכע פּאָעטן, ווי שאָטאַ רוסטאַוועלי און אַלעקסאַנדער פּושקין.

דאָס דאָזיקע לאַנד איז אָבער פאַרטרונקען מיט זומפּן. מיר וועלן זיי אויסטריקענען און דאָ שאַפן אַ טראָפּישן ראַיאָן. אויף דער דאָזיקער אויסשטעלונג וועט איר זען דאָס אַלץ, וואָס וועט לויטן ערשטן פּלאַן וואַקסן דאָ אין קאָלכידע.

דאָס גרעסטע פאַרברעכן וואָלט געווען, ווען מען זאָל אויף דער דאָזיקער גאָלדענער ערד, — איך אַנטשולדיק מיך פאַר דעם דאָזיקן פאַרגלייך, — פאַרזייען אַזעלכע גראָבע זאַכן, ווי קוקורוזע און פּראָסע. דאָס האָט איר געזייט אייער גאַנץ לעבן, און איצט וועט איר פלאַנצן טיי, מאַנדאַרינקעס, ראַמי און ציטרינען. דער ברעג־ים פון אַנאַקלי ביז קאָבולעט וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גאַנצן פּאַס פון קוראָרטן.

אָבער נישט אין דעם אַליין שטעקט די ווערט פון אונזער מי און אַרבעט, וואָס מיר טריקענען אויס די זומפּן און שאַפן אַ נייעם באָדן, וואָס מיר ראַטן אויס ביזן וואָרצל די אַלטע זומפּיקע געוויקסן — די אָלשענע — און פלאַנצן גאָר נייע געוויקסן. נישט אין דעם אַליין איז דער זינען פון אונזער אַרבעט, חברים. ער איז נאָך אין דעם, וואָס מיר שאַפן אַ נייעם, געזונטן דור.

איר האָט געקאָנט אַרבעטן נישט מער פון פיר שעה אין טאָג. די מאַליאַריע האָט אייך אויסגעקוועטשט, ווי אַ שמאַטע, איר האָט זיך געוואַלגערט אין הייזער, געמאַכט פון ברעטער, געקרעכצט און נישט געקענט אַ ריר טון מיט אַ פוס. דאָס האָט געדויערט יאָרהונדערטן, חברים. אָבער דאָס וועט שוין מער נישט זיין. מיר וועלן פאַרטיליקן אָט די קרענק און אונזערע קינדער וועלן זיין רויט, ווי די עפּעלעך.

קאַביאַני האָט זיך געפּאַקט ביי אָט דער פּאָטישער מעטאַפאָרע און איז רויט געוואָרן.

— מיר שאַפן אַ ראַיאָן פון פייכטע סובטראָפּיקעס. מיר שאַפן אַ נייע נאַטור, וואָס פּאַסט פאַר דער סאָציאַליסטישער עפּאָכע. געדענקט אָבער, חברים, אַז די נאַטור קאָן נישט בלייבן אָן דער באַשטענדיקער

און וואַכזאַמער אויפזיכט פון אַ פאַרשטאַנדהאַפטיקן מענטשן. היט די נייע נאַטור, אַנישט וועט זי ווידער ווילד ווערן.

די געשיכטע פון דער ערד האָט אונז געגעבן זייער אַ סך ביי־שפּילן, ווען די נאַטור איז צעדרויבלט געוואָרן אין יענע פאַלן, ווען דער מענטש האָט זי אַרויסגעלאָזט פון זיינע הענט. לאָזט דעם דאָזיקן בוים — דעם פייגנבוים — וואָס גיט גרויסע זאַפטיקע פּירות, לאָזט אים איבער אויף אייגענעם באַראַט, און אין צען יאָר אַרום וועט ער דעגענערירן. זיינע פּירות וועלן דעמאָלט זיין נישט גרעסער פון אַ נוס, און וועלן קיין שום טעם נישט האָבן. איר אַלע ווייסט גאַנץ גוט דעם חילוק צווישן ווילדע און קולטורעלע וויינטרויבן, צווישן ווילדע און קולטורעלע עפּל. דאָס איז אַן אַלף־בית אמת, אָבער אייני־קע...—קאַכיאַני האָט אַ קוק געטון אויף וואַנאָ אַכמעטעלי,—האָבן זייער לאַנג אין דעם נישט געוואָלט גלויבן.

די מוזיקער האָבן אַ קלאַפּ געטון איבער די סטרונעס. קאָרקיאַ האָט אַ טאָרקע געטון סאַסאָן אין פּלייצע.

דאָס יינגעלע איז אַרויסגעטרעטן. ער איז רויט געוואָרן, ווי אַ פּאָמידאָר און געזאָגט עטלעכע ווערטער אויף גרוזיניש. ער האָט געזאָגט, אַז די מינגרעלישע קינדער וועלן אָפּהיטן די נייע וועלדער און די ביימער, און העלפן די אינזשינערן צו בויען דאָס גליק־לעכע לאַנד.

דעם יינגעלע האָט מען לאַנג אַפּלאָדירט. דער אָרקעסטער האָט ווידער געשפּילט אַ טוש און כריסטאָפאָרידי, וועלכער האָט זיך באַ־האַלטן הינטער די פּלייצעס פון די קאָלווירטלער, איז שיער נישט פאַרברענט געוואָרן פון קנאה.

דערנאָך האָבן גערעדט פּאַכאָמאָוו און נעווסקאַיאַ. כריסטאָפאָרידי האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. צום סוף איז אַרויסגעטרעטן דער אַלטער אַרטעם קאָרקיאַ. דער עולם האָט זיך גענומען שטופּן. קאָרקיאַ האָט זיך פאַרנויגט פאַר קאַכיאַנין, אויפגעעפנט דאָס מויל, אַ קלער געטון און געזאָגט:

— מאַדלאָבעלי, קאַצאָ!*)

ער האָט ווידער אויפגעעפנט דאָס מויל, געשוויגן אַ ווילע, אַ הוסט געטון און אויסגעשטרעקט קאַכיאַנין זיין יאַמשענעם שטעקן.

*) אַ דאַנק דיר, פריינט.

ער האָט שטאָלצירט מיט דעם דאָזיקן שטעקן. ער האָט אים אויסגעשניטן, ווען ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר. דער שטעקן איז געווען שטאַרקער פון אַן אייזערנעם. זאָל קאַכיאַני מיט אים גיין ביזן סוף פון זיין לעבן, זאָל קאַכיאַני לעבן נאָך הונדערט יאָר.

קאַכיאַני האָט גענומען דעם שטעקן און זיך צעקושט מיט דעם אַלטן. דער אָרקעסטער האָט אויפגעשפּילט אַ פריילעכן מאַרש און אַלע זענען אַוועק באַקוקן די אויסשטעלונג.

אין אָוונט האָט אין דוכאַן אַרטעם קאַרקיאַ דערציילט בעטשאַן און גוליאַן, וואָס פאַרא גלענצנדיקע רעדע ער האָט דאָס געהאַלטן אינדערפרי ביי דער דערעפענונג פון דער אויסשטעלונג.

— איך בין אַרויסגעטרעטן פאַר אַלע און האָב אַזוי געזאָגט: „מיין גאַנץ לעבן האָב איך אָפּגעלעבט אין כאַרגאַ און אַלע יאָר האָט דאָס וואַסער אָפּגעשווענקט מיינע פעלדער. צוויי מאָל בין איך שיער נישט דערטרונקען געוואָרן אין די זומפּן און האָב בלויז געגעסן קעז. דער פיבער האָט אויסגעטרוקנט מיין לייב און אָפּגעצויגן די הויט — מיינע דריי זין זענען געשטאָרבן פון מאַליאַריע". אַזוי האָב איך זיי געזאָגט. — „אַ דאַנק אייך, — האָב איך געזאָגט, — פון די אַלטע לייט! אַ דאַנק — פאַר די אייניקלעך און אוראייניקלעך! די ראַטנמאַכט און אונזער ליבער פירער גיבן אויס אַזויפיל געלט, כדי מיר זאָלן קאָנען גוט לעבן. און ס'אַרא געלט, קאַצאָ! וויפל קאָסטן דאָס אָפּ די מאַשינען, די אינזשינערן, די אַרבעטער! און דער מענטשלעכער שכל האָט אויך עפּעס די ווערט". אַזוי האָב איך צו זיי גערעדט אויף דער אויסשטעלונג".

„אָט נעמט מיין אייניקל, — האָב איך געזאָגט, — ער איז קלוגער פון זיין זיידן. אַ נייע צייט גאַלאָפּירט, אַזוי ווי אַ רייטער אויף אַ פריילעך פערד, און מיר אַלטע לייט, כאָטש מיר שטייען אָפּ, דאַך איילן מיר זיך נאָך זיי. ווייל דער רייטער גאַלאָפּירט איבער אַ ריכטיקן וועג, און מיר קאָנען שוין נישט פאַרבלאָנדזשעט ווערן". אָט אַזוי האָב איך געזאָגט, קאַצאָ. אַלע האָבן געפּליעסקעט מיט די הענט, און אַפילו די מוזיק האָט אויפגעשפּילט אַ רויש.

— אַ טוש, — האָט זיך בעטשאַ אָנגערופן. ער האָט געוווּסט, אַז דער אַלטער האָט ביי דער דערעפענונג פון דער אויסשטעלונג

נישט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט, אָבער פון איידלקייט האָט ער וועגן דעם גאָרנישט גערעדט.

— נו, יאָ, אַ טוש, — האָט קאָרקיאַ מספּים געווען. — איצט זענען שוין נישטאָ קיין רייכע און קיין מענשעוויקעס, די יעניקע, וואָס האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד אין סענאַקי, און מענטשן דאַרפן זיין פריינדלעך איינער צום אַנדערן. אָט וואָס איך האָב צו אַלעמען גערעדט, קאַצאָ.

גוליאַ האָט געגלויבט און זיך געחידושט. ער האָט זיך געשעמט צו קומען אויף דער דערעפענונג און איצט האָט דאָס אים באַנג געטון.

— אין פינף טעג אַרום, — האָט ער זיך אָנגערופן, — וועט גאַבוניאַ עפענען דעם הויפּט-קאַנאַל און דאָס וואַסער פון די בערג און פון די וועלדער וועט אַריינפאַלן אין דעם טייך כאָפּי און פון דאָרטן אין ים אַריין. גאַבוניאַ האָט מיר געהייסן דיך אויפזוכן, בעטשאָ, און דיר זאָגן, דו זאָלסט קומען צו פאָרן אויפן קאַנאַל.

— נאָך וואָס?

— דו וועסט באַפּוצן די הייזער און אויסמאָלן אויף דער אַרקע גאָלדענע ווערטער.

— האָ! — בעטשאָ האָט אַ שמייכל געטון. — מיר וועלן מאַכן אַזאַ יום-טוב, וואָס קיין איינער פון די פּירשטן דאַדיאַני האָט נאָך נישט געזען.

— און צו דיר האָב איך אויך אַ סוד, דו אַלטער פּלוידער-זאַק. — גוליאַ האָט אַ קלאַפּ געטון אַרטעם קאָרקיאַן איבער דער פּלייצע. — אַ דעליקאַטן סוד. מיר וועלן היינט מיט דיר פאָרן אויפן קאַנאַל, און מאָרגן וועלן מיר אַוועקגיין אין די זומפּן, און דו וועסט מיר העלפן דורכפירן אַ גרויסע זאַך פון גאַבוניאַס וועגן.

— וואָס פאַרא זאַך, קאַצאָ?

— שווייג. דאָס איז פּאָליטיק. מען דאַרף דאָ שווייגן.

קאָרקיאַ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. כאָטש ער איז שוין אַלט, דאָך, זאָל זיין, ער וועט צום לעצטן מאָל גיין אין די זומפּן. צוליב גאַבוניאַן, דעם זון פון דעם מאַשיניסט פון סאַמטרעדי, איז כדאַי צו גיין אין די זומפּן. און צוליב פּאָליטיק אויך.

די פּאַזיאַנער פּרוי

אַרטעם קאַרקיאַ איז געווען אויף אַזױפיל דערשלאָגן פון גוליאַס געהיימניספולן אויסזען, אַז ער האָט דעם גאַנצן וועג געשוויגן.

דעם גאַנצן טאָג איז געווען אַ סך אַרבעט. פון אינדערפרי האָט ער מיט גוליאַן אָנגעלאָדן אויף צוויי בופלאָקסן העק, לאָפּעטעס, מאַטן און שטריק, און זיי זענען אַוועק אין דער דזשונגל.

די בופלאָקסן זענען געגאַנגען אָן חשק, די גאַנצע צייט האָבן זיי זיך געריסן און זיך געוואָלט לעגן אין זומפּ. גוליאַ האָט זיי די גאַנצע צייט אַזוי שטאַרק געשמיסן איבער די גרוי־בלויע זייטן, אַז אין די וועלדער האָט אָפּגעקלונגען אַן עכאָ, און אויף דער ערד האָבן אָנגעהויבן וויינען און לאַכן די איבערגעשראָקענע שאַקאַלן.

מיטאָג־צייט זענען די יעגערס צוגעקומען צו די רויִנען פון דער רוימישער פעסטונג.

גוליאַ האָט באַמערקט, אַז די וועלדער האָבן זיך אַזוי ווי געענדערט. די בלעטער זענען טרויעריק אַראָפּגעהאָנגען ביז צו דער ערד, זיי זענען געווען גרוי און טויט. איבער זיי האָט זיך, אין דער דושנעקייט און דאַמף, געקאַטשעט די צעגליטע זון.

אויף די רויִנען פון דער פעסטונג האָבן זיי זיך צוגעזעצט אונטערצולעגנען דאָס האַרץ. קייענדיק דעם קעז, האָט זיך גוליאַ אָנגערופן:

— אין די אַלטע צייטן איז דאָ געווען אַ פעסטונג, אַרטעם. און אין דער פעסטונג איז געשטאַנען אַ דענקמאָל. ער איז דאָ פאַרבליבן, עס האָט אים פאַרטרונקען דער זומפּ. ער האָט די ווערט אַ סך געלט, קאַצאַ.

קאַרקיאַ האָט זיך באַצויגן צו גוליאַס ווערטער מיט דעם גרעסטן גלייכגילט.

דערנאָך האָבן זיי אויסגעהאַקט צוויי נישט הויכע ביימער, זיי אַרומגעטעסעט מיט די העק און זיי האָבן באַקומען אַן אויסזען כמעט פון שליטן. גוליאַ האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן פרישע בלעטער, איינגעשפּאַנט די בופלאָקסן און די גאַנצע איינריכטונג אַוועקגעפירט צו דעם זומפּ, וווּ עס איז געלעגן אָנגעוואַלגערט אַ באַרג טרוקענע צווייגן.

— וואָס וועלן מיר דאָ טון? — האָט קאַרקיאַ געפרעגט.

— מיר וועלן אויסגראָבן דעם דענקמאָל און אים ברענגען אַ מתנה גאַבוניאַן. ער האָט זייער ליב דענקמעלער, קאַצאַ.

קאַרקיאַן איז דער ענין שטאַרק געפעלן געוואָרן, זיי האָבן צע־שאַרט דעם באַרג טרוקענע צווייגן און דערזען אַ דינע פרויען־האַנט פון ראָזן מירמלשטיין. אויף דער האַנט האָט געפעלט אַ פינגער.

— אַ טשיקאַלקע האָט דאָס אָפּגעגריזעט, אָט אַ פאַרשאָלטענע חיה! — קאַרקיאַ האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. ער האָט אַלץ זיך נאָך נישט אויפגעהערט צו וווּנדערן.

זיי האָבן פאָרזיכטיק אָנגעהויבן אויפצוגראָבן די סטאַטוע. עס האָט זיך באַוויזן דער קאָפּ, דערנאָך די ברוסט, און אין אַ שעה אַרום איז אין אַ טיפן גרוב, וואָס איז אויף דער העלפט געווען פאַר־גאָסן מיט וואַסער, געשטאַנען אַ מירמלשטיינערנע פרוי מיט אַ שמייכלענדיק געזיכט. אירע היפטן זענען געווען אַרומגעהילט מיט אַ דינעם שטיינערנעם געוועב.

קאַרקיאַ האָט די גאַנצע צייט געגראָבן, געשפּיגן אויף די דלאָ־ניעס, געסאָפּעט און קיין איין מאָל נישט אַ קוק געטון אויף דער סטאַטוע, ביז די אַרבעט איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן. דעמאָלט האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און איז אָפּגעשפּרונגען. ער איז אַרויסגע־קראָכן פונם גרוב, אָפּגעטרעטן אַ פּאָר טריט און אויסגעשריען:

— דו ביסט אַ נידערטרעכטיקער ליגנער! ווו־זשע האָסטו דאָ פּאָליטיק? דאָס איז דאָך אַ שטיינערנע, נאַקעטע פרוי.

— איך אַנטשולדיק זיך פאַר אַן אַלטן מאַן, — האָט גוליאַ מיט חוזק געענטפערט. — איך אַנטשולדיק זיך זייער פאַר דיר, קאַצאַ. דו ביסט דאָך אַ חכם, ווי קומט עס, זאָלסט זיין אַזאַ נאַר. דער דאָזיקער דענקמאָל האָט די ווערט אַ סך געלט. מיר וועלן אים אַוועקשענקען גאַבוניאַן. און דערנאָך, קאָן זיין, וועט מען אים פאַרקויפן קיין אויס־לאַנד, און פאַר דעם דאָזיקן געלט וועט מען עפּעס קויפן, וואָס מיר האָבן נישט. איך בין אויך קיין נאַר נישט, אַרטעם. גיב אַהער די מאַטן און די שטריק!

קאַרקיאַ האָט מיט אַ פאַרזויערטער מינע געבראַכט די מאַטן. גוליאַ האָט אָנגענומען וואַסער און עטלעכע מאָל אָפּגעגאָסן די סטאַ־טוע. דורך דעם גרינעם שליים איז אַרויסגעטראָטן די לעבעדיקע וואַ־רעמקייט פון דעם אַלטן מירמלשטיין.

גוליאַ האָט אַרומגעוויקלט די סטאַטוע מיט די מאַטן, זי אַרומ־

געלעגט מיט אָפּגעהאַקטע צווייגן און אַרומגעבונדן מיט שטריק. דער-נאָך האָבן זיי מיט דער הילף פון בופלאַקסן אַרויסגעשלעפּט די סטאַטוע און זי אַרויפגעלעגט אויפן שליטן.

צוריקוועגס זענען זיי געגאַנגען פּאַמעלעך. די בופלאַקסן האָבן זיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט. גוליאַ האָט זיך די גאַנצע צייט געאַמ-פּערט מיט קאָרקיאַן וועגן זייער קאָמפּליצירטע און ווייניק פאַרשטענד-לעכע ענינים — וועגן קולטור און דענקמעלער.

ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט געבן צו פאַרשטיין דעם אַלטן זיין אומקלאָרע פאַרשטעלונג, זיין געפיל, וואָס האָט אים באַהערשט, ווען ער האָט באַשלאָסן צו ברענגען די סטאַטוע. עס וואָלט אים זייער באַנג געטון, ווען מען וואָלט די סטאַטוע פאַרקויפט קיין אויסלאַנד. אויפן קאַנאַל איז יום-טוב. אין גאַנץ קאַלכידע איז יום-טוב. און גוליאַ האָט גערעכנט, אַז די דאָזיקע סטאַטוע וועט באַשיינען דעם יום-טוב, אַלס אומדערוואַרטע מתנה, וואָס איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון די זומפּן.

אויפן קאַנאַל זענען גוליאַ און אַרטעם צוריקגעקומען ביינאַכט. אין גאַבוניאַס צימער איז נאָך געווען ליכטיק. גוליאַ האָט שטיל אָנ-געקלאַפּט אין פענסטער. גאַבוניאַ איז אַרויסגעגאַנגען.

— נעם אַ לאַמטערן, — האָט גוליאַ אַ שעפּטשע געטון. — קום! איך וועל דיר ווייזן אַן אינטערעסאַנטע זאַך. איך האָב זי געפונען אין זומפּ.

גאַבוניאַ האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט מיט אומצוטרוי אַ קוק געטון אויף גוליאַן, גענומען אַ לאַמטערן און זיך געלאָזט גיין נאָך דעם געוועזענעם יעגער.

אין וועלדל, לעבן דעם לעצטן באַראַק, האָבן געשמאַק געמאַלע-גיירעט און געזיפּצט די בופלאַקסן. לעבן זיי איז געשטאַנען קאָרקיאַ. ער איז געווען בלייך. ער האָט מורא געהאַט, אַז גאַבוניאַ וועט אָנ-שרייען אויף זיי, אָדער, נאָך ערגער, זיי פּשוט אויסלאַכן, די צוויי אַלטע נאַראָנים.

גאַבוניאַ איז צוגעגאַנגען.

— לייכט צו! — האָט זיך גוליאַ אָנגערופן.

גאַבוניאַ האָט אָנגעצונדן דאָס ליכטיקע עלעקטרישע לאַמטערנדל. אין דעם זילבערנעם שיין איז אויף אַן אויסשפּרייטעכץ פון שוואַרצע בלעטער געלעגן אַ מירמלשטיינערנע סטאַטוע מיט אַ שמייכלענדיק געזיכט. קאָרקיאַ האָט אַ קוק געטון אויף גאַבוניאַן, און איז געוואָרן אַ טויטער.

דער אינזשיניער האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויף דער סטאַטוע און זיך אַפילו אַביסל אַנגעכמורעט. זיין געזיכט איז בלייך געוואָרן מיט עפּעס אַ באַזונדערער פייערלעכער בלאַסקייט. ער האָט לאַנג געשוויגן.

— ווו האָט איר דאָס געפונען? — האָט ער געפרעגט.

— ביי די רויִנען פון דער אַלטער פעסטונג, קאַצאַ, — האָט גוליאַ אַ מורמל געטון. — דאָס איז פאַר דיר. דו האָסט ליב דענקמעלער.

גאַבוניאַ איז צוגעגאַנגען צו גוליאַן און אים אָנגענומען ביי די אַקסלען.

— אַ דאַנק דיר, פריינט, — האָט ער שטיל אַ זאָג געטון. — דו האָסט פאַרשטאַנען דאָס, וואָס עס פאַרשטייען נישט אַפילו די קלִיגסטע מענטשן. אַלדאָס פיינע און גוטע, וואָס עס איז געבליבן פון די אַמאָליקע צייטן, וועלן מיר צונויפזאַמלען, און אונזערע רייכטימער וועלן זיין גרעסער פון אַלע רייכטימער, פון וועלכע די מענטשהייט האָט אַמאָל געוווסט. מיר זענען זייער גליקלעך, חבר, אויב נישט דו, וועלן עס דיינע קינדער פאַרשטיין. אַ דאַנק, גוליאַ! אַזאַ וווּנדערשיינע זאַך טאָר נישט געהערן צו איין מענטשן. זי דאַרף געהערן צו אונז אַלעמען.

גאַבוניאַ האָט געהייסן צוריק איינוויקלען די סטאַטוע אין די מאַטן און זי אַריינטראָגן צו זיך אין צימער — אַריינגעטראָגן זי האָבן זיי זאַלבעדריט. דערנאָך זענען גוליאַ און קאָרקיאַ אַוועקגעגאַנגען אין באַראַק. זיי זענען געווען שטאַרק אויפגעלייגט.

גאַבוניאַ האָט לאַנג געמישט די אַלטע ביכער. ביי אַריאַנען האָט ער געפונען איין שטעלע און זי אונטערגעשטראָכן מיט אַ בלייפעדער. דאָרטן איז געשטאַנען:

„אויפן טייך פונם פאַזיס, אויף דעם לינקן ברעג, האָב איך אויפגעשטעלט אַ סטאַטוע פון דער וווּנדערשענסטער פרוי, די פאַזיאַנערין."

אַפנים, אַז גוליאַ האָט געפונען די דאָזיקע סטאַטוע.

דער פראַנצויזישער רייזנדער דיובואַ דע מאָנפערע, איינער פון די געצײלטע אייראָפּייער, וועלכער האָט באַזוכט די רויִנען פון דער פעסטונג, האָט פעסטגעשטעלט, אַז די דאָזיקע פעסטונג איז געבויט געוואָרן הונדערט יאָר פאַר אונזער ערע. הייסט עס, אַז די סטאַטוע איז אַלט צוויי טויזנט יאָר.

גאַבוניאַ האָט אויפגעהויבן די מאַטע און אַ קוק געטון אויפן געז;יכט פון דער סטאַטוע. צוויי טויזנט יאָר זענען אריבער איבער איר

ריינעם שטערן און דינע ברעמען, איבער דעם שמייכל, וואָס איז פול מיט יענער ליבע צום מענטשן, וועגן וועלכער קאַרקיאַ האָט גערעדט אינם דוכאַן. צוויי טויזנט יאָר האָבן באַדעקט מיט דינע שפּאַלטן דעם ראָזן מירמלשטיין.

גאַנץ פרי האָט גאַבוניאַ אויפגעעפנט דאָס פענסטער. איבער די שפּיצן פון דיביימער זענען געפלויגן געצייילטע פייגל. די בלעטער האָבן געפלאַטערט פונם פרימאָרגן-ווינט. די זון האָט נידעריק געגלאַנצט אין די וועלדער, אַזוי ווי אַ ריזיקער דימענט.

דאָס אַלץ האָט אָנגעפילט דאָס צימער מיט שנעלע אָפּשיינען און שאָטנס. די שיין איז איבערגעלאָפן איבערן געזיכט פון דער סטאַטוע, דער ווינט האָט געבלאָזן אויף אירע שמייכלענדיקע ליפּן, און גאַבוניאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז פאַר אים שטייט אַ ווערק פון אַן אומבאַוווּסטן געניאַלן סקולפּטאָר.

די רויטע פאַנען אויף די הויכע מאַסטן ביים אַריינגאַנג צום קאַנאַל האָבן געפלאַטערט און זיך געריסן צו די בערג. עס האָט גע-בלאָזן אַ מערבדיקער מוסאָן, און די לופט פון דעם לאַנד, וואָס ליגט ביים ים, האָט אָנגעפילט די לונגען מיט יוגנט-קראַפט.

גאַבוניאַ האָט אַ קוק געטון אויף דער סטאַטוע און אַ טראַכט געטון, אַז דער פאַרגעסענער מייסטער האָט מיט צוויי טויזנט יאָר פאַר אונזער עפּאָכע, אין איר פאַרקערפּערט די צוקונפט פון קאַלכידע.

פייערווערק אין די וועלדער

פון וואָס פאַראַ קלייניקייטן עס קאָן זיך אַמאָל נעמען אַ פריי-לעכע שטימונג! פון אַ ווינט, וואָס האָט איבערגעקערט אַ גלאָז מיט בלעטער אויפן טיש, פון אַ שטיקל מאַראַנצן-שאָלעכץ, וואָס הוידעט זיך אויף די ים-כוואַליעס, פון דעם סקריפּען פונם זשוויר, פון אַ באַ-קאַנט קול הינטערן פענסטער, און אַפילו פונם הימל, וואָס שטייט, ווי אַ בלויע וואַנט איבער דעם איינגעשטילטן ים.

אַזוי האָט נעווסקאַיאַ געקלערט אין דעם דאָזיקן פרימאָרגן, אָבער טשאָפּ האָט מיט איר נישט מסכים געווען.

מאַראַנצן-שאָלעכץ אויפן וואַסער — דאָס איז אומאָרדענונג. די חוצפּהדיקע קאָקיס פון די גריכישע דאַמפּערס האָבן שוין ווידער זיך פאַרגעסן און וואַרפן פון שיף דאָס מיסט אין ים אַריין.

דאָס וואַסער פון דער גלאָז האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער צייטונג און עס איז צעפלאָסן געוואָרן דעם אַמעריקאַנישן פליער לינדבערגס בילד. ס'איז אויך נישט קיין ענין.

דער זשוויר סקריפּעט אַזוי ווי נייע לעדער, און דאָס ווירקט שלעכט אויף נערוועזע מענטשן.

דאָס קול הינטערן פענסטער קאָן זיין פון פאַרשידענע מענטשן. ביי דעם געלן לאַצמאַן מיט דער צונעמעניש „אַנטאָני-פּייער" איז דאָס קול אַ באַקאַנטס, אָבער הערן דאָס הינטערן פענסטער איז גאָר-נישט אַזוי אינטערעסאַנט. דער לאַצמאַן איז אַ שטשעפּעלאַווער און זאָגט: „מען מוזש וואָש גיכער פאַרלאָזשן דעם האַפן!"

און דער הימל — דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. דער הימל איז נישט קיין קלייניקייט. דער הימל—דאָס איז שוין אַן ענין!

אָבער אין דעם פרימאָרגן האָט זיך נעווסקאַיאַ נישט געשפּאַרט מיט טשאָפּן. אַפילו זיין וואָרטשען האָט איר פאַרשאַפט פרייד. באַזונדערס האָט זי זיך דערפרייט, ווען זי האָט לעבן הויז דערהערט די סירענע פון דעם אויטאָמאָביל. דער אויטאָ איז געקומען זיי אָפּפירן קיין טשאַלאַדידע, אויפן יום-טוב פון דער קאַנאַל-דערעפענונג.

טשאָפּ איז געווען אָנגעטון אין ווייסן. דאָס גאָלד האָט גע-גלאַנצט אויף זיינע אוניפאָרם-אָפּצייכענונגען און די ביז בלויקייט שטאַרק אויסגעראַזירטע באַקן האָבן אונטערגעשטראָכן די זיכטיקייט פון זיינע גרויע אויגן.

טשאָפּ האָט אָוועקגעזעצט יאַלאָטשקאַן לעבן שאָפער. כריסטאָפאָ-רידי האָט זיך געשטעלט אויפן טרעפּל. פונם אָנהויב ביזן סוף פון דעם יום-טוב איז דער שמייכל נישט אַראָפּ פון זיין געזיכט, און צו-מאָרגנס האָט ער בשום-אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס עס טוט אים וויי די הויט אויף די באַקן.

נעווסקאַיאַ האָט זיך פאַרזאַמט און איז אַרויסגעגאַנגען, ווען אַלע זענען שוין געזעסן אין אויטאָ. דער קאַפּיטאַן האָט דערזען אַ גרינעם גלאַנץ אין די ריינע קאַלוזשעס, וואָס זענען פאַרבליבן פון דעם ביי-נאַכטיקן רעגן. אין זיי האָט געגלאַנצט און זיך איבערגעגאָסן מיט אַלע ניואַנסן פון אַ ים-כוואַליע נעווסקאַיאַס זיידן קלייד.

זי איז געגאַנגען צו דעם אויטאָ אינגאַנצן אין ווינט און אין שאָרך, און דער קאַפּיטאַן האָט געזען, ווי אַ זונען-שטראַל האָט ביזן דעק באַלויכטן אירע שמייכלענדיקע שוואַרצאַפּלען.

טשאָפּ האָט געהאָלפן נעוווסקאַיאַן אַריינשטייגן אין דעם אויטאָ, וואָס ער האָט ביזאַהער קיינמאָל נישט געטון. ער האָט דערפילט איר הייסע, שטאַרקע האַנט און אָפּגעזיפצט. עך, דאָס מאַטראָסן-לעבן, דער רוח זאָל דאָס נעמען!

דעקן, שטורוואַלן, טריומעס, בונקערס, אַוואַריעס — ארום דעם אַלעמען איז דאָס לעבן אַוועק. אין דער זייט זענען געבליבן אָט די שמייכלענדיקע, וווּנדערשיינע פרויען. און נישט אַבי ווער, וועלכע נישט איז בורזשואַזע פרויען אין געשטרייפטע פּיזשאַמעס און מיט רויטע, אָפּגעלאַקירטע נעגל, נאָר אייגענע פרויען, היימישע, וועלכע האָבן געקענט זיך שלאָגן אויף די פראָנטן, אַרבעטן, מקריב זיין זייער לעבן פאַר דער צוקונפט.

עך, דאָס מאַטראָסן-לעבן, דער רוח זאָל דאָס נעמען!

„פאַרשלאָפן, — האָט טשאָפּ אַ טראַכט געטון און זיך אָנגעכמורעט. — די יונגע האָבן דיך, דעם אַלטן טייוול, אַריבערגעיאָגט".

זיי זענען אַריינגעפאָרן אין דער סובטראָפּישער סטאַציע און דאָרט אָנגעשניטן אַ סך בלומען.

דער ווינט האָט אַלעמאָל געפּאַטשט מיט נעוווסקאַיאַס גרינעם שאַרף דעם קאַפּיטאַן אין געזיכט. טשאָפּ האָט לייכט אויפגעשווידערט פון די לייכטע קלעפּ, ווי פון דער באַרירונג פון אַ ליבער האַנט.

נעוווסקאַיאַ האָט דעם גאַנצן וועג געלאַכט. עס האָט איר געפרייט די אויפפירונג פון די דאָרפס הינט.

דערזעענדיק פונדערווייטנס דעם אויטאָ, זענען זיי פויל אַרויס אויפן מיטן גאַס. אויף זייערע מאָרדעס איז געווען אויסגעגאָסן אַן אומגעוויינטלעכער אומעט און גלייכגילט צו אַלץ אויף דער וועלט. אייניקע האָבן אַפילו געגענעצט, זיך צוגעזעצט און אויסגעקראַצט די פליי. אָבער ווי נאָר דער אויטאָ האָט זיך אויסגעגלייכט מיט איינעם פון אָט די הינט, איז ער מיטאַמאָל אַריין אין אַ ווילדער רציחה און געפּענדעט נאָך דעם ראָד פונם אויטאָ מיט אַ ריטשעריי און שרעקלעכער בילעריי. באַגלייט דעם אויטאָ ביז די גרענעצן פון זיינע גיטער, האָט זיך דער הונט באַלד באַרויִקט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַסקע פון רציחה, און, אונטערהינקענדיק, צוריק געלאָפן אַהיים מיט דעם זעלבן אויסדרוק פון אומעט אויף זיין מאָרדע.

דאָס שנעלע לויפן פון דעם אויטאָ האָט געשליידערט אין געזיכט אַריין גאַנצע הויפנס מיט זון-פלעקן, וועלכע זענען אַרומגעשפּרונגען

צווישן די בלעטער, ווייסן שטויב, ווינט, בילעריי פון הינט, גע־שרייען פון קינדער און דאָס פּאַרדומפּענע רוישן פונם מאָטאָר.

היינט האָט דער באַראָמעטער אין גאַבוניאַס צימער געוויזן אויף „לויטער".

פון גאַנץ פרי זענען גאַבוניאַ מיט מיכאַן געווען שטאַרק אויפ־געגרעגט. מיכאַ האָט אַלע ווײַלע אַ קוק געטון אויפן הימל, צי מען זעט נישט קיין וואָלקן. קיין וואָלקנס זענען נישט געווען. דער העל־בלויער טאָג האָט זיך אָן אַ ווינטל אויפגעהויבן אין דער העלבלויער שטילקייט איבער דער ערד. מען האָט געהערט דאָס ווייטע קלאַפּן פון העק: די טעסלערס האָבן אין וואַלד, אויפן ברעג פונם קאַנאַל געמאַכט אַ לאַנגן טיש און בענק.

די אַרבעטער־מינגרעלן האָבן זיך ראַזירט אין די באַראַקן. בע־טשאָ און גוליאַ האָבן איבערגעצויגן איבער דעם קאַנאַל אַן אומגע־הייער ריזיקן פּלאַקאַט מיט אַן אויפשריפט „סאָוועטישע פּלאָרידע". סיאָמאַ האָט אָנגעשטאָפּט פּאַפּירענע הילזן מיט אַ געהיימניספולן פּראָ־שעק. פון גאַנץ פרי אָן האָט ער געפּייפט און געהוסטלט — דאָס איז געווען אַ סימן, אַז ער איז זייער גוט אויפגעלייגט.

די געסט האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפצופאָרן פאַרמיטאָג. די ערשטע זענען געקומען קאַכיאַני, פּאַכאָמאָוו און וואַנאָ אַכמעטעלי, דערנאָך טשאָפּ און נעוואָסקאַיאַ. גרישאַ איז געקומען מיטן גאַנצן מיליציע־אָרקעסטער.

אין דעם וואַסער פונם קאַנאַל האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די רויטע פאָנען. די ליאַנעס זענען אַראָפּגעהאָנגען פון דיביימער איבער דעם טיש, וואָס איז געווען געגרייט אויף הונדערט פּערזאָן.

דער אַלטער באַלעבאָס פון דעם דוכאַן „וועסט געפינען וואָס צוצובייסן" האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן, וואָס אויף דעם טיש האָבן נישט געקלעקט קיין טישטעכער. דער טשאַד פונם פעטן שאָפּן־פלייש, וואָס האָט זיך געפּרעגלט אויף דער פעלד־קיך, האָט זיך געהויבן צום הימל און זיך צונויפגעמישט מיטן ריח פון לאַוואַש און ליליע־קאָלירנדיקן ווײַן „איזאַבעלאַ".

דורכן קאַנאַל איז איבער דעם סאַמע וואַסער געווען דורכגעצויגן אַ דינע רויטע לענטע.

קאַכיאַני און גאַבוניאַ און דער סאַמע עלטסטער מענטש אויפן קאַ־נאַל — אַרטעם קאָרקיאַ — האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אינם מאָטאָר־קאַטער.

סיאָמאַ, אַן אויסגעגאָלטער און אַ יום-טובדיקער, איז געשטאַנען בײַם רודער און צוגעהאַלטן דעם קאַטער מיט אַ האָקן. ער איז געשטאַנען אויסגעצויגן, ווי אַ סטרונע, ווי עס איז אָנגעקומען צו שטיין בײַ די פּאַראַד-טרעפֿלעך אין דעם קריגספֿלאָט. סיאָמאַ האָט אויך געהאַלטן פֿון אָרדענונג און זיך דערמאָנט אין דער אַלטער דיסציפּלין בשעת זײַן שיף-דינסט.

די אַרבעטער האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אויפֿן ברעג.

קאַכיאַני האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. סיאָמאַ האָט געלאָזט דעם מאָטאָר.

די גאַנצע אויפֿגאַבע איז באַשטאַנען דערין, וואָס מען האָט געדאַרפֿט מיט דער נאָז פֿונם קאַטער איבערשניידן די רויטע לענטע. דאָס איז גאָרנישט געווען אַזוי לײַכט. סיאָמאַ האָט צוגעזשמורעט אַן אויג, אַרויסגענומען די פּייקע און זיך אָנגעצילט אויף דער לענטע. דער קאַטער האָט זיך געטראָגן איבערן וואַסער, געהודיעט און אָנגעהויבן צו פֿאַרשנעלערן דעם גאַנג.

זײַן נאָז האָט אַ קלאַפּ געטון אין דער מיט פֿון דער לענטע, זי אויסגעצויגן און זי האָט געפּלאַצט. אירע עקן האָבן זיך אַ הויב געטון איבערלופֿטן און דער מאָטאָר-קאַטער האָט זיך אַוועקגעטראָגן איבערן קאַנאַל מיט אַן אָפּט, פֿאַרטויבנדיק שיסערײַ.

— היפּ, היפּ, הוראַ! — האָט סיאָמאַ אַ געשריי געטון און אויפֿגעהויבן די האַנט.

עס האָט אים אָפּגעענטפֿערט אַ פֿילשטימיק געשריי פֿון די ברעגעס. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט דעם „אינטערנאַציאָנאַל". די אַרבעטער האָבן אַראָפּגענומען די פּילצענע היט. סיאָמאַ האָט אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָר. אַלע, וואָס זענען געווען אינם קאַטער, האָבן זיך אויפֿגעשטעלט.

צום ערשטן מאָל האָבן די אוראַלטע וועלדער געהערט מוזיק און דעם שטילן כאָראַל פֿון שטימעס.

נעוווסקאַיאַ האָט אַ קוק געטון אויף טשאַפּן. ער האָט געהאַלטן בײַם דאַשעק די אָפּגעברוינטע האַנט, וועלכע האָט צוליב דער ווײַסקייט פֿונם קיטעל אויסגעזען אַזוי ווי שוואַרץ. אין זײַן גאַנצער פֿיגור איז עפּעס געווען אַן אײַנגעהאַלטענע קראַפֿט און אַ רויִקייט. און נעוווסקאַיאַ האָט אַ טראַכט געטון, אַז די מענטשן הערן גאָרנישט אַזוי אָפּט דעם „אינטערנאַציאָנאַל", אָט די פֿײַערלעכע מוזיק, און איטלעכס

מאָל נעמט מען זי אויף ווי אַ סך-הכּל פון דורכגעפירטער ריזיקער אַרבעט, ווי די מוזיק פון ניצחון, ווי דעם פינאַל פון אַרבעט. דערפאַר טאַקע, קאָן זיין, ווערן אַזוי בלייך זייערע פּנימער.

ווי נאָר דער אָרקעסטער האָט אויפגעהערט צו שפּילן, האָט קאַכיאַני אַ געשריי געטון צו די אַרבעטער:

— גאַמאַרדשאָבאַ, חברים! איך באַגריס אייך מיטן זיג!

— גאַגימאַרדזשאָס! — האָט דער המון געענטפערט.

— חברים, — האָט קאַכיאַני געזאָגט. — דער קאַנאַל איז פאַרענדיקט, און מיר קאָנען זיך דערלויבן איין אָוונט זיך אָפּרוען און זיך משמח זיין. איר האָט אָפּגעטון אַ גרויסע אַרבעט, חברים. אַלע, אָנהויבנדיק פון די אַלטע און פאַרענדיקנדיק מיט די יונגע אינזשינערן, וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן דורך דער ראַטן-מאַכט. איך דאַנק אייך אין נאָמען פון דער פּאַרטיי. איר האָט באַזיגט די זומפּן, די וועלדער, די גאָסרעגנס און די מאַליאַריע. איר האָט נישט בלויז אויסגעטרוקנט דאָס לאַנד, נאָר איר האָט אויפגעטון אַ סך מער. דערלויבט מיר דאָ צו דערציילן צוויי פאַלן. אין זיי איז נישטאָ קיין סימן פון פּאָעזיע, דאָס זענען הוילע פאַקטן. אָט דער דאָזיקער אַלטער מאַן, אַרטעם קאָרקיאַ, האָט זיין גאַנץ לעבן געטראָגן אויף דער ברוסט אַ פּוסטע נוס מיט אַן אויסגעטרוקנטער שפּין. די דאָזיקע נוס האָבן נאָך געטראָגן זיין זיידע און זיין פאָטער. איר ווייסט, אַז אין די אַמאָליקע פינסטערע צייטן האָבן די מענטשן פון די זומפּן געהאַלטן, אַז אַן אויסגעטרוקנטע שפּין איז די בעסטע סגולה פון פיבער. די זקנות פלעגן שעפּטשען תפילות, און די מענטשן האָבן געגלויבט, אַז די דאָזיקע שפּין און די אָפּשפּרעכענישן פון די זקנות וועלן זיי אָפּראַטעוועון פון דער קרענק. און אָט האָט אַרטעם קאָרקיאַ נאָרוואָס אַראָפּגענומען די נוס פון זיין האַלז און זי אַריינגעוואָרפן אין וואַסער אַריין. „צו וואָס דאַרף מען די נוס און די שפּין, — האָט ער געזאָגט, — אַז די אינזשינערן וועלן בעסער פון אַלע שפּינען טויטן די מאַליאַריע“. זעט איר שוין, ווי אונזער אַרבעט דערנעענטערט דעם מענטשן צו דער קולטור. איך מוז אייך, חברים, דערציילן נאָך וועגן איין זאַך, וועלכע וועט אפשר דורך אייניקע פון אייך נישט ריכטיק פאַרשטאַנען ווערן. איך וועל רעדן וועגן דער סטאַטוע פון דער פאַזיאַנער פרוי, וואָס איז געפונען געוואָרן אין זומפּ. איך פאַרשטיי גאָרנישט אין סקולפּטור. איך בין אַ מעליאָראַטאָר, און נישט קיין מיקעל אַנזשעלאָ אָדער אַנטאָ-

קאַלסקי. אָבער דער דאָזיקער פֿאַקט, וואָס דער נעכטיקער יעגער גוליאַ און דער דאָזיקער אַלטער קאַרקיאַ האָבן פֿאַרשטאַנען, הגם נישט אינגאַנצן קלאָר, נאָר פּאָרט פֿאַרשטאַנען די קולטורעלע באַדייטונג פֿון אַזעלכע זאַכן, פֿרייט מיך זייער שטאַרק, חברים, הגם איך פֿאַרשטיי אַפֿילו גאָרנישט אין דעם דאָזיקן ענין. מיר, חברים, וועלן נעמען דאָס סאַמע ווערטפֿולסטע פֿון אַלע קולטורן און דאָס אַלץ צעשמעלצן אין דעם שמעלץ-אויוון פֿון אונזער סאָציאַליסטישן געדאַנק און וועלן, בלי ספק, אָפּגיסן די גרעסטע קולטור, וואָס די מענטשהייט האָט אַמאָל געקאָנט. זאָלן לעבן די סאָוועטישע סובטראָפּיקעס! איר שאַפֿט זיי מיט אייערע אייגענע הענט. פֿרייט זיך און לאָזט זיך וווילגיין, חברים!

נאָך קאַכיאַניס רעדע זענען אַלע אַוועק צו דעם ריזיקן טיש. אַרום אים האָט אַרומגעשמאַיעט דער באַלעבאָס פֿונם דוכאַן מיט אַ גרויס און פֿאַרשוויצט געזיכט. ער איז געווען אויסער זיך און זיך געפֿרייט. ער האָט זיך געפֿרייט, ווייל דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן פֿראַוועט ער אַזאַ שמחה אונטער דעם פֿרייען הימל, פּונקט אַזוי ווי אויף בעטשאָס בילד, אַ מאָלצייט אויף הונדערט פּערזאָן, און אויסער זיך איז ער געווען דערפֿאַר, ווייל עס האָבן געפֿעלט טישטעכער און עס וועט אפשר אויספֿעלן טיש-געשיר.

פֿאַכאָמאָוו האָט געקוקט אויף דעם עולם אַרום טיש מיט דורכדרינגלעכע און פֿריילעכע אויגן.

— איר זענט אַרגאָנאַווטן, — האָט ער זיך אָנגערופֿן צו גאַבוניאַן. — פּונקט אַזוי ווי יאַזאָן האָט אַנטדעקט אין קאָלכידע דעם גאָלדענעם אוצר, פּונקט אַזוי האָט איר אַנטדעקט די טראָפּיקעס. אַגב, צי האָט איר זיך אַמאָל פֿאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס עס האָט אין אוראַלט געהייסן „דער גאָלדענער אוצר“? אַ גאַנץ געוויינלעכע שאָפֿבאָקענע פֿעל. מען פֿלעגט זי אַוועקלייגן אויפֿן דעק פֿון אַ גאָלדטראָגנדיקן טייך, אָנגעוואָלגערט אויף די ברעגעס פֿון דער פֿעל שטיינער, אַז דער שטראָם זאָל זי נישט אַוועקטראָגן, און דאָס וואַסער פֿלעגט אין דעם וואָל איבערלאָזן דאָס גאָלד-זאַמד.

— גאַנץ פּשוט, — האָט קאַכיאַני געזאָגט, — און קיין סימן פֿון קיין פּאָעזיע נישט. אַ פּרימיטיווער אופֿן, ווי אַרויסצובאַקומען גאָלד. אַ פֿאַקט!

— אין דעם גאַנץ איינפֿאַכן איז פֿאַראַן זייער פֿיל פּאָעזיע, —

האט פאכאמאוו מילד דערווידערט. — די לעגענדעס פארמאגן אין זיך זוימען פון דער צוקונפט. די שטרעבונג פונם מענטשן צו דעם העכערן, שאפט די לעגענדעס. דער מיטאס וועגן איקארן — איז דער סאמע שענסטער פון אלע מיטאסן. אן איקאר איז ביי היינטיקן טאג געווארן יעדער פליער. אין דעם מיטאס וועגן יאזאנען ווערט דערציילט, אז מיט פייער-אטעמדיקע אקסן האט ער געאקערט די פעלדער. וואס הייסט דאס, אייגנטלעך, פייעראטעמדיקע אקסן?

— טראקטאטן, — האט זיך גאבוניא צעלאכט.

— דער מענטש דארף גלויבן אין זיינע כוחות, און דעמאלט וועט ער צווינגען די טייכן, זיי זאלן פליסן אויף צוריק און וועט לאזן וואקסן ציטרינען אין סיביר. איך זאג דאס ערנסט. דער מענטש מוז גלויבן אין דער קראפט פון זיין קונסט. ווען דער פאעט ארפעוס, וועלכער האט זיך באטייליקט אין דער עקספעדיציע פון די ארגא-נאווטן, האט געזונגען און געשפילט אויף דער לירע, האט דער ים אויפגעהערט צו רוישן. די גריכן האבן וועגן דעם געשריבן גאנץ ערנסט. זיי האבן אין דעם נאיוו געגלויבט. זיי האבן געגלויבט אין דעם כוח פון דער קונסט, און די טעכניק, דאס איז אויך קונסט, חבר קאכיאני. לאמיר-זשע גלויבן אין איר, פונקט אזוי ווי די גריכן האבן געגלויבט אין ארפעוסעס לירע. איר פארווירקלעכט אין לעבן דעם מיטאס וועגן דער דעראבערונג פון קאלכידע, וועגן גאלדענעם אוצר, וועגן דער דרייסטער עקספעדיציע פון די ארגאנאווטן. געלויבט און געבענטש זאלט איר זיין!

— איך האלט פון אייך, — האט קאכיאני זיך אנגערופן און זיך פארשעמט, — דעריבער טאקע גלויב איך אייך. זאל זיין ווי איר זאגט, מיטן גרעסטן כבוד!

נעווסקאיא האט זיך צוגעהערט צו דעם געשפרעך. זי האט גע-הערט די ווערטער וועגן יאזאנען, וועגן די לעגענדעס, וועגן די טראקטארן און פליערס, געהערט דאס פריילעכע מומלען פון די אר-בעטער, מיכאס הילכיק געלעכטער, גוליאס הייזעריקלעך קול, דאס בלאפלען פון די קינדער און טשאפס אייגנגעהאלטענע שפאסן.

דער ארקעסטער האט געשפילט אן אומבאקאנטע שטורמישע מעלאדיע. די זון האט ארומגעבלאנזשעט איבער די טישטעכער, גלעזער, פלעשער, איבער די טונקעלע הענט פון די מענטשן. די זון האט אריינגעקוקט אין די גלעזער און דורכגעלויכטן דעם רויטן וויין. די

זון האָט פאַרוואַנדלט אין אַ גאָלדן הייטל די שאָלעכץ פונם לאַוואַש.

עס איז געווען טומלדיק און פשוט, ווי אין אַן אייגענער גרוי־סער משפּחה.

נעווסקאַיאַ האָט געשוויגן. אַ זיכער געפיל, אַז עס איז מיט איר געשען עפּעס גוטס, וועגן וואָס זי גיט זיך נישט אָפּ קיין דין־וחשבון, האָט איר נישט פאַרלאָזט. אָבער וואָס איז געשען?

„פריינטשאַפט, — האָט זי פּלוצים אַ טראַכט געטון. — עס איז געקומען די סאַמע ריכטיקסטע פריינטשאַפט. דאָס בעסטע, וואָס קאָן נאָר זיין אויף דער וועלט. בלויז בשעת דער אַרבעט, בשעת סכנה, צוזאַמענשטויסן און זיגן, מפּלות און וויכּוחים ווערט דאָס דאָזיקע געפיל אויסגעשמידט, דאָס דאָזיקע געפיל, וואָס פּאַסט פאַר אונזער עפּאָכע, עס איז דאָס סאַמע גרעסטע פון די מענטשלעכע געפילן".

נעווסקאַיאַ האָט אַ קוק געטון אויף די אַרבעטער. אַ סך פון זיי האָבן צו איר געשמייכלט. געהויבן זייערע גלעזער און געטרונקען פאַר איר געזונט. זיי האָבן שטאָלצירט מיט איר — מיט דער געלערנ־טער פרוי, מיט יענער פרוי, וואָס האָט אַקסל ביי אַקסל געאַרבעט מיט זיי צוזאַמען אַ גאַנצע נאַכט אונטערן גאַסרעגן, בשעת עס האָט געשוועבט די וואַלן. זיי האָבן שטאָלצירט מיט נעווסקאַיאַן, מיט דער וווּנדער־שיינער פרוי אין דעם אומגעוויינלעכן שעמערירנדיקן קלייד.

זי האָט אַ קוק געטון אויף גאַבוניאַן, קאַכיאַנין, פּאַכאָמאָוון — זיי אַלע זענען געווען פריינט. זיי האָבן נאָך אַלץ זיך געאַמפּערט וועגן די מיטאָסן.

איר בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף טשאָפּן, כריסטאָפאָרידי, יאָלאָטשקאַ און סאַסאָ. האָבן מיט אָפענע מיילער געקוקט אויפן קאַפּיטאַן. ער האָט זיי עפּעס דערציילט מיט אַן ערנסטער מינע. דערנאָך האָט ער זיך צעלאַכט, און די קינדער האָבן זיך הילכיק צעכאַכעט. נעווס־קאַיאַ האָט זיך אויך צעלאַכט, נישט וויסנדיק פון וואָס.

די זון האָט באַרירט די שפּיצן פון די ביימער. זי האָט זיך שנעל אַראָפּגעלאָזט צו דער שקיעה. די קרומע שטראַלן האָבן פאַר־וואַנדלט די בלעטער אין קופּערס בראָנז.

די זון האָט זיך שוין געטרונקען אין ים, הינטער די פאַרגאָ־סענע וועלדער, ווען דער אַלגעמיינער רעש און געלעכטער האָט איבער־געשריען מיכאַס הויך, כמעט מיידלש, קול. אַלע זענען שטיל געוואָרן. מיכאַ האָט געזונגען אַן אַלט גרוזיניש ליד:

אירעקליאַ איז קעניג און האַר,
בלויז איינע פאָלגט נישט זיין באַפעל:
יאָ, די קעניגין האָט אים נישט ליב
און לאָזט אים נישט קומען אויף איר שוועל.

גאַבוניאַ האָט זיך אָנגעבויגן צו נעווסקאַיאַן און איר איבערגע-זעצט די ווערטער פון דעם ליד. פּאַכאָמאָוו האָט פאַרשטעלט די אויגן מיט דער האַנט. קאַכיאַני האָט פאַרזשמורעט די אויגן און געקוקט אויף דעם קאַנאַל, ווו עס האָט געשטראָמט דאָס טונקעלע, ריינע וואַ-סער. אין דעם וואַסער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער פאַרנאַכטיקער הימל.

איינזאַם בלאָנקט איראַקליאַ אַרום
אין די סעדער ביזן פרימאָרגן,
עס שפּאַסן די פּאַסטעכער, די קנעכט
פונם קעניג, דעם פאַרזאָרגטן.

טשאַפּ האָט מיט ציטערנדיקע פינגער געדרייט אַ ליידיקע גלאָז, ער האָט געקאָנט גרוזיניש און פאַרשטאַנען דאָס ליד. זאָל עס דער רוח נעמען, דאָס מאַטראָסן לעבן! עס האָט זיך אים געדוכט, אַז דאָס זינגט מען וועגן אים, דעם אַלטן מאַטראָס, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוווסט פון קיין ליבע.

מיין גאַנץ פאַרמעג — אַ פּאָר שאַלוואַרן —
און אונטערן גאַרטל — מיין קינזשאַל —
מיט דעם שמייכל פון קעניגין טאַמאַרא —
בין איך רייכער פון איראַקליאַן אַ סך.

אַ שווער בלימל האָט אַ קלאַפּ געטון טשאַפּן איבער דער האַנט עס האָבן זיך אַ שיט געטון טונקעלע בלעטלעך.

דער קאַפּיטאַן האָט אַ דריי געטון דאָס בלימל אין דער האַנט און דאָס אַריינגעשטעקט אין לאַץ. ער האָט דאָס דערקענט: אַזעלכע שוואַרצע רויזן זענען געוואַקסן בלויז אויף דער סובטראָפּישער סטאַציע.

ער האָט אַ קוק געטון אויף נעווסקאַיאַן. די ברעגעס פון אירע ליפּן האָבן אַ ציטער געטון. זי האָט איינגעהאַלטן איר שמייכל און האָט נישט געקוקט אויפן קאַפּיטאַן.

— האַלאָ! — האָט סיאָמאַ פּלוצים אַ געשריי געטון און מיט

די פיס אָנגעהויבן אויסקלאַפּן אַ דריבנעם טאַנץ. — האָלאָ! מיר לעבן ווידער לײדיס און דזשענטלמענס!

די אַרבעטער זענען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער. דער אָרקעסטער האָט אַ זעץ געטון די לעזגינקע, און גאַבוניאַ, אָפּרייסנדיק זיך פון זיין אָרט, האָט זיך אַוועקגעטראָגן אין דעם ראַשיקן לייכטן טאַנץ. גלייך נאָך אים האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיכאַ, מיט די אַרבל האָט ער אַראָפּגעשאַרט די וויין-גלעזער פונם טיש און ווילד געשריען.

די פייקלעך האָבן פאַרדומפּן און אײליק געראַוושט. די אַרבע-טער האָבן זיך געזאַמלט אַרום די טאַנצנדיקע און זיי צוגעפּליעסקעט מיט די הענט:

אַי, איין מאָל! און נאָך אַמאָל!
און נאָך, און נאָך, און נאָך אַמאָל!

די קולות זענען געוואָרן שטאַרקער און דערהיציטער, בשעת אין דעם רעדל איז אַריינגעשפּרונגען דער באַלעבאָס פונם דוכאָן. ער האָט זיך אָנגעהויבן דרייען ווי אַ דריידל, זיינע ברייטע סיצענע שאַראַ-וואַרן האָבן זיך געבלאָזן. ער האָט אַ פּליעסק געטון מיט די הענט איבערן קאָפּ און זיך שנעל אַוועקגעטראָגן איבערן רעדל:

אַש! אַש! אַש! אַש!

אַ לייכטער שטויב האָט זיך אויפגעהויבן איבערן וואַלד.

די גרעסטע פרייד איז געווען, ווען נעווסקאַיאַ איז אַריין אין דעם רעדל. איר גלאַנציק גרין קלייד איז זיך צעפלויגן און האָט גע-שאַרכט, און אַ הויך געטון אויף אַלעמענס געזיכטער מיט אַ וואַרעם ווינטל.

— הוראַ! — האָט כריסטאָפאָרידי אויסגעשריען און זיך אָנגע-הויבן קאַלערן ווי אַ ראָד אַרום די טאַנצנדיקע: „מיר שייערן — מיר פייערן, מיר פייערן — מיר שייערן!"

נאָך אים האָט זיך גענומען דרייען ווי אַ ראָד סאַסאָ.

אַרטעם קאָרקיאַ האָט געפּאָכעט מיטן שטעקן און געהוסט. גוליאַ האָט צוגעטופּעט, שטייענדיק אויף איין אָרט.

— ענדלעך איז די פרייד געקומען אויף צו אונז אין די זומפּן. קאַצאָ! — האָט קאָרקיאַ אַ געשריי געטון.

טשאָפּ האָט אַוועקגעזעצט יאַלאַטשקאַן אויף דעם אַקסל, כדי זי זאָל בעסער זען דעם טאַנץ.

מער פון אַלע האָט געשריען וואַנאַ אַכמעטעלי. זאָל די נוטריאַ גיין צו אַלדע כאַלערעס! מוזיק, וואָס שווייגסטו?

וואַנאַ האָט געטאַנצט מיט ברען און עקסטאַז. פאַרבייטראַגנדיק זיך לעבן יאַלאַטשקאַ, האָט ער געקנאַקט מיט דער צונג, געטשיקעט און אָנגעשטעלט בייזע אויגן:

נאָך אַמאָל, נאָך אַמאָל!

און נאָך, און נאָך, און נאָך אַמאָל!

— אַי, עס ווילט זיך מיר לאַכן, קוקנדיק אויף די דאָזיקע מענטשן. — האָט גרישאַ אַ געשריי געטון און איז אַריינגעשפּרונגען אינם רעדל.

אַלע זענען געבליבן שטיין. גרישאַ האָט געטאַנצט מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז מען האָט אים כמעט נישט געזען. די טאַנצנדיקע זענען פון אים אָפּגעשפּרונגען, אַזוי ווי פון אַ באָמבע, וואָס דרייט זיך און אָט-אָט וועט זי פּלאַצן.

אין דעם מאָמענט האָט דעם הימל דורכגעשניטן אַ שאַרפער פייף, און לעבן די שטערן האָט געפּלאַצט און זיך פונאַנדערגעשיט מיט אַ פייערדיקן שניי די ערשטע ראַקעטע. סיאָמאַ האָט אָנגעהויבן לאָזן זיין פייערווערק.

די ראַקעטן זענען אַרויסגעפלויגן איינע נאָך דער אַנדערער און האָבן פאַרטויבט מיט זייער קנאַלעריי. דעמאָלט האָבן ערשט אַלע באַמערקט, אַז עס איז שוין נאַכט — אַ בלויע, פריע נאַכט, וואָס שמעקט מיט פולווער און מיט ווייַן.

אויף די ברעגעס פונם קאַנאַל האָבן שוין געברענט שייטערס. דאָס וואַסער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שיטערן פלאַם. עס האָט זיך אין דעם געוואָרפן אַ רויט פייער, וואָס עס איז אויפגעשניטן געוואָרן דורך די ווייסע האַלבקרייזן פון די ראַקעטעס, וועלכע זענען אַלע ווילע געפלויגן צום הימל אַרויף.

טויזנטער גליווערמלעך האָבן זיך געטראָגן דורך דער געדיכטער-ניש פונם וואַלד, זיך אָנגעצונדן און ווידער זיך אויסגעלאָשן. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער אויסגעשטערנטער הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און פליט איבער די וועלדער, דרייט זיך ווי אַ ווירבל און אָט פליט ער צוריק אַרויף, דערשרעקנדיק זיך פאַר די בענגאַלישע פייערן, און אָט נעמט ער ווידער פאָכען מיט זיין שלייער איבער די שפּיצן פון די ביימער.

עך, נאָך, נאָך איין מאָל!
און נאָך, און נאָך, און נאָך אַמאָל!

יאַלאָטשקאַ איז איינגעשלאָפן אויף דעם קאַפּיטאַנס הענט. ער האָט זי אַריינגעטראָגן אין גאַבוניאַס צימער און זי אַוועקגעלייגט אויף דעם שמאָלן בעטל. דער ראָזער און ווייסער שיין פונם פייערווערק איז דורכגעלאָפן, ווי אַ בליץ, איבער דעם שמייכלענדיקן געזיכט פון דער פאַזיאַנער סטאַטוע.

— עך, דאָס מאַטראָסן-לעבן, דער רוח זאָל דאָס נעמען! — האָט דער קאַפּיטאַן אַ זאָג געטאָן.

ער איז געשטאַנען ביים פענצטער און געקוקט אויף די פייער־דיקע וווּנדער, וואָס האָבן זיך אָפּגעטאָן אויפן הימל.

נעוווסקאַיאַ איז שטיל אַריינגעקומען. זי איז צוגעגאַנגען צו טשאָפּן, אַרויפגעלייגט אויף זיין אַקסל איר הייסע און צאַרטע האַנט און לאַנג געקוקט אויף דעם קנאַלנדיקן רויטיקן פייערווערק. טשאָפּ האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן. ביידע האָבן געשוויגן.

דערנאָך איז נעוווסקאַיאַ פּונקט אַזוי שטיל אַרויסגעגאַנגען. טשאָפּ האָט דערהערט דאָס שאָרכען פון איר קלייד, געהערט, ווי עס האָט אַ קלאַפּ געטאָן די טיר, און די נאַכט האָט זיך מיטאַמאָל גענומען דרייען אין זיינע אויגן ווי אַ קאַרוזעל. טשאָפּ האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער ראַם פונם פענסטער און אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבער די אויגן. די האַנט איז געוואָרן פייכט.

— טיפּש! — האָט טשאָפּ אַ וואָרטשע געטון. — זיבן און פערציק יאָר זיך געהאַלטן, און איצט זיך אונטערגעגעבן.

די נאַכט האָט געדונערט מיט מוזיק, געשאָסן מיט פייערן, זיך געדרייט פון געזאַנג, און טשאָפּ האָט אַ טראַכט געטון, אַז ערשט אויפן זיבן און פערציקסטן יאָר פון זיין לעבן האָט ער זיך דערוווּסט, וואָס עס הייסט אַזוינס גליק.

ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט און איז אַרויסגעגאַנגען.

באַרוועסע אָריסייען

גאַנץ פרי האָט סיאָמאַ צוגעפירט צום האַפן דעם מאָטאָר-קאַטער. מען האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין פאָטי מיטן קאַנאַל, מיט טייך כאָפי און דערנאָך מיטן ים. דער טאָג האָט געשיינט צו זיין פונקט אַזאַ שטילער, ווי נעכטן.

אויף די ברעגעס פונם קאַנאַל האָבן זיך נאָך געררויכערט די שייטערס. דער טוי איז געפאַלן פון די בלעטער אין דעם הייסן אַש און האָט שטיל געשיפּעט. אין וועלדל האָבן פאָרזיכטיק געזונגען די פייגל.

געפאָרן זענען נעווסקאַיאַ מיט די קינדער, טשאָפּ און גאַבוניאַ.

בשעת דער קאַטער האָט זיך דורכגעטראָגן לעבן די באַראַקעס, האָבן די אַרבעטער געפאָכעט מיט די היט און געזונגען לידער. דערנאָך האָבן זיך אַזוי ווי אַ גרינער וואַסערפאַל אַ טראָג געטון אַנטקעגן די וועלדער, און דער קאַטער איז, הוידענדיק זיך, אַרויסגעשפרונגען אין די געהיימניספולע אַלייען פון דעם געשלענגלטן טייך כאָפּי.

סיאָמאַ האָט געזונגען. די גרויסע ווייסע זון האָט זיך אויפגעהויבן הינטער זיינע פּלייצעס און געוואָרפן לאַנגע שאָטנס.

דער קאַטער האָט זיך לאַנג דורכגעריסן דורך די וואַרעמע ריחות פון די בלעטער און וואַסער, און זיך אַלץ נישט געקאָנט אַרויסרייסן, ביז פון וויטנס האָט זיך נישט באַוויזן דער ים. דעמאָלט האָט אין פּנים אַריין אַ בלאָז געטון מיט דעם שאַרפן ווינט פון די וואַסער-געוויקסן און פייכטע זאַמדן.

דאָס שטעטל רעדוט-קאַלע האָט זיך אָפּגעשפיגלט אינם וואַסער מיט אירע הייזער אויף סוואַיעס, וואָס זענען געווען אויסגעפאַרבט מיט העלבלויע און ראָזע פאַרבן. עס האָט זיך געדוכט, אַז אויפן וואַסער ליגט און הוידעט זיך אַ בונטע, צעלעכערטע שאַל.

דער רויש פונם מאָטאָר איז איבערגעלאָפן פון איין הויז צום אַנדערן, געקלאַפּט אין די טירן און אויפגעוועקט די מענטשן. אַ פרוי מיט אַ זויג-קינד איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער טעראַסע. ערגעץ האָט אַ קריי געטון אַ האָן, און מיט אַ געפילדער האָט זיך אויפגעהויבן אַ טשאַטע טויבן.

דער קאַטער איז אַרויס אויפן ים און, פאַרקערעווענדיק זיך

בּרייט אויף דרום, האָט ער צעשיט שפּריצן וואַסער, און דורכגעפלויגן לעבן דער אַלטער זעגלשיף, וואָס איז געשטאַנען אויפן אַנקער.

עס האָט זיך געהערט, ווי אויף די פּליאַזשעס רוישט דער ווייטער צופלוס.

אויפן באָרט פון דער זעגלשיף זענען געזעסן, מיט אַראָפּגעהאָנגענע באָרוועסע פיס, אָפּגעבּרוינטע מאַטראָסן. זיי האָבן געררויכערט, געשפּיגן און באַטראַכט די ברעגעס פון קאָלכידע, ווי נייע אָדיסייען.